STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08529

# DR. HAYIM ZSHITLOVSKI

Nachman Mayzel

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ארויסגעגעבן פון ראובן ברײנין
לייען־קרייז, אין פילאדעלפיע;
פון מרים טאבאק, אין אנדענק פון
איר מאן עליע טאבאק;
און פון ראוז קוירק, אין אנדענק
פון איר מאן, דעם קינסטלער,
פרענק קוירק.

נחמן מייזיל

# ד"ר חיים זשיטלאָווסקי

## צו זיין הונדערטסטן געבוירניאר

1865 - 1965



1865 - 1943

איקוף פארלאג

NACHMAN MEISEL

# Dr. CHAIM ZHITLOVSKY

**1865 — 1965**

דערשינען אין פארלאג „חיפה"
ביי דער חיפהער אפטיילונג פון יידישן
שרייבער-און זשורנאליסטן-פאראיין אין
ישראל

1965

Copyright by
Yiddisher Kultur Farband, New York, N. Y.

געדרוקט אין „המדפיס החדש" חיפה, רחוב הרצל 92
כריכית בית החלוצות חיפה

## אינהאלט:


| | |
|---|---|
| צו די לייענער . . . . . . | 7—8 |
| ד"ר חיים זשיטלאָווסקי . . . . | 9—16 |
| ד"ר ח. זשיטלאָווסקי און אונדזער קולטור־געזעלשאפטלעכקייט . . . | 17—25 |
| אומדערמידלעכער קעמפער פאר דער יידישער שפראך . . . . . | 26—39 |
| זיין לעצטע רייזע . . . . . | 40—46 |
| די טשערנאָוויצער יידישע שפראך־קאָנפערענץ און ד"ר ח. זשיטלאָווסקי . . . | 47—57 |
| ד"ר ח. זשיטלאָווסקי — דער ליטעראטור־קריטיקער . . . | 58—79 |
| פראָפ. שמעון דובנאָוו און ד"ר חיים זשיטלאָווסקי . . . | 80—94 |
| ראובן בריינין און ד"ר חיים זשיטלאָווסקי | 95—110 |
| י. ל. פרץ און ד"ר חיים זשיטלאָווסקי . | 111—119 |
| הויפט־דאטעס אין לעבן און שאפן פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי . . . | 120—126 |

# צו די לייענער

ס׳איז איצט געוואָרן 100 יאָר זינט חיים זשיטלאָווסקי איז געבוירן געוואָרן, און 80 יאָר ווי ער איז צוגעטראָטן צו שאַפן די אומלעגאַלע יידישע אָרגאַניזאַציע „תשועת ישראל״. איבער 60 יאָר איז ער געווען טעטיק אינעם אַלגעמיינעם און יידישן פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכן און קולטור-שאַפערישן לעבן. אָן אויפהער האָט ער געקעמפט מיט וואָרט און פען, מיט וועלכע ער האָט זיך באַנוצט אויף אַן אייגנאַרטיקן מייסטערישן אופן. אין זיינע טויזנטער אַרטיקלען, דורך זיינע ווערק און זיינע עפנטלעכע אויפטריטן אין פאַרשיידענע לענדער האָט ער מיט אַ מערקווירדיקער ליידנשאַפט און אויסטערלישן פלייס געהאַלטן אין איין דערגרונטעווען זיך צו די הויפּט-יסודות פון די באַזונדערקייטן און אייגנשאַפטן פונעם יידישן פאָלק, זיין מהות, כאַראַקטער און ראָלע אין דער וועלט און אין דער געשיכטע פון פעלקער און זייערע קולטורן. גלייכצייטיק האָט ער געקעמפט, געמוטיקט און סטימולירט די פּראָגרעסיווע יידישע כוחות, די מאַסן און די אינטעליגענץ, די היימישע און פאַרפרעמדטע, פאַר דער נאַציאָנאַלער ווידעראויפלעבונג פונעם פאָלק, לויט די שענסטע און דערהייבנסטע טראַדיציעס פון דער גלאָררייכער יידישער געשיכטע, אין פולן איינקלאַנג און פאַרבינדונג מיט די ראַדיקאַלע אידעאַלן פון די וויזיאָנערן און וועלט-דענקער.

ווען עס איז אין 1935 געפייערט געוואָרן אויף אַ גאָר ברייטן פאַרנעם זיין 70-סטער געבוירנטאָג און 50 יאָר פון זיינע יידישע-סאָציאַליסטישע טעטיקייטן, האָט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי געפּרוווט, ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט, צו „וואַרפן אַ בליק אויפן גורל פון יענע גרונט-אידייען, פאַר וועלכע ער האָט זיך איינגעשטעלט אין אַ משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט״. אויף זיין קלאָרן, פּרעציזן שטייגער, האָט ער פאָרמולירט, אַז דאָס זיינען געווען „די פיר פונדאַמענטאַלע שטרעמונגען, וואָס האָבן זיך אויסגעפורעמט אין דער יידישער עפנטלעכקייט: די אַסימילאַטאָרישע ריכטונג, דער ציוניזם, דער גלות-נאַציאָנאַליזם און דער טעריטאָריאַליזם. די פיר ריכטונגען האָבן פון זייער זייט זיך פאַנאַנדערגעשיידט אין בירגערלעכע און סאָציאַליסטישע... און די אינעווייניקסטע געשיכטע פון אונדזער פאָלק איז געוואָרן די געשיכטע פון יענע גייסטיקע קאַמפן, וואָס אָט-די פיר שטרעמונגען האָבן אַרויסגערופן... אין אָט-די אַלע קאַמפן איז אויך אויף מיין גורל אויסגעפאַלן דאָס גליק און דער כבוד צו נעמען אַ טעטיקן אָנטייל...״ דאָס נעמלעכע וואָלט ער געקענט זאָגן וועגן זיין אָנטייל אין די קאַמפן אין די שפּעטערדיקע עטלעכע יאָר, וואָס ער האָט געלעבט און געקעמפט.

אין דעם ביכל, וואָס מיר גיבן אַרויס לכבוד און לזכרון ד״ר חיים זשיטלאָווסקיס הונדערטסטן געבוירנטאָג, ברענגען מיר אייניקע אָפּהאַנדלונגען, וועלכע כ׳האָב פאַרעפנטלעכט די לעצטע 25 יאָר, — צוויי פון זיי, געשריבן ביי זיין לעבן (צום 75-סטן געבוירנטאָג), און די אַנדערע — זינט 1943 ביז איצט. די אַרטיקלען זיינען געגעבן כראָנאָלאָגיש און אין דער פאָרם, ווי זיי זיינען געדרוקט געווען.

עס ווערן אין זיי געבראכט צום אויסדרוק די פאַרהערלעכונגס-געפילן, די איינדרוקן און טראכטענישן פון איינעם, וועמען ס'איז באשערט געווען מיט-צוזאַרבעטן מיט ד"ר ח. זשיטלאָווסקי און דערקענען אים פון דער נאָענט.

צווישן די ארבעטן האָבן מיר דריי, אין וועלכע עס זיינען געבראַכט פאַרגלייכן צווישן ד"ר חיים זשיטלאָווסקי מיט זיינע גרויסע מיטצייטלער — שמעון דובנאָוו, ראובן ברייניז, יצחק לייבוש פּרץ. דורך די אַנאַלאָגיעס איז פאַראַן די מעגלעכקייט קלאָרער און שאַרפער ארויסטיילן און ארויסברענגען די פילקאָליריקע זשיטלאָווסקי-געשטאַלט.

דער לייענער, וואָס וועט לייענען דאָס בוך מיט אַמאָל, זאָל אונדז מוחל זיין, ווען א ציטאַטע פון ד"ר זשיטלאָווסקי ווערט איבערגעחזרט אין אַן אַנדער אָפּהאַנדלונג. די אָפּשאַצונג וואָלט געליטן, ווען מיר וואָלטן זי ניט באשטעטיקט מיט זיינע אייגענע ווערטער.

זאָל אונדזער זאַמלונג וועקן דעם אינטערעס פון די לייענער צו ד"ר זשיטלאָווסקיס גייסטרייכע ווערק און צו דער ליכטיקער פערזענלעכקייט, וואָס זיין געבענטשטע השפּעה ציט זיך און וועט נאָך דויערן דורות און דורות.

**נחמן מייזיל**

אלונים, דעצעמבער 1965

# ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי איז אלט געוואָרן 75 יאָר.

צענדליקער יאָרן האָט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי געפאָרשט די יידישע און אלגעמיינע געשיכטע, באמיט זיך אויפצוקלערן די איבערוואנדלונגען פונעם יידישן געזעלשאפטלעכן געדאנק, אין הונדערטער ארטיקלען און גרעסערע אפהאנדלונגען האָט ער געזוכט די היסטאָרישע פארבינדונגען פון די אידייען-גערעגלעניישן אין דער יידישער וועלט, — און איצט דארף ד״ר זשיטלאָווסקי אליין ווערן דער אָביעקט פאר אנאליז, פאר פאָרשונג.

עס איז ניט פון די גרינגע זאכן אויפצושטעלן א פול און גאנץ בילד פון ד״ר זשיטלאָווסקי דעם מענטש און שרייבער, דעם קעמפער און דענקער.

מען מוז אים נעמען אין דער פארבינדונג מיט די וויכטיקסטע עטאפן פונעם יידישן געזעלשאפטלעכן געדאנק און אין פארבינדונג מיט די אידייאישע און פאָליטישע קאמפן, וואָס זיינען אָנגעגאנגען אין דער יידישער און ניט-יידישער וועלט די לעצטע 55 יאָר. עס איז אויך ניט גרינג דערפאר, ווייל ד״ר ח. זשיטלאָווסקי איז אזא גרויסער פּזרן. ער האָט קיינמאָל זיך ניט פארגונען אפצוגרענעצן זיך פון אלץ ארום, זיך צו באהאלטן אין איין ווינקל, זיך אָפּגעבן בלויז מיט איין ארבעט. און הגם, ווי עס דוכט זיך, ער איז שטענדיק געגאנגען זיין איין וועג, האָט ער אפט זיך אראָפּגעכאפּט אויף זייטן-וועגן. און ווי דער טייך אין אָנהייב פרילינג, וואָס פליסט ארויס פון זיינע ברעגעס און שאפט זיך אויסער זיין הויפּט-שטראָם אויך אנדערע דערבייאיקע, זייטיקע שטראָמען און אָפּפלוסן, אזוי אויך האָט זשיטלאָווסקי אין פארשיידענע צייטן זיך אוועקגעלאָזט אין זייטן-פלוסן. און אזעלכע פרילינגס האָט ד״ר זשיטלאָווסקי במשך פון זיינע 55 יאָר שרייבערישער און געזעלשאפטלעכער טעטיקייט געהאט זייער פיל.

ער האָט מיטגעהאָלפן אויסצוקריסטאליזירן און אויסצוגעשטאלטיקן דאָס געזיכט, דעם פרצוף-פנים פונעם מאָדערנעם ייד-מענטש. און ניט מיט נעגירן, מיט ברעכן און פאנאנדערוואַרפן צוימען. ד״ר זשיטלאָווסקי האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף באַיאָען. עס איז געווען זייער שווער דער גאנג פונעם יידישן מיטלאלטער, וואָס האָט זיך פארצויגן אזש ביזן סוף פונעם 19טן יאָרהונדערט אינעם יידישן לעבן. האָבן די קעמפער פאר א ניי לעבן פארלוירן דאָס געדולד, געווען פול צאָרן און פארביטערטקייט קעגן דאָס אלטע. ד״ר זשיטלאָווסקי האָט עס געמאכט גוטמוטיקער, געדולדיקער. ניט אָנגעפאלן, נאָר דערוויזן, אז מען קען אנדערש אויפריכטן דאָס יידישע לעבן אויף נייע וועלטלעכע יסודות. און סאר א מאסע ענערגיע ד״ר זשיטלאָווסקי האָט געפּטרט אין זיין רעדן און שרייבן אויף דער פאָרמולירונג און געשטאלטונג פון דעם גאנצן מאָדערנעם מענטש-ייד.

און ווי אנדערש ער איז געווען פון די טוער און פירער, וואָס זיינען געקומען פון דער פרעמד, מיט א פארטיקן רעצעפּט פון „נהיה ככל הגוים״, — לאָמיר

זיין ווי אלע אנדערע. יענע האָבן געבראַכט מיט זיך פרעמדע, פּאַרטיקע פּאַרמען און מאָסן און געוואָלט אַריינפּאַסן די יידישע מאַסע, דאָס יידישע פאָלק אין אָט די פּאַרמען און לבושים. פּשוט און פּראָסט איז געווען די תרופה, וואָס ד״ר לעאָן פּינסקער האָט געבראַכט דעם קראַנקן יידישן פאָלק, און אזוי אויך ד״ר טעאָדאָר הערצל. „אויב איר ווילט — איז עס ניט קיין לעגענדע״, — עס איז געווענדט בלויז אָן דעם ווילן. וויל מען, איז אַלץ רעכט. דער עיקר, מען זאָל זיך האַלטן ביים רעצעפּט, וואָס מען שרייבט צו דעם קראַנקן. און דערצו די אַלע, וואָס זיינען געקומען פון דער פרעמד, זיינען בעיקר אויסן געווען דעם גוף, דאָס דרויסנדיקע, דאַרף מען האָבן בלויז אַן אָפּעראַציע און פאַרטיק. אויף אַ פּאָר צענדליק זייטלעך איז אויסגעלייגט די גאַנצע תרופה. גאָר אַנדערש איז מיט די, וואָס זיינען געקומען צו די יידן־פּראָבלעמען פון אינעווייניק אַרויס. וואָס מער מען פּרואווט פאַרענטפערן, אַלץ מער ווערט פאַרקניפּט. וואָס מער אויסוועגן, אַלץ מער אומוועגן. און ווי זאָגט מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, דער באוואוסטער דענקער און פרעגער, „ועדין יש לשאול!״ — עס איז דאָ נאָך פיל און פיל וואָס צו פרעגן, צו פרעגן און אָפּצופרעגן. ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט געשטעלט די פראַגן, כדי צו געבן די פּאַסיקע ענטפערס. און ביים פאַרענטפערן די קשיות, זיינען אַלעמאָל אויפגעקומען נייע פראַגן און פּראָבלעמען. און ער האָט זיי אָן אויפהער געשטעלט, געשטעלט זיך, זיין דור, זיין צייט, זיין תקופה.

זיין גאַנצער לעבנס־וועג און שאַפונגס־וועג איז איין כסדרדיקער געראַנגל, איין כסדרדיקער קאַמף פאַר דער באַהעפטונג פון די צוויי קעגנזייטיקע כוחות אינעם לעבן — נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם. ווי גרינג עס איז געווען זיך אָפּצוזאָגן פון איינעם צוליבן צווייטן. אָבער זשיטלאָווסקי האָט קיינמאָל ניט מוותר געווען אויף קיין האָר ניט זיין סאָציאַליזם און ניט זיין נאַציאָנאַליזם. ער האָט געזוכט דעם סינטעז צווישן די סתירותדיקע כוחות אויף זיין אייגענעם שטייגער — אָפּטמאָל מיט אַן איבערגעוויכט אויף איין זייט, און אַמאָל — אויף דער צווייטער זייט.

און יעדעס מאָל איז אים צו הילף געקומען, אָדער, פאַרקערט, עס האָט אים „אַרויסגעבראַכט פון גלייכגעוויכט״, דאָס אַרומיקע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן און די רעאַלע פּאַסירונגען אין דער וועלט. דאָס האָט אים שטענדיק געגעבן שטאָף, אויפרייץ־ און אָנרעג־שטאָף, פאַר ווייטערדיקע באַטראַכטונגען. אין פייער פון די פּאָליטישע געשעענישן האָט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי געשמידט זיין גייסטיק געווער. און דעם געווער האָט ער קיינמאָל ניט אַריינגעלייגט אין שייד אַריין. זיינע אַרטיקלען זיינען אָפט געווען אַ באַרעכטיקונג, אַ פאַרענטפערונג פאַר זיינע טאַטן, די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע. עס איז אָפט אויך געווען אַ מין טענהן און אויסטענהן זיך מיט זיך גופא. עס איז אויך געווען די באַמיאונג אויסצוגלייכן די ווידערשפּרוכן, וואָס זיינען אָפט געקומען צום אויסדרוק. און ד״ר זשיטלאָווסקי האָט זיי קיינמאָל ניט באַהאַלטן, נאָר אדרבא, ער האָט זיי אַליין אַרויסגערופן, ער האָט זיי געשטעלט מיט זייער גאַנצער שאַרפקייט כדי צו קענען זיי פאַרענטפערן.

אין פלוג א גאנצער, אין פלוג א דורכאויס-איינהייטלעכער, אָבער אין תוך איז ער א מענטש מיט ווידעראנאנדן. ער גייט, דוכט זיך, שטענדיק זיין אויס-געפּלאַסטערטן וועג, דעם דרך-המלך, אָבער אין אמתן הערט ער ניט אויף צו קלעטערן און צו שפּאנען אויף זייטן-וועגן. ער, וואָס איז פאַרוויגט פאַר דעם גראַדליניקסטן, איז פול מיט קעגנזאצן, און זיין גייסטיקער און אידייען-וועג איז שטענדיק זיגזאגיש.

סוף כל סוף איז ער דער בויגזאמסטער צווישן די יידישע פּובליציסטן, פּאָליטיקער און דענקער. און הגם ער אליין האלט אין איין דערווייזן, אז ער איז אלעמאָל דער סאָציאליסט-רעוואָלוציאָנער, האָט ער געגנוג צוימען אריבער-געשפּאנט און זיך ניט געשראָקן צו ברענען בריקן הינטער זיך. ער האלט אין איין וואַרפן בליקן אויך אויף צוריק. ער פאַרווישט ניט די טריט הינטער זיך, ער פאַרגעסט ניט די פאַרגאנגענהייט, ער וואַרפט אויף איר שטענדיק א ניי ליכט און נעמט זי, די פאַרגאנגענהייט, אויף מיט נייער וואַרעמקייט און באַהאַרציקייט. ערגעץ-וואו האָט ד״ר זשיטלאָווסקי געשריבן אין שייכות מיט זיין פאַרשן די היסטאָרישע אידייאישע פאַרבינדונגען: „מיר האָבן אין די פאַרגאנגענע דורות א סך מער אייביק-לעבנדיקע מענטשלעכקייט, איידער פאַרשימלטן שטויב.״ און אזוי שפּאַצירט ער אום אין געשיכטלעכע ווייטקייטן און זוכט און נישטערט און גראַבט אויס דאַרט אידייען, אויפשיינען, אויפבליצן, וואָס קענען באלויכטן אונדזער איצטיק לעבן.

אין פלוג גאָר א רואיקער, אָבער אין תוך איז ד״ר זשיטלאָווסקי פון די סאַמע אומרואיקסטע פּערזענלעכקייטן ביי אונדז. פון דער סאַמע קינדהייט האָט ער זיך געפונען צווישן ווידערשפּרעכנדיקע כוחות און פאַקטאָרן, צווישן פאַר-שיידענע סתירותדיקע וועלטן און סביבות. פון זיין פאָטערס צד — פאַרברענטע מתנגדים (זיין פאָטער האָט געלערנט אין דעם מתנגדישן וואָלאָזשין!). וועגן זיין פאָטער דערציילט זשיטלאָווסקי, אז ער איז געווען „א זעלטענער דענקער-דיקער קאָפּ מיט א שאַרפער לאָגיק און קלאָרן שכל. א מערקווירדיקער מסביר מיט א פאַרליבע פאַר אילוסטרירנדיקע משלים, מוזיקאַליש און פאָעטיש באַגאַבט״ (עס איז שיעור ניט קיין שטיק כאַראַקטעריסטיק פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי גופא). און פון דער מוטערס צד — ליבאַוויטשער חסידים מיט דער ספּעציפישער חבדישער עמקות (טיפקייט) און כסדרדיקן טראַכטן און אַריינטראַכטן אין פאַרשיידענע וועלט- און הימל-זאַכן. אין זיין עלטערן-שטוב — פרומקייט און היינטוועלטישקייט, אמונה און השכלה; שפע, זאַטקייט אין הויז און אָרעמקייט און נויט אַרום. אזוי איז ער געוואַקסן — אין חדר און אין גימנאַזיע, מלמדים און לערער, צווישן מאַסן-קינדער און קינדער פון פאַרמעגלעכע, יידישע און ניט-יידישע פריינד און חברים. און אזוי ווייטער און ווייטער ראַנגלען זיך אין אים פאַרשיידענע קולטורן און שפּראַכן. נאָך דעם יידישן און יידישלעכן וויטעבסק קומט די עכט-רוסישע שטאָט טולא. אָט ערשט איז ער מיט די העברעאיש-פאַרצייטישע צייטשריפטן „הלבנון״, „הצפירה״, „המליץ״ — און שוין קומען צו גאָר אנדערע, רוסישע: און „חיבת-ציון״, „בילו״ (בית יעקב לכו ונלכה — די

ציוניסטיש-סטודענטישע באוועגונג!) בייט זיך מיט „נאראדנאיא וואליא" און מיט דער סאציאל-רעוואלוציאנערער באוועגונג.

און דאס מערקווירדיקסטע איז, וואס זשיטלאווסקי ווארפט איבער בריקן פון איין ברעג צום צווייטן. — כדי ערגעץ אנצוקומען וויל ער ניט פארלאזן די פריערדיקע היים און סביבה. ווי זאגט דאס אלטע ווארט: „יש מקום בראש להניח שתי זוגות תפילין" — עס איז דא אן ארט אויפן קאפ צו לייגן צוויי פאר תפילין. ד"ר זשיטלאווסקי שטעקט אין דיביידע וועלטן, שטייט פעסט אויף די ביידע באדנס און ער זוכט פארבינדונג, צוזאמענהאנג צווישן די וועלטן, וואס זיינען אין תוך אזוי ווייט אייגע פון דער צווייטער.

דערביי איז וויכטיק אט וואס: ער פריידיקט ניט קיין אידייען, אידעאלן פאר אנדערע, נאר ער גופא איז דער אביעקט פון אט די איבערוואנדלונגען. אויף אייגענע פלייצעס טראגט ער ארויס זיינע עקספערימענטן. ער איז ניט פון די דאקטוירים, וואס שרייבן-צו רעצעפטן פאר אנדערע. קודם כל איז ער אליין שטענדיק „אין קאן", דעם דיאגנאז שטעלט ער פריער פון אלץ אויף זיך גופא.

זיין פאליטיש-געזעלשאפטלעכע טעטיקייט, וואס איז ביי אים פארבונדן מיט דער ליטעראריש-טעארעטישער, הייבט זיך אן ווען ער האט געפלאנט אן אומלעגאלע יידישע ארגאניזאציע „תשועת ישראל", וואס זאל פריידיקן „פראגרע-סיוון יידישן נאציאנאליזם אויף סאציאליסטישע יסודות, מיט יידיש אלס נאציאנאלע שפראך". און זינט יענער צייט, שוין א מעשה פון א 55 יאר, איז ער אלץ געטריבן פונעם דראנג צו פארמולירן און אויסצוקריסטאליזירן זיין וועלט--אנשויאונג. און ער ווערט ניט מיד צו קנעלן און צו לערנען. „ניט איין פאר לונגען — האט אמאל ד"ר זשיטלאווסקי געזאגט אין זיינער א רעדע אין ווארשע, 1925 — האב איך אויסגערעדט פאר אט דעם אמת" (אז די יידישע קולטור „איז א נאציאנאלע" — נ. מ.).

אבער צי נאר פאר דעם-א אמת? און צי דען ניט אויך פאר נאך און נאך אמתן, וואס האבן אויסגעזען אין זייער צייט פאר גוזמאות, מיספארשטייענישן און פאנטאזיעס? זשיטלאווסקי דערציילט אויף זיין יידישלעכן שטייגער, ווי מען האט אמאל אויף אים געטייטלט: „א וואוילער, א פיינער יונגערמאן, נאר עפעס ניט מיט אלעמען, עפעס גערירט!" און דאס האלט מען אין טענהן קעגן אים, און אמאליקע יארן — אויך צווישן די ניט-יידן, מיט וועמען עס איז אים אויס-געקומען צו פירן אן אידייאישן קאמף, און אזוי ביז אויף היינט צו טאג.

ווען מען וויל אויפנעמען ד"ר חיים זשיטלאווסקי אין זיין גאנצן פארנעם, מוז מען נעמען אין באטראכט זיין טעטיקייט פאר די אלע יארן, וואס ער איז אקטיוו אין דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט. ער אליין טוט עס אין זיינע זכרונות, וואס ער האט דערווייל פארעפנטלעכט אין דריי בענד. דארט זיינען געגעבן זיינע איבערוואנדלונגען, אידייאישע גערانגלעניש, די זוכענישן און דערגרייכונגען, וואס האבן געפונען זייער אויסדרוק אין זיינע האנדלונגען און אפהאנדלונגען. ער באקעמפט דאגמעס און איז געקניפט און געבונדן צו זיי.

ער גייט אַלץ-ווייטער און ווייטער און קערט זיך אָפּטמאָל אום צו זיין אייגענעם אָנהייב. ער באַמיט זיך אַרויסצוברענגען די חילוקי-דעות, וואָס זיינען דאָ צווישן אים און זיינע מיטגייער און מיטקעמפער. ד״ר זשיטלאָווסקי דערציילט וועגן דעם איראָניש: „פון ד״ר זשיטלאָווסקין איז ניט אויסצוהאַלטן — טענהט מען. — אַט איז ער אַזוי, און שפּעטער ליאַרעמט ער וועגן גאָר אַנדערש. אַט דרינגט ער, אַז היינט איז שבת, און אַט — אַז היינט איז זונטיק. אָבער דערווייל איז טאַקע אַוועק שבת, און ס׳איז געקומען זונטיק.״ און וויפל מאָל האָט זיך עס געטוישט: עס איז אַוועק אַ שבת און עס איז געקומען אַ זונטיק אויף דער יידישער גאַס, פאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן.

פריער וואַרפט ער אָן די אַלגעמיינע סכעמע, דערנאָך קומט אַ ברייטערע פאָרמולירונג. ער הייבט אָן אַליין אויסטייטשן די אידייען און אידעאָלאָגיעס, וואָס ער ברענגט אַרויס אָדער וואָס ער אַגיטירט פאַר זיי. און אָפּטמאָל גיט ער, לויטן יידישן שטייגער, פּשט און דרש. פון די אַנדערע צוויי — רמז און סוד — פון זיי האַלט ער ווייניק. זיי זיינען אים פרעמד.

אַ כאַראַקטעריסטישער זאַך אין ד״ר זשיטלאָווסקיס אַ רעפעראַט (געשריבן פאַר דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס, פּאַריז 1937): ער רעדט וועגן דעם קאַמף, וועלכער האָט זיך אָנגעהייבן קעגן דער רעוואָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ וועגן יידיש. איינער פון די הויפּט-אַרגומענטן איז געווען, אַז מען מאַכט אַ צו-גרויס וועזן פון דער פאָרם, דער עיקר איז דאָך דער אינהאַלט. און ד״ר זשיטלאָווסקי מאַכט דערווייל אַן אָפּנייג פון דער טעמע, און הייבט אָן זיך אַריינצוטראַכטן אינעם ענין פון אינהאַלט און פאָרם. און ער זאָגט דערביי: „מיר קענען זיך נאַטירלעך ניט אַריינלאָזן אין דער טיפער חקירה וועגן „אינהאַלט״ און „פאָרם״, וואָס אַ היפּש ביסל וויכטיקע זייטן פון אָט דער פּראָבלעם זיינען אין דעם טעאָרעטישן געדאַנק נאָך עד היום ניט אויפגעקלערט געוואָרן אויף אַ באַפרידיקנדיקן אופן.״ ד״ר זשיטלאָווסקי האַלט אַלעמאָל, ווען ער גייט-צו צו אַ שטרייט-פראַגע, צו אַן אַקטועל פּראָבלעם, אַז איידער מען באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם גופא, מוז מען פריער קלאָר מאַכן אייניקע פּרטים, וואָס אָן דער אויפקלערונג קען מען ווייטער ניט גיין. און ד״ר זשיטלאָווסקי נעמט זיך צו באַטראַכטן „אייניקע וויכטיקע פונקטן, וועלכע מען לאָזט געוויינטלעך אַרויס פון אויג״, ווי ער זאָגט אַליין. און אָפּגערעדט אויף אַ פּאָר זייטלעך וועגן אינהאַלט און פאָרם און געבראַכט אַ ריי ביישפּילן, גיט ער צו: „דאָ וועלן מיר זיך אָפּשטעלן. וואָלטן מיר געהאַט צייט און חשק צו טעאָרעטישע אַנאַליזן, וואָלטן מיר געקענט נאָך ווייטער שפּינען דעם פאָדעם און באַווייזן...״ און ער גיט דערנאָך צו: „הונדערטער און הונדערטער ביישפּילן, בעיקר פון דער קולטור-וועלט, וואָלט איך געקענט ברענגען און, אַנאַליזירנדיק זיי, באַווייזן... א. אז. וו.״

ווען מיר לייענען איצט זיינע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען, געשריבן מיט יאָרצענדליקער צוריק, קען אונדז אָפּט אויסווייזן, אַז זשיטלאָווסקי פאַרטיידיקט צו-ליידנשאַפטלעך גוט-באַקאַנטע מיינונגען און אידייען. מען דאַרף אָבער

געדענקען, אז אין יענע צייטן, ווען די ארטיקלען זיינען געשריבן, זיינען עס געווען „אפיקורסישע" געדאנקען, געוואגטע מיינונגען וואָס זיינען געווען דאַן פאַרן עולם ווייט-ניט-איבערצייגנדיק.

ער האָט זיך באַנוצט מיט פאַרשיידענע אופנים פון אויסדרוק. ער האָט אין זיינע יונגע יאָרן אַנגעהייבן מיט שירים, מיט דערציילונגען, דערנאָך אריבער צו געשיכטע, פילאָזאָפיע, סאָציאָלאָגיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ליטעראַטור-קריטיק, איבערגעזעצט (צווישן אַנדערע זאַכן) פרידריך ניצשעס „אַלזאָ שפּראַך זאַראַטוסטראַ". ער האָט פאַרפאַסט „די געשיכטע פון פילאָסאָפיע", און נאָך גרעסערע ווערק, וואו ער האָט אַרויסבאַוויזן ערודיציע און פייאיקייטן מסביר צו זיין די שווערסטע געדאַנקען אין אַ זייער פּאָפּולערער שפּראַך.

זיין גאַנג אין די אַלע יאָרן איז אַ צווייענדיקער, — ער גייט כסדר מיט דעם רעאַלן לעבן, רעאַגירט אויף פּאַסירונגען אין דער אַלגעמיינער און יידישער וועלט, און גלייכצייטיק פירט ער אַ חשבון פון די אידייען, איבערוואַנדלונגען אין דער וועלט. און ווי ער זאָל ניט זיין וואָך פאַר די פּלאָגן און פּיינען, פאַרלירט ער קיינמאָל ניט דעם אָפּטימיזם, דעם בטחון, וואָס איז געבויט ביי אים אויף לאָגיק, אויף באַוואוסטזיין, אויף דעם גלויבן, אַז דאָך גייט עס צום בעסערן. עס איז ביי אים אַלעמאָל אַ הין-און-צוריק-גאַנג — ער דערגייט מיט זיין שכל, מיט זיין דענקען צו געוויסע אויספירן און באַמיט זיך צו פאַרקערפּערן אין טאַטן זיינע דערטראַכטענישן, און אָפטמאָל פאַרקערט — ער טוט זאַכן, ער רופט צו מעשים און ער באַגרינדעט זיי דערנאָך מיט פילאָזאָפישע סיסטעמען.

ד"ר זשיטלאָווסקי האָט אין פאַרשיידענע צייטן געהאַט תלמידים-חסידים, אָבער ער האָט געוואָלט צו ווערן אַ תלמיד, אַ חסיד פון זיין אייגענער תורה, ווי עס טרעפט אָפט מיט רביים, וואָס טרעטן ניט אָפּ אויף קיין האָר ניט פון דעם, וואָס זיי האָבן ווען-עס-איז געזאָגט. ער איז דעריבער ניט געהיט מיט זיינע תלמידים, ער קעכלט זיי ניט, ער פּאַסט זיך צו זיי ניט צו. דעריבער איז אָפט דאָ אַן אומצופרידנקייט צווישן זיינע תלמידים-חסידים מיט דעם „רבין" ד"ר חיים זשיטלאָווסקי.

אָפטמאָל קענען זיינע תלמידים אים ניט נאָכיאָגן. אָפטמאָל האַלטן זיי זיך אַלץ ביי די דינים און געבאָטן, וואָס זיינען אָנגעשריבן אין זיין שולחן-ערוך פון יאָרן צוריק, און דערווייל איז ער, דער רבי אַליין, געגאַנגען ווייטער. טרעפן מיר איצט תלמידים פון זשיטלאָווסקין, וואָס זיינען מורד אינעם איצטיקן רבין, זיי האַלטן זיך ביים אַמאָליקן זשיטלאָווסקי, יענער איז זיי נאָענט און טייער געווען, און דער איצטיקער, דער נייער, אין זיינע ווייטערדיקע איבערוואַנדלונגען, איז זיי פרעמד. זיי פרעגן אָפּ דעם איצטיקן זשיטלאָווסקי פונעם אַמאָליקן. אָבער ד"ר זשיטלאָווסקי ווערט דערביי ניט נתפעל, ער פאַרשטייט זיי, ער באַדויערט זיי.

קיינער, דוכט זיך, האָט ניט געהאַט אַזויפיל פאַרערער, נאָכפאָלגער אין דער מאָדערנער יידישער וועלט ווי ד"ר זשיטלאָווסקי, און קיינער האָט ניט געהאַט אַזויפיל אָנפאַלער, טענות-האָבער ווי זשיטלאָווסקי.

אָבער ער האָט קיין מורא ניט צו שטעלן זיך אנטקעגן דעם שטראָם, און ער שרעקט זיך ניט צו באַרירן פראַגן, וואָס זיינען שטארק סענסיטיוו און רייצנדיק אין דער עפנטלעכקייט.

ד״ר זשיטלאָווסקי גלויבט אין דעם כוח פון אויפקלער-וואָרט אויך אין דער איצטיקער צייט פון היסטעריע, אַנפאַלן און זידלערייען. ער פאַרלאַנגט טאָלעראַנץ און ער איז אליין דער ביישפיל פון אזא מין טאָלעראַנץ לגבי זיינע אַנפאַלער. ער איז אָפט זייער ברייטהארציק לגבי קעגנער, אָבער ווען עס פאָדערט זיך, איז ער גרייט צו שטרייטן פאַר א „קוצו של יוד״ — פאַר א קליינקייט, — ביזן סוף. ער איז א מענטש פון פרינציפּן, ער פאָדערט זיי ניט נאָר ביי אנדערע, נאָר אויך ביי זיך.

עס פלעגטן זיך ביי אים כסדר דער פובליציסט און דענקער. איינער ווערט געפירט פונעם אנדערן. דאָ ניט לאַנג האָט ער מיר געזאָגט וועגן זיך מיט זיין גוטמוטיקער ערנסטקייט: ווער ווייסט, ווען ער וואָלט געהאט צו טאָן בלויז מיט פילאָזאָפיע, וואָלט ער אפשר פיל דערגרייכט, אָבער דער פּאָליטיקער האָט פון די סאמע יונגע יאָרן כסדר געשטערט אים, ער זאָל פאַרבלייבן אין דער אבסטראַק-טער וועלט פון פילאָזאָפישע סיסטעמען.

*

די לעצטע עטלעכע יאָר איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי פנים אל פנים ביי פאַראַנטוואָרטלעכע קולטור-געזעלשאַפטלעכע סיטואַציעס, ווען יעדער שריט, יעדער באַוועג איז געווען פאַרבונדן מיט ערנסטע פאָלגן, אויך פאַר אים גופא, פאַר זיין וואוילזיין. און ס׳איז פאַר מיר געווען אויסערסט-אינטערעסאַנט צוצוקוקן זיך ווי ד״ר זשיטלאָווסקי, וואָס איז ביי אייניקע אומפאַראַנטוואָרטלעכע העצער פאַרוויגט געוואָרן פאַר אן „עובר בטל״, — ווי קלוג, ווי שאַרף, ווי טיף ער נעמט אויף די ערנסטע און אחריותפולע פּראָבלעמען און ווי ער לייזט זיי. וואָך און פרעציז איז זיין שטעלונג, און ווי לאָגיש און טאַקטפול און ווי אומאָפּהענגיק און ניט-שרעקעוודיק ער איז ביים באַשליסן זאַכן, וואָס קענען האָבן א פאַטאַלע ווירקונג אויף זיין אייגענעם לעבן אין אונדזער היגער יידיש וועלטל.

דערביי פאַרלירט ער קיינמאָל ניט זיין גלייכגעוויכט. ער וועגט איבער אַלע פּאַר-און-קעגן מאָמענטן מיט זיין טיפזיניקער, פאַרנונפטיקער לאָגיק. נאָר ניט לאָזן זיך טעראַריזירן און נאָר ניט מיטגעריסן ווערן פון אַנפאַלן!

און אומדערשראָקן און ניט-געקוקט אויף וואָרנונגען און דראָאונגען מצד כלומרשטע „גוטע פריינד״ און „בעלי-טובות״ (וואָס באַהאַלטן זיך שטענדיק, ווען מ׳דאַרף ד״ר זשיטלאָווסקין באמת פאַרטיידיקן און שיצן!), פאַרבלייבט ד״ר זשיטלאָווסקי ערלעך צו זיך און צו זיינע איבערצייגונגען.

נאָך יעדער באַגעגעניש מיט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, נאָך יעדן פאַרברענגען מיט אים א פּאָר שעה, אין זיין היים אין קראָטאָן-אָן-האָדסאָן אָדער אין זומער-

פלאַץ אין סאַראַטאָגאַ, גייט מען אוועק פול מיט נייער פאַרערונג, מיט נייער פיעטעט פאַר דעם גרייז-גרויען חכם און תלמיד-חכם, וואָס אויף אים לאָזט זיך זאָגן דאָס וואָרט:

וואויל איז צו דער עלטער, וואָס פאַרשעמט ניט די יוגנט!

1940

אין וויניפעג, 25-טן אַפּריל, 1943.

# ד״ר ח. זשיטלאָווסקי און אונדזער קולטור-געזעלשאַפטלעכקייט

## 1

א יובליי פון א ווירקטיקער, פאַרדינסטפולער פּערזענלעכקייט איז א קולטור-געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג, וואָס טרעט אַריבער די גרענעצן פון פּערזענלעכער, פּריוואַטער פייערונג. אין די יובליי-טעג פון א גרויסן שרייבער און טוער דאַרף מען אויפנעמען ניט נאָר די פאַרמעסטן און דערגרייכונגען, די אויפטוען און פאַרדינסטן פון דעם יובּיליאַר, נאָר מען דאַרף זיך אויך פאַרטיפן אין דער קולטור-געזעלשאַפטלעכער סביבה אָדער סביבות, וואו דער שרייבער און טוער האָט געלעבט און געווירקט. באַזונדערס איז עס נויטיק אין די יובליי-טעג פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, וואָס דער קרייז פון זיין ווירקונג איז געווען גרויס און פאַרשיידן. ער איז דאָך אין דער זעלביקער צייט געווען פּאָליטיקער און געזעל-שאַפטלעכער טוער, דענקער און קעמפער. ער איז געווען טעטיק אין פאַרשיידענע באַוועגונגען און ריכטונגען, געווען באַאיינפלוסט און גלייכצייטיק געווירקט אין פאַרשיידענע וועלטן. ד״ר זשיטלאָווסקיס באַוואוסטזיניק און ציל-אָנגעווענדט לעבן און שאַפן ציט זיך איבער פינף יאָרצענדליקער. מוז מען דעריבער, כדי דאָס בילד ד״ר זשיטלאָווסקי זאָל זיין וואָס גאַנצער, נעמען אים ניט נאָר אין איצטיקן צושטאַנד, און ביי די כוחות-פאַרהעלטענישן פון דער איצטיקער צייט, נאָר מען דאַרף אויפנעמען זיין לעבן און טעטיקייט, זיין איינפלוס און ראָלע אין יידישן לעבן, מיט יאָרן און יאָרן פריער. עס איז איצט באַזונדערס אינטערעסאַנט צו זען, ווי מען האָט זיך באַצויגן אין פאַרשיידענע צייטן צו ד״ר זשיטלאָווסקין אין די פירנדיקע יידישע קולטור-געזעלשאַפטלעכע קרייזן, און ווי עס איז אויפגעפאַסט געוואָרן זיין אָרט, באַדייט און ראָלע אין דער יידישער וועלט.

פאַר די עטלעכע און פופציק יאָר פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקיס אַקטיוו און פּראָדוקטיוו-שאַפעריש לעבן האָט ער געהאַט ענגע פאַרבינדונג, נאָענטע שייכות צו גאַנץ-אַנדערשדיקע ריכטונגען, קרייזן און געביטן. ער האָט פאַר די אַלע יאָרן געהאַט פיל מיטגייער און מיטאַרבעטער, מיטשאַפער און מיטקעמפער. פילפאַכיקייט און פילקאָלירנדיקייט איז א כאַראַקטעריסטישער שטריך פון ד״ר זשיטלאָווסקיס געשטאַלט. ער האָט שטענדיק געהאַט צו טאָן, ווי א פריינד און קעגנער, מיט די אָנגעזעענסטע פירער און טוער פון דער יידישער וועלט. ער איז געווען לאָיאַל, זיך שטענדיק באַצויגן „דזשענטלמעניש״ צו די פאַרשיידענע ווירקנדיקע כוחות אין יידישן לעבן, און אָט די לאָיאַלקייט און „דזשענטלמעניש-קייט״ האָט זיך אויפגעהיט אויך ביי און אויך בנוגע צו ד״ר זשיטלאָווסקי יאָרן און יאָרן. ד״ר זשיטלאָווסקי איז פיל יאָרן געווען די „פּערסאָנאַ גראַטאַ״, די „ניטראַלע״ פּערזאָן, וואָס ניט געקוקט אויף חילוקי-דעות, האָט מען געהאַט צו אים די טיפסטע אַכטונג און פאַרערונג.

איך האָב דורכגעבלעטערט זשורנאַלן, זאַמלונגען און ביכער, וואָס האָבן א שייכות צו ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, צו זיין לעבן און ווירקונג. איך האָב דאָרט

ארויסגעפונען אינטערעסאנטע פּרטים, וואָס דערציילן אונדז, ווי פאַרשיידנ־אַרטיקע שרייבער און טוער האָבן פאַרערט ד״ר זשיטלאָווסקי און ווי זיי האָבן באַצייכנט זיין ראָלע אין דעם יידישן קולטור־לעבן.

כ׳וועל זיך באַגרענעצן בלויז מיט קירצערע אויסצוגן, און דערצו — בלויז פון א קליינעם טייל אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען, וואָס זיינען געווידמעט ד״ר זשיטלאָווסקין.

מיר וועלן גיין כסדר:

אין זשורנאַל „דאָס נייע לעבן״ (דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1912, אונטער דער רעדאַקציע פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, ד״ר ה. זאָלאָטאַראָוו און ד״ר י. א. מעריסאָן) איז פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף פון ד״ר זשיטלאָווסקיס יובליי־קאָמיטעט — אונטערגעשריבן פון דער עקזעקוטיווע: ד״ר ס. עלסבערג, דוד פּינסקי, ד״ר י. א. מעריסאָן, און פון די קאָמיטעט־מיטגלידער: מאָריס ווינ־טשעווסקי, פּרץ הירשביין, יהואש, יעקב מילך, יואל ענטין, ב. צוקערמאַן און פיל אַנדערע.

אין דעם אויפרוף ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט: „איינער פון די וויכטיקסטע יידישע פּערזענלעכקייטן פון היינטיקן דור, א פאָרשטייער פון דעם יידישן ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלן געדאַנק, א דענקער און לערער פון סאָציאַליזם און א פירער אין דער פרייהייטלעכער באַוועגונג פון די רוסלענדישע פעלקער — ד״ר חיים זשיטלאָווסקי — פאַרענדיקט היינטיקס יאָר, צווישן אונדז דאָ אין אַמעריקע, דאָס ערשטע פערטל־הונדערט יאָר פון זיין פאַרדינסטרייכער טעטיקייט.״

און ווייטער ווערט געשריבן: „דאָס איז א יום־טוב ניט נאָר פאַר אונדז, זיינע נאָענטע פריינד און פאַרערער; ניט נאָר פאַר די פּראָגרעסיווע נאַציאָנאַל־געזאָנענע יידן אין אַמעריקע, וועלכע שעצן אים אַלס טיפן דענקער, טאַלאַנט־פולן רעדנער און ערלעכן פירער; נאָר פאַר דער גאַנצער יידישער אויפלעבונגס־און אַרבעטער־באַוועגונג, פאַראויס פון וועלכער ד״ר ח. זשיטלאָווסקי איז אָט די אַלע יאָרן געגאַנגען אין די ערשטע רייען.״

„אָפּשטעלנדיק זיך אויף זיינע אייניקע ווערק, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט זינט 1887, און אויף זיין כסדרדיקער שרייבערישער און קעמפערישער טעטיקייט, ווערט ווייטער אונטערגעשטראָכן: „ד״ר ח. זשיטלאָווסקיס אידעאַליזם און זיין געטרייע איבערגעגעבנקייט צו די בעסטע אינטערעסן פון פאָלק, וועלכע מוזן אָנערקענט ווערן אפילו פון די, וואָס זיינען ניט איינפאַרשטאַנען מיט אייניקע פון זיינע אידייען און אויספירונגען, מאַכן אים פאַר א פּראָמינענטע נאַציאָנאַלע פיגור, וועמעס לעבן און ווערק עס האָט אַן אַלגעמיינע באַדייטונג פאַר אָנהענגער און קעגנער צוגלייך.״

אין דעם־אָ זינען זיינען אינטערעסאַנט די ווערטער פון מאָריס ווינטשעווסקי אין זיין אַרטיקל (פאַרעפנטלעכט אין 1912 אין „דאָס נייע לעבן״). מ. ווינטשעוו־סקי זאָגט, אַז ער איז אין קיין פּרט ניט מסכים מיט ד״ר זשיטלאָווסקי, אָבער ער איז פול מיט פאַרערונג און באַגייסטערונג פאַר אים. „אונדזער יובילאַר — זאָגט מ. ווינטשעווסקי — געהערט טאַקע צו יענעם סאָרט מענטשן, וועלכע מען

קען ליבן און באַוואונדערן אפילו ווען מען איז זייערער א קעגנער סיי אין רעליגיעזע, סיי אין פּאָליטישע, סיי אין סאָציאַלע פּראַגן״.

מיט דרייצן יאָר שפּעטער, — יאָרן, וואָס זיינען רייך מיט געוואַלדיקע געשעענישן, אַלגעמיינע און יידישע, — אין נאָוועמבער 1925 האָט מען אין אַמעריקע און אין גאָר דער יידישער וועלט געפּייערט ד״ר ח. זשיטלאָווסקיס 60טן געבוירנטאָג. אין קאָמיטעט, וואָס האָט אָרגאַניזירט די יובילײ־פּייערונגען, זיינען געווען די אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן, געזעלשאַפטלעכע און קינסטלערישע, פון דער יידישער אַמעריקע.

אינעם אויפרוף האָט מען צווישן אַנדערן אַזוי כאַראַקטעריזירט דעם בעל־היובל: „פערציק יאָר ווי ד״ר זשיטלאָווסקי שטייט אין צענטער פון אונדזער עפנטלעכן און קולטור־לעבן; און פאַר דער צייט אומדערמידלעך געאַרבעט, געשאַפן און געבויט דעם בנין פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, באַרייכערנדיק די יידישע וועלט מיט גרויסע גייסטיקע ווערטן. פערציק יאָר פון איבערגעגעבענער אַרבעט און דינסט צו די יידישע אַרבעטער־מאַסן, מיטן פּען און וואָרט...״ און ווייטער: „זיין יובילײ איז א יום־טוב פון דער יידישער שפּראַך, פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דער יידישער קולטור בכלל, און פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן, וועמעס אינטערעסן ער האָט אַזוי גלענצנד און טריי פאַרטיידיקט די גאַנצע צייט פון זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן.״

דער יובילײ־קאָמיטעט האָט גערופן צו שאַפן א פאָנד, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן אַרויסצוגעבן ד״ר ח. זשיטלאָווסקיס ווערק, און „דאָס זאָל זיין אַן אויסדרוק פון אמתער פאָלקס־אָנערקענונג צו ד״ר זשיטלאָווסקי.״ „מיר ווענדן זיך — ווערט געזאָגט אין אויפרוף — צו אַלע, וואָס האָבן א באַציאונג צו דער יידישער קולטור און איר שאַפער, וואָס ווילן דעמאָנסטרירן פאַר דער וועלט אונדזער אַלעמענס ליבע צו דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, אַז זיי זאָלן אונדז העלפן שאַפן דעם פאָנד, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן אַרויסצוגעבן זיינע שריפטן, וואָס וועלן זיין א קוואַל פון וויסן, אויפקלערונג, דערמוטיקונג, און אומדערשעפּלעכער ברונעם פון ליבע צו די אידעאַלן, צו יושר און שיינקייט. דאָס וועט אויך זיין א גרויסער היסטאָרישער כבוד פאַר אונדז און פאַר אַלע, וואָס העלפן דעם פאָנד שאַפן, אַרויסצוגעבן די ווערק פון ד״ר זשיטלאָווסקי און אויך פאַרזיכערן די מעגלעכקייט אונדזער בעל־היובל ווייטער צו שאַפן און בויען אונדזער קולטור.״

אין פאַרבינדונג מיט אָט די יובילײ־פּייערונגען האָט ש. ניגער דאַן אָנגעשריבן א גרעסערע אַרבעט וועגן ד״ר זשיטלאָווסקי, וואָס האָט זיך אַזוי אָנגעהייבן: „עס איז מיר אוממעגלעך צו מאַכן אפילו א פּרוּוו צו שרייבן וועגן ד״ר ח. זשיטלאָווסקי און זיינע אויפטואונגען אָן א התנצלות. דער פאַרנעם פון זיין טעטיקייט איז אַזאַ ברייטער, זיינע ליטעראַרישע, וויסנשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן נעמען אַרום אַזויפיל פאַרשיידענע געביטן פונעם מאָדערנעם לעבן, פון דער הייַנטיקער קולטור, זיין פאָרשונגס־אַרבעט, זיין פּראָפּאַגאַנדע, זיין אינטעלעקטועלע פירערשאַפט רירט אָן אַזויפיל פּונקטן, אַז

ווען אפילו מען זאָל וועלן ניט אויסשעפּן, נאָר בלויז אָנרירן די טעמע פון אַלע זייטן וואָלט מען געמוזט זיך פאַרטיפן אין די וויכטיקסטע פילאָזאָפישע, עטישע, סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון דער איצטיקער עפּאָכע. דאָס וואָלט, פאַרשטייט זיך געוועזן פייאיק צו טאָן נאָר אַ מענטש, וועלכער האָט אַזעלכע אַלזייטיקע קענטענישן, אַזוינע ברייטע השגות ווי ד״ר זשיטלאָווסקי אַליין.״
באַרירט ד״ר זשיטלאָווסקיס אַקטיווקייט אין פאַרשיידענע תקופות, שרייבט ווייטער ש. ניגער: „אָבער ניט נאָר דער דרויסנדיקער פאַרנעם פון ד״ר זשיטלאָווסקיס מער ווי פערציק-יאָריק געזעלשאַפטלעך און ליטעראַריש שאַפן איז אויסערגעוויינלעך ברייט. אויך זיין אינהאַלט, אויך זיינע אויסדרוק-מיטלען זיינען זייער רייך, זייער פאַרשיידנאַרטיק: געשיכטע, פילאָזאָפיע, סאָציאָלאָגיע, פעלקער-פּסיכאָלאָגיע, פּאָליטיק, ליטעראַרישע קריטיק, זשורנאַליזם, איבער-זעצונגען, דערינערונגען, רעדאַקטאָרשאַפט, אַרויסגעבעריי, פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג, שריפטלעכע פּאָלעמיק און מינדלעכע דעבאַטן, רעדנער-קונסט, פּאַרטיי-קאַמף, געזעלשאַפטלעכע פירערשאַפט — אויף די אַלע און נאָך אַ סך אַנדערע געביטן איז ד״ר זשיטלאָווסקי פון די ייִנגערע יאָרן אָן געווען פּראָדוקטיוו, שעפעריש...״ („ליט. בלעטער״, 1926, איבערגעדרוקט אין „זשיטלאָווסקי-זאַמלבוך״, וואַרשע 1929.)

אין יענער צייט איז געגרינדעט געוואָרן דער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אין ווילנע, און עס איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ד״ר חיים זשיטלאָווסקי זאָל באַשטימט ווערן אין ערן-דירעקטאָריום פון דעם ייוואָ, צווישן די באַרימטע נעמען: אַלבערט איינשטיין, זיגמונד פרויד, פּראָפ. ש. דובנאָוו.

עס גייען אַדורך נאָך עטלעכע יאָר, — יאָרן הייסע און אַנגעגליטע, מיט שווערע געזעלשאַפטלעכע געראַנגלענישן אויף דער ייִדישער גאַס. עס קומען פאָר שטאַרקע ענדערונגען און גייסטיקע איבערוואַנדלונגען אין דער ייִדישער וועלט, עס בייטן זיך די סימפּאַטיעס און באַציאונגען צווישן באַוועגונגען און ריכטונגען. אויך ד״ר ח. זשיטלאָווסקי מאַכט פאַרשיידענע אָפּנייגן אויף „רעכטס״ און אויף „לינקס״. עס שאַפן זיך נייע קאָליזיעס און שאַרפע קאָנפליקטן און אַ נייער כּוחות-געשפּיל אין דער ייִדישער עפנטלעכקייט. אָבער די פאַרערונג פאַר ד״ר זשיטלאָווסקי צווישן די פאַרשיידענע ייִדישע קעמפנדיקע צווישן זיך קרייזן ווערט ניט נאָר ניט געמינערט, נאָר אדרבא — זי האַלט אין וואַקסן.

אַ באַווייז איז דער צונויפשטעל פון דעם ד״ר ח. זשיטלאָווסקי יובילײ-קאָמיטעט אין ניו-יאָרק צו זיין 70טן געבוירנטאָג (1935). עס וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט אויסצורעכענען אַלע נעמען פון אַ 150 שרייבער, שוישפּילער, קולטור-און געזעלשאַפטלעכע טוער. אין דעם יובל-קאָמיטעט האָבן זיך באַטייליקט די אָרגאַניזאַציעס: אַרבעטער-רינג, נאַציאָנאַלער אַרבעטער-פאַרבאַנד, „פאָרווערטס״-אַסאָסיאיישאָן, ייִדישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד, פאַראייניקטע ייִדישע גע-ווערקשאַפטן, אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן, אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, „אָרט״, ייִדישע אַקטיאָרן יוניאָן, ייִדישע שריפטזעצער יוניאָן לאָקאַל 83, פּאַרטיי פּועלי-ציון-צעירי-ציון, פּיאָנערן פרויען-אָרגאַניזאַציע, י. ל. פּרץ

שרייבער-פאַראיין, יידישע קולטור-געזעלשאַפט, יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, שלום-עליכם-אינסטיטוט, אמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס, אַרבעטער-ליג פאַרן וועלט-קאָנגרעס א. אנד.

אויך דער „יובל-בוך״, געווידמעט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי צו זיין 70טן געבוירנטאָג, מיט זיינע אַרטיקלען, נאָטיצן און אַנאָנסן, כאַראַקטעריזירט די באַציאונג צו אים מצד אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט. מען קען אויך פיל אַרויס-לייענען פון די אַלע לענגערע און קירצערע באַגריסונגען. דער „יובל-בוך״ איז רייך און פילפאַרביק ניט נאָר מיט זיין ליטעראַרישן טייל, נאָר אויך די באַגריסונג-אָפּטיילונג (וואָס פאַרנעמט גאַנצע 40 גרויסע זייטן) מיט הונדערטער נעמען פון אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וועלכע דריקן אויס אויף פאַרשיידענע אופנים זייער אכטונג, פאַרערונג, באַגייסטערונג, באַהאַרצטקייט און ענטוזיאַזם פאַר דעם גרויסן יובילאַר.

און איצט, ביי ד״ר זשיטלאָווסקיס פאַרשפּעטיקטע יובילײ-פייערונגען צו זיין 75טן געבוירנטאָג, קלינגט טרויעריק יענער מאַניפעסט פונעם „נאַציאָנאַלן יובילײ-קאָמיטעט״, וואָס דאַנקט אַלע אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וואָס האָבן „געהאָלפן צו אָרגאַניזירן די פייערונג לכבוד ד״ר ח. זשיטלאָווסקי צו זיין 70טן געבוירנטאָג, דעם 11טן מאַי, 1935.״ און דער סוף פון מאַניפעסט, אַז „דער קאָמיטעט האָפט, אַז מיר וועלן צוזאַמען פייערן דעם יובילאַרס 80-יאָריקן געבוירנטאָג״.

מיר וועלן אַרויסכאַפּן אַ פּאָר אויסצוגן פון אייניקע באַגריסונגען. די נאַציאָ-נאַלע עקזעקוטיווע פון אַרבעטער-רינג (אונטערגעשריבן: י. וויינבערג — פּרעזידענט, און י. באַסקין — גענעראַל-סעקרעטאַר) באַגריסט האַרציק דעם בעל-היובל און „ווינטשט אים לאַנגע יאָרן צו לעבן און צו קעמפן פאַר דער דערהייבונג פון די אַרבעטער-מאַסן און פאַר זייער באַפרייאונג״. די גענעראַל-עקזעקוטיווע פונעם יידיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער-פאַרבאַנד (געחתמעט: דוד פּינסקי — פּרע-זידענט, ל. סיגאַל — סעקרעטאַר) שיקט די האַרציקע באַגריסונג און זי גיט צו: „מיר זיינען שטאָלץ מיט זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן סאָציאַליזם, פאַר דער יידישער קולטור, פאַר די נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס-אידייען פון יידישן פאָלק און פאַר אַלעם, וואָס איז שיין און עכט אין דעם יידישן לעבן און אין דער געזעלשאַפט בכלל.״

אינעם „יובל-בוך״ איז דאָ אַ ליד פון ה. לייוויק מיטן נאָמען „דער ליכטיקער זייער״, מיט אַן אונטערשריפט „לכבוד ח. זשיטלאָווסקי, מיט פאַרערונג און ליבע״. דער דיכטער הייבט אָן זיין ליד מיט פאָלגנדיקן פערז:

וױ מען באַגריסט אַ טאַטן, וויל איך דיך באַגריסן.
דערלויבט מיר היינט צו זאָגן דיר — דו,
אַזוי ווי איך וואָלט רעדן צום לויטערן געוויסן
אין רגעס פון אויפגעלויכטענער רו.

ס׳איז אינעם „יובל-בוך״ אויך דאָ אַ ליד פון א. לעיעלעס מיט דער אונטער-שריפט „ד״ר ח. זשיטלאָווסקי מיט ליבע״. מיר האָבן אויך אַ קורץ אַרטיקעלע

פון ד״ר ש. מאַרגאָשעס, וואו ער דערציילט צווישן אנדערן: „איך האָב געהאַט די זכיה צו זיין צווישן די דאָזיקע, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו ד״ר זשיטלאָווסקיס לעקציעס ביי זיין ערשטן באַזוך אין אַמעריקע... און איך באַטראַכט עס פאַר אַ גליק, וואָס איך בין געווען צווישן די דאָזיקע, וואָס האָבן זיך געלאָזט לערנען און פירן פון אונדזער גרויסן מייסטער...״

דאָ האָט מען באַדאַרפט זיך אָפּשטעלן און דערציילן, ווי די עטלעכע דערמאָנטע דיכטער און שרייבער באַציען זיך „צום גרויסן מייסטער״ און „צום זייער״ אין זייער צייטונג „דער טאָג״. אָבער... דער תלמוד האָט פאַר דעם אַ קורץ, טרעפלעך וואָרט: „רבן דקרו״ — זייער רבין און פירער האָבן זיי געשטאָכן...

און טאַקע מיטן טיטל „רבי״ באַצייכנט ד״ר ח. זשיטלאָווסקין מנחם באָריישאָ, אין זיין אַרטיקל, וואָס הייסט „רבינו חיים זשיטלאָווסקי״, אינעם „מתנה־בוך״, וואָס דער שיקאַגער יובליי־קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן אין 1935.

2

איצט קומען מיר צו אַ מערקווירדיקן קאַפּיטל — „ד״ר ח. זשיטלאָווסקי און דער איקוף״ — אַ קאַפּיטל, וואָס איז פול מיט אינטערעסאַנטע געשעענישן און קאָנפליקטן. ד״ר זשיטלאָווסקי און איקוף — עס איז אַ געשיכטע, וואָס אין איר שפּיגלט זיך אָפּ אונדזער יידישע געזעלשאַפטלעכקייט און עס כאַראַקטעריזירט אויך פאַרשיידענע אָנגעזעענע שרייבער און טוער, זייער צוגאַנג צו וויכטיקע קולטור־דערשיינונגען, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אינעם אופן ווי זיי זיינען געקומען צום קולטור־קאָנגרעס און ווי זיי זיינען שפּעטער אוועק פונעם איקוף... אויפן פאָן פון דעם אַלעמען וואַקסט אויס אין איר גאַנצער גרויס און טיף די געשטאַלט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי.

פון אָנהייב אָן האָט ער זיך געשטעלט מיט לייב און לעבן פאַר דער אידייע און ניט אויפגעהערט אויף פאַרשיידענע אופנים צו פאַרטיידיקן — פריער דעם קאָנגרעס און דערנאָך דעם איקוף קעגן אַלע בייזוויליקע אָנפאַלער.

עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע אַרטיקלען און רעפעראַטן פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, וואָס האָבן אַ שייכות צום קולטור־קאָנגרעס און צום איקוף, געשריבן און גערעדט אין לויף פון די איבער פיר יאָר. ד״ר ח. זשיטלאָווסקי זעט אין דער באַוועגונג אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ (1908), וואָס ער איז געווען איינער פון אירע איניציאַטאָרן און פירער. ד״ר ח. זשיטלאָווסקי זעט אין דעם קאָנגרעס אַ פּאָליטישע און געזעל־שאַפטלעכע געשעעניש פון גאָר גרויסן באַדייט. ווי דער פאָרזיצער פונעם „אַמעריקאַנעם קאָמיטעט פאַר דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס״ שלאָגט ער אָפּ אַלע אַטאַקעס און בעיקר די באַרימטע „דערקלערונג״, וואָס באַרופענע און ניט־באַרופענע יידישע שרייבער אין ניו־יאָרק האָבן פאַרעפנטלעכט אין דער פרעסע ערב דעם קולטור־קאָנגרעס.

עס ליגט פאַר מיר ד״ר זשיטלאָווסקיס „אַ קעגן־דערקלערונג״, וואָס איז

פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „טאָג״ (דעם 20טן אויגוסט, 1937), וואו ער ענטפערט שאַרף און זאַכלעך פּונקט נאָך פּונקט. אין דעם אַרטיקל האָבן מיר די איינשטעלונגען פון ד״ר זשיטלאָווסקי און זיין אופן פון אויפנעמען פראַגן און פּראָבלעמען. טרעפלעך און לאָגיש וואַרפט ער אָפּ די פאַרשיידענע באַשולדיקונגען און אָנפאַלן אויפן קאָנגרעס.

דער קולטור-קאָנגרעס איז געווען אַ געוואַלדיקע וויכטיקע מאַניפעסטאַציע פאַר דער יידישער קולטור, און אַ גרויס געשעעניש אינעם יידישן פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכן לעבן. דערפאַר טאַקע האָבן די שאַרפע אָנפאַלן מצד געוויסע קרייזן און פערזאָנען ניט אויפגעהערט. אַ. גלאַנץ פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין „טאָג״ מיטן נאָמען: „פייערווערק און גאָר נישט מער״. און ד״ר ח. זשיטלאָווסקי קומט גלייך מיט אַן אינטערעסאַנטן ענטפער („טאָג״, דעם 17טן אָקטאָבער, 1937). דער זשיטלאָווסקי-אַרטיקל הייבט זיך אָן: „אין זיין אַרטיקל האָט קאָלעגע אַ. גלאַנץ באַוויזן אַ „טור דע פאָרס״. אין איין אַרטיקל האָט ער, ווי פון אַן עראָפּלאַן, אַראָפּגעשליידערט אַ צוואַנציק-דרייסיק באָמבעס אין דעם נייעם פאַנצער-שיף, וואָס דער פּאַריזער קולטור-קאָנגרעס האָט אויפגעבויט, דער פאַנצער-שיף צו פאַרטיידיקן די יידישע קולטור און איינצוגעמען פאַר איר אַלץ-נייע און נייע „לענדערייען״, וואָס איז נאָר וואָס אַראָפּגעלאָזט פון שטאַפּל...״

און אָט נאָך אַ דאָקומענט — די רעדע, וואָס ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן אין ניו-יאָרק דעם 6טן נאָוועמבער, 1937, אויפן קבלת-פּנים פאַר די דעלעגאַטן צו דעם פּאַריזער קולטור-קאָנגרעס אין מעקאַ-טעמפּל. דער רעפעראַט הייבט זיך אָן: „מיט די געפילן פון פרייד און פון שטאָלץ און פון דאַנקבאַרקייט זיינען מיר היינט מקבל פּנים די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן... און מיט די זעלביקע געפילן נעמען מיר אויף די טייערע מתנה, וואָס זיי האָבן אונדז געבראַכט — דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-פאַרבאַנד״. ס׳איז אַ באַגייסטערטע כאַראַקטעריסטיק פונעם קאָנגרעס און, ווי אַלע מאָל, איז די פאַסירונג ביי אים געוואָרן אַ רינג אין דער אַלגעמיינער גאָלדענער קייט פון דער יידישער קולטור-געשיכטע. אידייע און טאַט, פּראָבלעמען און מעשים — די גרונט-שטריכן פון זשיטלאָווסקיס וועלט-באַנעם — זיינען אויך געגעבן דעם קולטור-קאָנגרעס.

אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד אין דעם קאַפּיטל „ד״ר זשיטלאָווסקי און איקוף״ איז זיין אַרויסגיין פון פּרעזידיום צוזאַמען מיט אייניקע פּרעזידיום-מיטגלידער. אַנדערש איז געווען די שטעלונג פון ד״ר זשיטלאָווסקי, וועלכער קומט גלייך צוריק צו זיין אמת אינעם איקוף. ער האָט איינגעזען זיין צו איילקן באַשלוס און ער קומט צוריק מיט אַ ברייטערער דערקלערונג „מיינע טענות צום איקוף״ („יידישע קולטור״, נומ׳ 5-6, מאַי-יוני, 1940). נאָך מיט עטלעכע וואָכן פריער באַטייליקט ער זיך אינעם זשורנאַל „יידישע קולטור״ מיט אַ גרעסערער אָפּשאַצונג וועגן פּרצעס נאַציאָנאַלער באַדייטונג (אַ רעדע, געהאַלטן אַפּריל 1915 נאָכן טויט פון י. ל. פּרץ).

עס וועט דערגאַנצן דאָס בילד — זשיטלאָווסקי און איקוף — די בראָשור פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי „אונדזער נייער קולטור-ווילן״, אַרויסגעגעבן דורכן

איקוף צו די יובילײ-פײערונגען. ד״ר ח. זשיטלאָווסקי איז אין אַט דער ארבעט זײַנער, ווי אלעמאָל, דער טעאָרעטיקער און באַגײַסטערער, דער גוט-דענקער און שײן-שרײַבער. ער צעגלידערט די טעמע, ער איז, דוכט זיך, גאָר אַן אָביעק-טיווער און „זײַטיקער״ באַאָבאַכטער און אנאליטיקער, אָבער אין גאַנג פון טראַכטן און דערקלערן ווערט ער פאַרוואַנדלט אין א הײסן פּראָפּאַגאַנדיסט, אין אַן ענטוזיאַסטישן אַגיטאַטאָר פאַרן איקוף.

בײַ אים גײט שטענדיק „תורה״ און „עבודה״, „פּען״ און „שווערד״ אײַנ-אײנעם. אָפּטמאָל איז זײַן שרײַבן בלויז א טעאָרעטישע באַגרינדונג פון זײַנע טאַטן. ער איז, ווי מ׳האָט שוין וועגן אים געזאָגט, ניט בלויז א „נאה דורש״ (א שײן-רעדנער און שײן-שרײַבער), נאָר אויך א „נאה מקיים״ (ער פּירט קאָנסעקווענצן פון זײַן שרײַבן, ער וויל זײַנע אידייען רעאַליזירן, פאַרוואַנדלען אין מעשים!). און דאָס רופט כסדר ארויס קעגן אים ערנסטע קעגנערשאַפט און אויך אומווירדיקע אָנפאַלן.

וואָס האָט מען שוין ניט געזאָגט און געשריבן קעגן ד״ר זשיטלאָווסקי די לעצטע צוויי-דרײַ יאָר! עס איז שוין געשאַפן געוואָרן א שטיק ליטעראַטור פון אָנפאַלן און זידלערײַען קעגן אים. מען האָט אים באַטיטלט מיט די ערגסטע נעמען און צונעמען. אָבער ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, מיט זײַן טיף-אײַנגעבאָרענער אינטעליגענץ און אָרגאַנישער טאָלעראַנץ, פאַרבלײַבט בײַ זײַן קאַלטבלוטיקייט און גוטמוטיקער איראָניע: „אזוי, אזוי, האָט יענער זיך ווידער געזידלט? ווײַזט אויס, ער איז געווען אין כעס, און אז א מענטש איז אין כעס, ווײסן מיר וואָס ער קען רעדן, דאַרף מען אים מוחל זײַן!...״

צוליב ד״ר ח. זשיטלאָווסקיס פּאָזיטיווער שטעלונג צום סאָוועטן-פאַרבאַנד און צום סאָוועטישן יידנטום און צוליב זײַן באַציאונג צו ריכטונגען און באַוועגונ-גען אין דער יידישער וועלט, שטעלט מען אים אָפּט אוועק „מחוץ למחנה״. ער איז געוואָרן א „לא יבוא בקהל״. אָבער ד״ר זשיטלאָווסקי ווערט דערפון ניט נתפעל, ער גײט זיך זײַן וועג און ציט ווײַטער זײַן ליניע, — און, איך וואָלט געזאָגט, „אויף צופּיקעניש״ פון זײַנע שונאים-ביט-פאַרגינער, וואָס צווישן זײ זײַנען אויך דאָ אײניקע פון זײַנע געוועזענע פרײַנד, פאַרערער און תלמידים. ד״ר זשיטלאָווסקי נעמט אָן פאַר ליב די אָנפאַלן און ער טוט זיך ווײַטער זײַן ארבעט. אומדערשראָקן פאַרטײדיקט ער זאַכן וואָס זײַנען אים ליב און טײַער, ער באַטײליקט זיך אין די אינסטיטוציעס און אונטערנעמונגען, וועלכע זײַנען אים נאָענט, און ער טרעט אויף שריפטלעך און מינדלעך מיט דעם זעלבן ברען און מיט דער זעלבער קאָנסעקווענטקײט ווי אלעמאָל, ווי צוריק מיט צוואַנציק, דרײַסיק און פופציק יאָר.

און ערשט די טעג, בײַ א באַגעגעניש מיט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, אין זײַן קראַטאָן-אָן-האַדסאָן הײם, האָט מען באַרירט אײניקע זאַכן און זאַכענישן פון אונדזער קולטור-געזעלשאַפטלעכער סביבה, און ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט מיט א האַלב-ערנסטן און האַלב-איראָנישן טאָן געזאָגט: „עס מאַכט ניט אויס, מיר דאַרפן איצט כסדר שיסן אויף זײ מיט קאַנאָנען פון ליבשאַפט!״

עס איז א הויכע מדרגה פאר ד״ר זשיטלאָווסקין, אָבער עס פאַרמינערט כלל ניט די געפאַלנקייט און צעפאַלנקייט פון א שטיק יידישער געזעלשאַפט-לעכקייט, וואָס האָט געמאַכט ד״ר ח. זשיטלאָווסקין פאר א ציל-ברעט פון געמיינע אָנפאַלן.

און אויב עס איז נאָך ווייניק געווען, איז געקומען די געשיכטע מיטן ענטפער צו די יידיש-סאָוועטישע שרייבער, וואָס ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט אויף זיך גענומען די איניציאַטיוו צו אָרגאַניזירן א ווירדיקן געמיינשאַפטלעכן ענטפער. די היסטאָריע, ווי געוויסע שרייבער פון „איסט-בראָדוויי״ האָבן דערויף רעאַגירט, איז א שפּאַנענדיגע געשיכטע און זי כאַראַקטעריזירט אויך זייער שאַרף אונדזער קולטור-געזעלשאַפטלעכע סביבה, איר רעאַקציאָנערן פּרצוף און די געפאַלנקייט פון פאַרשיידענע אָנגעזעענע יידישע שרייבער, וואָס שפּילן אָפט די ראָלע פון נייטראַלע, ראַדיקאַלע...

1942

# אומדערמידלעכער קעמפער פאר דער יידישער שפּראַך

## 1

דעם 6טן מאַי, 1943, האָבן מיר אַרויסבאַגלייט אונדזער טייערן, אונדזער אייגענעם ד״ר חיים זשיטלאָווסקי צו זיין אייביקער רו. מ׳האָט וועגן אים, וועגן זיינע גרויסע פאַרדינסטן געשריבן פיל באַגייסטערטע אַרטיקלען. עס האָבן אויך ניט אויסגעפעלט קיין קליינטשינקע, נישטיקע פאַרשווינדלעך, וואָס האָבן נאָכגעוואָרפן שטיינער נאָך דעם אָרון פון דעם גרויסן מענטש און ייד. אייניקע האָבן די שטיינער איינגעוויקלט אין „וואַטע", אָבער דערפון איז דער שטיין ניט לייכטער געוואָרן... אָבער פאַר אונדז אַלעמען, וואָס זיינען מיט ד״ר זשיטלאָווסקין געגאַנגען און מיטגעגאַנגען, געאַרבעט און מיטגעאַרבעט צענדליקער יאָרן, פאַר אונדז אַלעמען איז ד״ר חיים זשיטלאָווסקי ניט אַוועק, נאָר ער איז פאַרבליבן אַ לעבעדיקע און ווייטער-ווירקנדיקע פּערזענלעכקייט. מיר דאַרפן ניט און ווילן ניט זיך אָפּגעזעגענען מיט אים אויף שטענדיק און אייביק, ווי עס טוען עס די פאַרשיידענע זייטיקע, פּרעמדע הספּד-מאַכער, נאָר אדרבא, אין אונדזערע ווייטערדיקע קולטור-שאַפערישע טעטיקייטן וועט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי זיין און פאַרבלייבן אַן אָנרעגנדיקער און וועג-ווייזנדיקער פאַקטאָר, ווי ער איז עס געווען אין לויף פון זיין לאַנג און פּראָדוקטיוו לעבן.

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי גופא איז אַ ווערק, אַ גרויס ווערק, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן. ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט אָנגעהייבן זיין פּאָליטישגעזעלשאַפטלעכע טעטיקייט מיט איבער זעכציק יאָר צוריק. ער איז מיטגעטראָגן געוואָרן מיט דער לעבנס-סטיכיע, מיט די כוואַליעס-פּאַסירונגען, ווי מיט די אידייאישע שטרעמונגען און ריכטונגען, נאָכאַנאַנד עטלעכע צענדליק יאָר. זיין צייט-דויער, ווי אויך זיין שטח-קרייז איז געווען זייער לאַנג און זייער ברייט. גאָרניט אין פאַרגלייך מיט אַנדערע דענקער, טוער און שרייבער, וואָס זייער ווירקונג-קרייז און איינפלוס-צייט איז באַגרענעצט און קאָנצענטרירט אין ענגע ראַמען, האָט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי געהאַט צו טאָן אין לויף פון זיין לאַנגן שטורמישן לעבן, מיט פעלקער און באַוועגונגען, וואָס זיינען שטאַרק ווידערשפּרעכנדיק און ווידעראַנאַנדיק, און אומעטום איז אים באַשערט געווען צו זיין ניט בלויז אַ מיטגייער-מיטלויפער, ווי אייניקע ווילן איצט ד״ר זשיטלאָווסקיס אַרבעט פאַרקלענערן און פאַרשמעלערן, נאָר אדרבא, אומעטום און אַלעמאָל איז ער געווען פון די פּיאָנערן, וואָס טרעטן אויס וועגן-שטעגן אין ווילדוואַלד פון גייסטיקע און מאַטעריעלע טראַדיציעס און קאַנאָנען. ער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט און ניט געקענט רוען אויף די „לאָרבער-בלעטער", וואָס זיינען אים צוגעטראָגן געוואָרן פון דעם אָדער יענעם צד אינעם אַלגעמיינעם און יידישן לעבן, נאָר ניט מיד געווען אָבעראַמאָל און ווידעראַמאָל צו מאַכן רעוויזיעס אין די אייגענע איינשטעלונגען, און אויב ער האָט, לויט זיין מיינונג, געגרייזט

ערגעץ-וואו, האָט ער עס דערנאָך אָפן און גוטהאַרציק מודה געווען און אָפּגעקערט פונעם טראַקט און זיך געלאָזט אויף נייע וועגן-שטעגן.

און וויבאַלד ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט אַדורכגעמאַכט אין לויף פון זיין 60-יאָריקן לעבנס-גאַנג אַ ווייטן וועג, מוזן מיר אים, זיין לעבן און שאַפן, בעמען אין דער פּערספּעקטיוו פון די לעצטע דורות און תקופות, און — אין פאַרבינדונג מיט די פּאָליטישע און קולטור-געשיכטלעכע איבערוואַנדלונגען און פּראָצעסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דעם אַלגעמיינעם און אינעם יידישן לעבן אָנגעהייבן פון די 80ער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט און ביז די לעצטע טעג. דאַן וועלן מיר האָבן פאַר זיך ד״ר חיים זשיטלאָווסקי ווי אַ וויכטיקע, וואונדערלעכע געשטאַלט, ווי אַ וויכטיקן זאַמל-טיפּ, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן, אַ ווערק, וועמען „עס האָט אוועקגעגעבן דאָס בעסטע, וואָס עס האָט פאַרמאָגט״, ווי שלום-עליכם האָט זיך אויסגעדריקט וועגן זיין ווערק „פונעם יאַריד״.

און מיטגעהאָלפן האָט דעם פאָלק אָט די קאָמפּליצירטע שאַפערישע אַרבעט, טאַקע ד״ר ח. זשיטלאָווסקי אַליין, וואָס פון די יונגע יאָרן האָט ער ניט אויפגעהערט איינזאַפּן אין זיך אַלדי פּאַסירונגען, געשעענישן, איבערוואַנדלונגען און פּראָצעסן, זיי איבערגעקאָכט אין זיך, אַדורכגעלאָזט דורך די אייגענע קאַנאַלן, און פון אָט דער געמיינזאַמער, בשותּפותדיקער שאַפונגס-אַרבעט, פונעם פאָלק און פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, איז אויסגעפורעמט, אויסגעשטאַלטיקט און אויסגעמייסטערעוועט געוואָרן מיט גאָר דער טיפקייט און ברייטקייט, מיט גאָר די סתירות און ווידעראַנאַנדן, מיט גאָר די בלאָנדזשענישן און געפינענישן די פּרעכטיקע זשיטלאָווסקי-פּערזענלעכקייט, דאָס זשיטלאָווסקי-ווערק.

און גראָד אין אָט די אָפּטמאָל-שרייענדיקע אין פלוג ווידערשפּרוכן און אין די אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע ווידעראַנאַנדן ליגט די גייסטרייכקייט פון דעם גרויסן זאַמל-טיפּ, וואָס אַזאַ ווידערשפּרעכנדיק און פילגעשטאַלטיק פאָלק ווי דאָס יידישע האָט געקענט אַרויסברענגען.

אין אָט דעם זינען האָט פאַר אונדז אַ גרויס אינטערעס און אַ וויכטיקע פאַרשערישע באַדייטונג אַרויסצואַנטפּלעקן פון די אַלע ווערק, אָפּהאַנדלונגען און אַרטיקלען, וואָס ד״ר זשיטלאָווסקי האָט פאַר די 60 יאָר פון זיין פאַרשווענדערישער קולטור-געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פאַרעפנטלעכט, די שטריכן צו דער פילקאָלירנדיקער זשיטלאָווסקי-געשטאַלט, און דערמיט אַרויסהעלפן די אַרבעט פון אויספאָרמירן דאָס גרויסע זשיטלאָווסקי-ווערק.

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט עס אַליין גוט געפילט און פאַרשטאַנען, און יעדעס מאָל ביים אַנאַליזירן אויפדאָסניי וויכטיקע פּאָליטישע, קולטור-געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און אָנשויאונגען, האָט ער געפּרואווט אַרויסברענגען זיינע טראַכטענישן און מיינונגען, און אַרויסצוגעפינען די ריכט-ליניע, דעם בינד-פאָדעם מיט דעם אַמאָל שוין-אַרויסגעזאָגטן און אַרויסגעפינען די גרונט-פּרינציפּן. ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט אַמאָל געזאָגט: „מיינע ווידערשפּרוכן — און אַזעלכע זיינען געוויס געווען — זיינען אַ פּועל-יוצא, אַ רעזולטאַט פון פאַרשיידענע אומשטענדן און פאַרשיידענע צייטן. זיי שטאַמען פונעם ווילן צו

כאפּן דעם אמת. אמאָל איין טייל, אמאָל אַן אנדערן. אָבער דאָס זיינען ווידער־שפּרוכן לפּנים, ווידערשפּרוכן — איידער מען טראַכט זיך אין זיי אריין... פּראָגראַמען קענען זיך ענדערן, דאָס גרויסע און ווירקליכע איז די שטעלונג..."

און פּראָגראַמען און שטרעמונגען און ריכטונגען האָבן זיך אין די לעצטע 60 יאָר געוואַלדיק געענדערט אינעם יידישן פאָלק — ביי די יידישע מאסן און ביי דער יידישער אינטעליגענץ. פאַר די זעכציק יאָר זיינען פאָרגעקומען געוואַלדיקע איבערוואַנדלונגען און איבעראַנדערשונגען אין דער יידישער וועלט. מיר זיינען אוועק, ווייט אוועק, פון די אַמאָליקע קאַבצאַנסק, טונעיאַדעווקע און גלופּסק, וואָס מענדעלע מוכר ספרים האָט אזוי אמתדיק געשילדערט, און פון קאַסרילעווקע, מאַזעפּעווקע און יעהופּעץ, וואָס שלום־עליכם האָט אזוי געטריי געמאָלן, — און אַזוי אויך זיינען מיר ווייט־אוועק פון דעם אַמאָליקן יידישן וועלט־באַנעם און פון די אַמאָליקע יידישע גייסטיקע האָריזאָנטן. — האָט זיך דאָס אלץ נאַטירלעך אָפּגעשפּיגלט אין דעם לעבן פון כלל און אין דעם כאַראַקטער פון יעדן יחיד. און עס זיינען געווען עיקרדיקע, ווירקליכע איבערוואַנדלונגען, וואָס אָפטמאָל זיינען זיי געגאַנגען ביים יידישן כלל ווי ביים יידישן יחיד ניט גלייך, נאָר מיט זיגזאַגן, מיט ארויף־אראָפּן. עס איז געווען אין דער זעלבער צייט דער ברייטער שליאַך, דער דרך־המלך און אויך זייטיקע שטעגן־וועגן. און ווער האָט עס ניט אָפּגעקערט פון דעם שליאַך אויף שמאָלע שטעגן? און ווער האָט דען ניט געקלעטערט אויף זייטן־וועגן?

אין זיין אַרטיקל „פופציק יאָר טעטיקייט און וואו האַלט עס?", געשריבן אין 1935 צו זיין 70טן געבוירנטאָג און צו זיינע 50 יאָר יידיש־סאָציאַליסטישער טעטיקייט, פּרוּווט ד"ר ח. זשיטלאָווסקי „צו וואַרפן א בליק אויף דעם גורל פון יענע גרונט־אידייען", פאַר וועלכע ער האָט זיך „איינגעשטעלט אין א משך פון א גאַנצן האַלב־יאָרהונדערט". די „פיר פונדאַמענטאַלע שטרעמונגען, וואָס האָבן זיך אויסגעפאָרמירט אין דער יידישער עפנטלעכקייט" (אין די יאָרן 1903-1904):

„די אַסימילאַטאָרישע ריכטונג, דער ציוניזם, דער גלות־נאַציאָנאַליזם און דער טעריטאָריאַליזם. די פיר ריכטונגען האָבן פון זייער זייט זיך פאַנאַנדער־געשיידט אין בירגערלעכע און סאָציאַליסטישע. די אינעווייניקסטע געשיכטע פון אונדזער פאָלק איז געוואָרן די געשיכטע פון יענע גייסטיקע קאַמפן, וואָס אָט די פיר שטרעמונגען האָבן ארויסגערופן... און אין אָט די אַלע קאַמפן איז אויך אויף מיין גורל אויסגעפאַלן דאָס גליק און דער כבוד צו נעמען א טעטיקן אַנטייל."

ד"ר זשיטלאָווסקי האָט אַלע זיינע יאָרן געהאַט זיין הויפּט־שליאַך. ער האָט אָפט געקענט אָפּקערעווען אַן א זייט, זיך פאַרהאַלטן א קירצערע צייט אין זייטיקע אכסניות, אָבער באַלד איז ער צוריקגעקומען צו דעם עיקר־ציל פון זיין לעבן, פון זיין שאַפן און טעטיקייט.

אין איינער פון זיינע לעצטע אַרבעטן, אין זיין אינטערעסאַנטער בראָשור „אַן ענטפער צו ה. לייוויק", פּרוּווט ד"ר ח. זשיטלאָווסקי מיט קלאָרע ווערטער פאָרמולירן זיין אייגענע וועלט־אַנשויאונג און געדאַנקען־גאַנג. ער שטעלט זיך

אָפּ אויף אייניקע עיקר-פּרינציפּן און הויפּט-שטריכן פון זיין וועלט-באנעם און ער זאָגט: „אין פולן איינקלאנג מיט יענע גרונט-געדאנקען, איז אויך מיין גאנצע טעטיקייט ביי דעם יידישן פאָלק, אָנגעהייבן מיט דער „תשועת ישראל״ פון 1885...״ און „אָט דעם געדאנקען-גאנג — באטאנט ד״ר זשיטלאָווסקי — דין איך מיין גאנצן לעבן.״

דאָס נעמלעכע חזרט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי איבער אין פיל-פיל אנדערע ערטער. אָט פארעפנטלעכט ער אין 1917 די יידישע איבערזעצונג פון זיין רוסי-שער בראָשור (ארויס אין לאָנדאָן אין 1892 אונטערן נאָמען „יעווריי ק׳ יעווריעיאם״), און אינעם פאָרוואָרט רעכנט ער איבער די „אייניקע גרונט-געדאנקען, וואָס דער „א ייד צו יידן״ האָט צום ערשטן מאָל ארויסגעזאָגט אין דער יידישער רעוואָלוציאָנערער פובליציסטיק״, און ד״ר ח. זשיטלאָווסקי גיט צו, אין 1917 — מיט 25 יאָר נאָכן אָנשרייבן זיין בראָשור, — אז „צו די גרונט-פּרינציפּן בין איך געבליבן טריי אין דער גאנצער צייט פון מיין טעטיקייט. די ענדערונגען, וואָס זיינען אין דעם משך פון פינף און צוואנציק יאָר פאָרגעקומען אין מיינע אָנשויאונגען, האָבן געבראכט מיט זיך ניט קיין אָפּלייקענונג, נאָר פארשטארקונג, בארייכערונג און פארטיפונג פון יענע גרונט-פּרינציפּן, אין דעם „א ייד צו יידן״...״

אָבער אויב אין פארשיידענע פראגן און פּראָבלעמען פונעם יידישן לעבן, פון דער יידישער ווירקלעכקייט קען מען געפינען פארשיידענע, אָפּטמאָל טיפע חילוקי-דעות (מיינונגס-פארשיידנקייטן) ביי ד״ר ח. זשיטלאָווסקי און מ׳קען אָפּפרעגן דעם זשיטלאָווסקי פון פארשיידענע צייטן, איז אין באצוג צו דער יידישער שפּראך און איר ראָלע אינעם יידישן לעבן, אין באצוג צו דער יידישער ליטעראטור (וואָס איז ביי אים פיל מער ווי בלויז ליטעראטור, נאָר קולטור אין רייכסטן און טיפסטן זינען פון וואָרט), אין באצוג צו דער שפּראך און קולטור פונעם יידישן פאָלק אין ד״ר ח. זשיטלאָווסקי פון זיינע סאמע יונגע יאָרן ביז דער לעצטער צייט געבליבן דער זעלבער עקשנותדיקער, אויסגעהאלטענער באגייסטערער און אָן-פּשרותדיקער קעמפער.

## 2

לאָמיר ברענגען אייניקע מאטעריאלן וועגן זשיטלאָווסקיס שטעלונג צו יידיש. מיר וועלן ארויסכאַפּן פון זיינע צענדליקער גרעסערע ארבעטן און הונדערטער ארטיקלען בלויז אייניקע שטעלן, וואָס וועלן באשיינפערלעך ווייזן די גרונט-פּרינציפּן און הויפּט-געדאנקען, וואָס ד״ר זשיטלאָווסקי האָט ביי יעדער געלעגנ-הייט ארויסגעבראכט אין פארטיידיקונג פון דער יידישער שפּראך, וועלכע האָט געהאט אויסצושטיין פון פארשיידענע זייטן שארפע אָנפאלן.

נאָך אין 1885 (אין עלטער פון 20 יאָר) האָט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי זיך ארומגעטראָגן מיט א געדאנק און שוין געהאט געמאכט די צוגרייטונגען צו גרינדן אן אומלעגאלע יידישע אָרגאניזאציע אונטערן נאָמען „תשועת ישראל״ — „צו קעמפן פון איין זייט קעגן חיבת-ציון און פון דער אנדערער זייט צו פריידיקן

די אידייע פון א פּראָגרעסיוו-יידישן נאַציאָנאַליזם אויף סאָציאַליסטישע יסודות מיט יידיש אלס נאַציאָנאַלע שפּראַך״.

דאָס איז געווען עטלעכע יאָר איידער י. ל. פּרץ האָט פּאַרעפנטלעכט זיין ערשט ליד אין יידיש און נאָך איידער שלום-עליכם האָט אַרויסגעגעבן זיין „יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק״ (1888).

אין 1896 האָט זשיטלאָווסקי אָרגאַניזירט א גרופּע אויסלענדישע יידישע סאָציאַליסטן מיטן צוועק „צו שאַפן סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אויף יידיש״, און ד״ר זשיטלאָווסקי האָט אָנגעשריבן א פאָרוואָרט צו די דאָזיקע אויסגאַבן אונטערן נאָמען „פאַרוואָס דווקא יידיש?״, אָבער דער „בונד״, וואָס האָט געהאַט אַן אנדער שטעלונג צו יידיש, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן דעם פאָרוואָרט.

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט זיין שטעלונג צו יידיש פאַרטיידיקט אין זיין וויכטיקער ארבעט „ציוניזמוס אָדער סאָציאַליזמוס?״, וואָס ער האָט אונטערן נאָמען בן-אהוד געדרוקט אין דער בונדישער צייטשריפט „דער יידישער ארבע-טער״, (ארויסגעגעבן פון דעם „אלגעמיינעם יידישן בונד אין רוסלאַנד און אין פוילן״, מערץ 1899, אין דער שווייץ).

מיר ברענגען דעם אויסצוג, וואו ס׳רעדט זיך וועגן דער יידישער שפּראַך און דער יידישער ליטעראַטור (פונעם פינפטן און לעצטן קאַפּיטל פון דער אָפּ-האַנדלונג), מיט אָרטאָגראַפישע ענדערונגען:

„... דערצו נאָך — שרייבט בן-אהוד-ד״ר ח. זשיטלאָווסקי — האָפן מיר אלס יידן: ערשטנס, אז די יידישע פאָלקס-ליטעראַטור, וואָס דער יונגער יידישער דור האָט אין דער לעצטער צייט פאַרשאַפן פאַר דאָס יידישע פאָלק, וועט אלץ וואַקסן און וואַקסן, וועט צוציען אלץ מער טאַלאַנטן צו זיך, און וועט זיך דער-שלאָגן צו אַזאַ מדרגה, אויף וועלכער עס שטייען די שענסטע אייראָפּעאישע ליטעראַטורן. מיר האָפן, אז די יידישע שפּראַך, וואָס איז אונדז אַזוי טייער און הייליק, ווי דעם דייטש די דייטשע, דעם רוסן די רוסישע, און ווי דעם אלטן יידן זיין לשון-קודש, וועט אלץ-רייכער ווערן אין ווערטער און אין אויסדריקן. זי איז נאָך איצטער אָרעם, האַרט און ברעקלדיק, ווייל די יידישע געלערטע, די געבילדעטע, די פּאָעטן און די בעלעטריסטן שרייבן נאָך ניט אויף יידיש, אָבער ווי נאָר די קינסטלער פון דער שפּראַך וועלן אין דעם פלאַם פון טאַלענט פאַנאַנדערוואַרעמען דאָס מאַטעריאַל פון דעם יידישן לשון, אַרייגיסן עס אין אנדערע פאָרמעס, מאַכן פון אַן אלט וואָרט דריי נייע, צוטרעפן דעם פאָלקס-געשמאַק אין דעם, ווי ער דריקט זיך אויס, וועט דער יידישער לשון ווערן רייך און ווייך-פליסנדיק און אין אים וועט מען קענען אויסדריקן אלץ וואָס מען וויל.״

און ווייטער זאָגט בן-אהוד (זשיטלאָווסקי) אין זיין דערמאָנטן ארטיקל:

„... און ווי נאָר די יידישע ליטעראַטור וועט ווערן רייך אין ביכער פון אלערליי וויסנשאַפטן, וועט דער יונגער דור ניט דאַרפן זוכן די ערשטע נויטיקע קענטעניש ביי די פרעמדע פעלקער. זיינע מענטשלעכע געפילן און זיינע פרייע געדאַנקען וועט ער קענען אויסבילדן אין דער היים אין דער אייגענער שפּראַך. דאָס וועט אים נאָך מער צובינדן צו זיין פאָלק. אלץ וואָס ער וועט אויפטאָן אין וויסנשאַפט,

אין קונסט וועט ער פאַרעפנטלעכן אויף יידיש, און די יידישע קולטור, די יידישע בילדונג וועט אַלץ וואַקסן אַן אַן אויפהער, און וועט ווערן אַ מוראַדיקע קראַפט, וואָס וועט צונויפבינדן אינאיינעם ניט נאָר די געבילדעטע מיט דעם פאָלק, נאָר אויך אַלע יידן פון אַלע לענדער...״

און דאַן קומט אזא אַפּזאַץ: ״ווייטער האָפן מיר, אַז די יידישע פּראָלע-טאַריער פון אַלע לענדער וועלן מאַכן איין האַנט און וועלן גרינדן איין זעלב-שטענדיקן אַלגעמיינעם אַרבעטער-בונד, וואָס וועט אומעטום באַשירעמען די אינטערעסן פון דעם יידישן פאָלק און וועט אומעטום העלפן די פעלקער, צווישן וועלכע די יידן לעבן, גיכער דערשלאָגן זיך צו אונדזער אַלעם העכסטן ציל, צו סאָציאַליזמוס און פרייהייט, און אין דער פרייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט דאָס יידיש פאָלק פירן זיין לעבן אזוי ווי עס וועט אים בעסער געפעלן. מיר, יידן, וועלן האָבן אונדזערע אייגענע שיין און קלוג-איינגעפירטע חדרים, אונדזערע גימנאַזיעס און רעאַל-שולן, אַפילו אונדזערע אייגענע אוניווערסיטעטן. אויב דריי מיליאָן שווייצער קענען אויסהאַלטן צען אוניווערסיטעטן און אַקאַדעמיעס, וועלן די זיבן ביז אַכט מיליאָן יידן, וואָס רעדן יידיש, אוודאי קענען אויפהאַלטן פינף און צוואַנציק! און אויף אַזאַ אופן וועט דאָס יידישע פאָלק ווערן איינס פון די געבילדעטסטע צווישן די פעלקער.״

״אין דער אַלטער וועלט — זאָגט ווייטער בן-אהוד-ד״ר ח. זשיטלאָווסקי — האָט געהערשט דער כלל: דאָס פאָלק — דאָס איז זיין מלוכה! און דעריבער האָט יעדעס פאָלק געזוכט צו האָבן אַן אייגן לאַנד און אַן אייגענע מלוכה. אין דער נייער וועלט אָבער וועט זיין אַ כלל: דאָס פאָלק — דאָס איז זיין קולטור, זיין בילדונג! און דעריבער קען דאָס יידישע פאָלק בלייבן פּאָליטיש און רעכט-לעך וואוינען צעזייט און צעשפּרייט צווישן אַלע פעלקער און דאָך בלייבן יידן...״ — — —

און בן-אהוד באַטאָנט, אַז ״די קאַלטע און האַרטע ווירקלעכקייט״, זי ״פאָדערט פון אונדז, מיר זאָלן אויסאַרבעטן און אויסבעסערן אונדזער שפּראַך, ווייל אַז ניט וועלן מיר ניט קענען איבערגעבן דעם פאָלק די הויכע און קלוגע געדאַנקען פון דעם איצטיקן סאָציאַליזם״. די ווירקלעכקייט ״פאָדערט פון אונדז, מיר זאָלן אויפהייבן אויף אַ הויכער מדרגה אונדזער פאָלקס-ליטעראַטור, ווייל די יידישע אַרבעטער דאַרפן האָבן בילדונג און אויפקלערונג כדי צו באַפרייען זיך פון די אַלטע געדאַנקען, כדי צו קוקן מיט אַ קלאָרן בליק אין דער וועלט...״

אויף וויפיל אַט די געדאַנקען וועגן יידיש און וועגן דער ראָלע פון דער יידישער ליטעראַטור אינעם יידישן לעבן זיינען געווען אַפּיקורסיש אַפילו פאַר די ראַדיקאַלע קרייזן פון יענער צייט, רעדט גאַנץ קלאָר די פּאָלגנדיקע באַ-מערקונג פון דער בונדישער רעדאַקציע צום קאַפּיטל 5 פון בן-אהוד-ד״ר זשיטלאָווסקיס אַרטיקל. מיר ברענגען די באַמערקונג וואָרט אין וואָרט:

״דיא רעדאַקציאָן פון דעם ״אידישען אַרבייטער״ געפינט פאַר נייטיק צו באַמערקן, אַז דער אַרטיקל 5 דריקט אויס ניט אונדזער נאָר דעם אויטאָר׳ס מיינונג. מיר האַלטען זיך שטייף פאַר דעם פּרינציפּ, אַז וויא אַללע נאַציאָנען, אַזוי אויך

דיא אידישע, דארפען האָבען גלייכע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און נאציאָנאלע רעכט. מיר קעמפּפען אפילו פאר דאָס. אָבער צי וועט זיך דיא אידישע פאָלקס-שפּראך, דער „זשארגאָן" אזוי ענטוויקלען, אז זיא וועט ווערען א קולטור-שפּראך, צי וועט דאָס לעבען ברענגען דאצו, אז עס וועט זיך מיט דער צייט אויס בילדען א ספּעציעל אידישע ליטעראטור און וויסענשאפט, א ספּעציעל אידישע קולטור; צי וועט דיא וויססענשאפט אויף אידיש שטיין אזוי הויך, אז דיא אידען וועלען קאָנען אין צוקונפט האָבען אידישע גימנאזיעס אוניווערזיטעטען און אנדערע שולען; צי איז נייטיק צו פארבינדען דיא אידישע ארבייטער פון פארשיעדענע לענדער מיט גאנץ אנדערע פּאָליטישע בעדינגונגען — דאָס אללעס זיינען פראגען, אויף וועלכע עס איז שווער יעצט באשטימט צו ענטפערען. יעדענפאלס, פאר דיסקוסיאָנען איז דער ארטיקעל נישט איבעריג און מיר מיינען, אז ער וועט דאמיט ברענגען פאר דיא אידישע אגיטאטאָרען פיעל נוצען..."

און מערקווירדיק: מיט 38 יאָר שפּעטער הערן מיר די זעלבע באוואָרענישן און דערווידערונגען פון דער בונדישער „פאָלקס-צייטונג" (ווארשע, 1טן יאנואר, 1937) קעגן דעם געפּלאנטן אלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס. דער בונדיסט ח. ש. קאזשדאן, פאָרזיצער פון דער ציש"אָ, איז קעגן דעם קאָנגרעס, ווייל „די געמיינזאמקייט און אלוועלטלעכקייט פון די (יידישע) שול און קולטור-באוועגונגען אין באזונדערע לענדער איז זייער פּראָבלעמאטיש".

3

פיל קלאָרער און ארומנעמענדיקער קומט ארויס ד"ר ח. זשיטלאָווסקיס שטעלונג צו יידיש און צו דער יידישער קולטור אין די ווייטערדיקע יאָרן, ווען אין פארבינדונג מיט די וויכטיקע רעוואָלוציאָנערע אויפטרייסלונגען אין די יאָרן 1906-1905 שווימט ארויף אלץ-קאָנקרעטער די פראגע פון דער יידישער שפּראך אלס וויכטיקער פּאָליטיש-געזעלשאפטלעכער פאקטאָר אינעם לעבן. מיר וועלן ארויסכאפּן אייניקע שורות פון דער מענגע ארטיקלען, וואָס ד"ר זשיטלאָווסקי האָט אין יענע יאָרן פארעפנטלעכט.

אין זיין ארבעט „דער נאציאָנאליזם און די קלאסן-פּאָליטיק", געשריבן אין 1908 (איבערגעדרוקט אין „געזאמלטע שריפטן", באנד 6, ניו-יאָרק, 1917), שרייבט צווישן אנדערן ד"ר ח. זשיטלאָווסקי: „דער גייסטיקער און קול-טורעלער מעמד פון דעם פּראָלעטאריאט הייבט אָן שטייגן און אין דער זעלביקער מאָס שטייגט זיין אָנטייל אין דעם קולטורעלן לעבן פון זיין פאָלק. ער הייבט אָן קודם-כל צו פארברויכן יענע קולטורעלע גיטער, פון וועלכע ער קען ציען נארונג פאר זיין אויפגעוואכטן קלאסן-באוואוסטזיין. אָבער אינאיינעם מיט זיין קלאסן-באוואוסטזיין ווערט אויך אויפגעדעקט זיין מענטשלעכער באוואוסטזיין, וואָס נייטיקט זיך אין רייכערער אלגעמיינער בילדונג און אנטוויקלונג. די באַ-דערפעניש אין העכערע בילדונגס — און אויפקלערונגס-גיטער פון דעם פּראָלע-טאריאט רופט ארויס די פּראָדוקציע פון אזעלכע גיטער".

און „אין דעם פּראָצעס — באַטאָנט ווייטער ד״ר ח. זשיטלאָווסקי — פון באַשאַפן און געניסן די נאַציאָנאַלע קולטור-ווערטן באַקומט אַ באַזונדער זין און אַ באַזונדער וואָג דער נאַטירלעכער נאַציאָנאַלער געפיל, — די ליבע צו די קולטור-אוצרות פון זיין פאָלק, צו דער שפּראַך, אין וועלכער ער געניסט זיי און צו דעם פאָלק, וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט אָדער איבערגענומען פון דער פרעמד, — אַ נאַציאָנאַל-געפיל, פון וועלכן קיין מענטש איז ניט פריי, אָבער וואָס איז ביי די קינדער פון אַן אונטערדריקטן פאָלק נאָך אַ סך שאַרפער, איידער געוויינלעך, און וואָס איז נאָר אויף אַ ווײַלע געווען פאַרחלשט ביי דעם פּראָלע-טאַריאַט אָדער אַוועקגעשטופּט אויף דעם צווייטן פּלאַן, אַדאַנק דער הערשנדיקער קאָסמאָפּאָליטישער טעאָריע.״ (ז״ז 153-154).

אָנהייב 1908 האָט ד״ר זשיטלאָווסקי געגרינדעט אין ניו-יאָרק די מאָנאַט-שריפט „דאָס נייע לעבן״ און יוני 1908 איז דערשינען „דאָס פּראָגראַם און די ציל פון דער מאָנאַטשריפט״ (16 ז״ז), וואָס איז אייגנטלעך אַ באַגרינדונג פון זיין וועלט-באַנעם, פון זיין קוק אויף פאַרשיידענע פראַגן און פּראָבלעמען פונעם יידישן סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן. און ס׳איז אינטערעסאַנט ווי ד״ר זשיט-לאָווסקי מאָלט דעם צושטאַנד פון דער יידישער שפּראַך און פון דער מעגלעכקייט אויסצודריקן אין איר די טיפערע געדאַנקען און באַגריפן.

„...די צווייטע מניעה — שרייבט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי אינעם פּראָספּעקט — איז די שפּראַך, אָדער ריכטיקער געזאָגט, דער בילדונגס-גראַד פון דאָס רוב לעזער אויף וועלכע מיר קענען האָפן. די לפי-ערך לאַנגע צייט, וואָס מיר האָבן אַוועקגעגעבן אויף שרייבן און האַלטן פּאַרלעזונגען אין יידיש, האָט פון אונדז פאַרטריבן דעם לעצטן שמץ פון ספק בנוגע צו דער יידישער שפּראַך. עס איז פאַר אונדז זיכער און קלאָר, אַז זי האָט אין זיך די קראַפט אויסצודריקן די טיפסטע און פאַרוויקלטסטע געדאַנקען פון וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע; אַז אין איר, ווי אין יעדער אַנדער קולטור-שפּראַך, קענען איבערגעטראָגן ווערן אַלע, אפילו די שווערסטע ווערק פון די אַל-מענטשלעכע ליטעראַטורן. זי איז שוין אויסגעוואַקסן פאַר אַ געבילדעטן פּובליקום. די שאלה איז אָבער: ווי גרויס איז דאָס יידישע פּובליקום, וואָס וויל זיך „אַראָפּלאָזן״ צו איר און אויסהערן זי?״

„כמעט אַלע פעלקער — זאָגט ד״ר זשיטלאָווסקי — האָבן אין אָנהייב פון זייער קולטורעלן געבאָרן זיין אָדער זייער קולטורעלער ווידערגעבורט דורכ-געמאַכט אַ צייט, ווען זייער אינטעליגענץ האָט זיך געשעמט צו רעדן און צו לייענען אין דעם „פאָלקס-זשאַרגאָן״. אָבער ביי קיין פאָלק האָט ניט אַזוי אומפאַרשעמט לאַנג געדויערט דער צושטאַנד, ווי עס דויערט דאָס אומפאַר-שעמטע שעמען זיך פון דער יידישער אינטעליגענץ...״

ווי מיר זעען, האָט שוין ד״ר זשיטלאָווסקין פאַרנומען ניט בלויז די פראַגע וועגן דער ראָלע פון יידיש אינעם יידישן לעבן, נאָר ס׳האָט אים אויך טיף אינטערעסירט יידיש גופא, די מעגלעכקייטן פון דער שפּראַך און אירע אינעוויי-ניקסטע פעיִקייטן פאַר וואוקס און אַנטוויקלונג.

אין דער זעלבער צייט, אין 1908, איז פאָרגעקומען אין טשערנאָוויץ די

שפראך-קאָנפערענץ, — א וויכטיקע דאטע אין דער קולטור-געשיכטע און אין דעם קאמף פאר די רעכט און פאר דער אָנערקענונג פון דער יידישער שפראך. ד״ר ח. זשיטלאָווסקיס באטייליקונג אין אָט-דער קאָנפערענץ און דער קאמף, וואָס ער האָט דאָרט געפירט פאר יידיש — דאָס איז א רייך בלאט קולטור-געשיכטע. און ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט יאָרן און יאָרן נאָך דעם ניט אויפ-געהערט ביי יעדער געלעגנהייט אויפצומישן אָט-דעם בלאט און ציען פאראלעלן און מאכן אויספירן פון דעם אלעם, וואָס ס׳האָט זיך דאָרט געטאָן.

די טשערנאָוויצער שפראך-קאָנפערענץ האָט אויף ד״ר ח. זשיטלאָווסקין געמאכט א באזונדערן שטארקן איינדרוק, און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז ניט אינגאנצן געווען צופרידן מיטן באשלוס פון דער קאָנפערענץ בנוגע יידיש, דאָך איז טשערנאָוויץ געוואָרן ביי אים א מין אויסגאנג פונקט פאר א וויטערדיקן פארשטארקטן קאמף פאר די רעכט און דעם אָנזען פון דער יידישער שפראך. אינעם זשורנאל „דאָס נייע לעבן״ (1909, נומ׳ 1) האָבן מיר א גרעסערע אָפּהאנדלונג פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי אונטערן נאָמען „די יידישע שפראך-באוועגונג און די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ״, און עס איז צוגעגעבן, אז עס איז פון „א באריכט וועגן דער טשערנאָוויצער שפראך-קאָנפערענץ, געגעבן אויף א פארזאמלונג, צונויפגערופן פונעם פאראיין „דאָס נייע לעבן״...״ ד״ר ח. זשיטלאָווסקי שטעלט זיך לכתחילה אָפּ אויף די פארשיידענע געפילן — פון שפאָט, צאָרן, באגייסטערונג, וואָס די קאָנפערענץ האָט ארויסגערופן אין דער יידישער וועלט און דאָס, האלט ער, איז א באווייז, אז די קאָנפערענץ איז געווען א וויכטיקע געשעעניש אינעם יידישן לעבן. און ד״ר זשיטלאָווסקי זאָגט דערביי: „די צוקונפט וועט באווייזן, צי די גאנצע יידישע שפראך-באוועגונג איז געווען נאָר א קליינער פאראגראף אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, צי א שער-בלעטל צו א גאנץ-נייעם פרק. לעת-עתה (דערווייל — נ. מ.) מוזן מיר אָבער איינזען, אז די יידישע שפראך-באוועגונג איז אויסגעוואקסן פון דעם יידישן לעבן גופא, דאָס הייסט, אז זי איז א טייל פון דער יידישער געשיכטע.״ זשיטלאָווסקי זאָגט, אז ער וועט די קאָנפערענץ „באטראכטן ווי א היסטאָריקער, און אויפדעקן די וואָרצלען, וואָס האָבן די קאָנפערענץ ארויסגערופן אין לעבן.״ און אָפּשטעלנדיק זיך אויף פארשיידענע סאָציאל-עקאָנאָמישע פּראָבלעמען וואָס זיינען פארבונדן מיט דער שפראך-פראגע ביי יידן, קומט ד״ר זשיטלאָווסקי צום אויספיר, אז „די סאָציאל-עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די יידישע מאסן, וואָס פארלאנגען אָן א שום הנחה די נאציאָנאלע גלייכבארעכטיקונג פון יידישן פאָלק, פארלאנגען אין דער זעלביקער צייט די נאציאָנאלע גלייכבארעכטיקונג פון דער יידישער שפראך. עס ליגט אין זייער אינטערעס צו פאָדערן קלאָר און דייטלעך און אָן א שום קאָמפּראָמיס, אז די יידישע שפראך זאָל אומעטום, — אין דער שולע, אין דער ליטעראטור, אין דעם אוניווערסיטעט און אין געריכט — אָנערקענט ווערן ווי א נאציאָנאלע שפראך פונעם יידישן פאָלק.״

דאָס איז פון סאָציאל-עקאָנאָמישן שטאנדפונקט. און פון קולטורעלן קוק-ווינקל: „דאָס פאָלק — זאָגט ד״ר זשיטלאָווסקי — קען נאָר דעמאָלט אויפ-

הייבן זיך צו א העכערער קולטורעלער מדרגה, ווען עס וועט האָבן ביי זיך אין דער היים זיינע אייגענע קולטור-קוואַלן, ווען עס וועט שעפּן אַלע זיינע קענ-טענישן און דעם גאַנצן געניוס פון קונסט, ליטעראַטור און וויסנשאַפט פון דער שפּראַך, אין וועלכער עס רעדט, וועלכע עס פאַרשטייט.״ ד״ר זשיטלאָווסקי רעדט ווייטער וועגן דער אינטעליגענץ, וואָס דאַרף זיין צוגעבונדן צו דער שפּראַך פונעם פאָלק. „העברעאיש — באַטאַנט זשיטלאָווסקי — קען ניט ווערן די שפּראַך פון פאָלק״ און „עס איז דעריבער קלאָר ווי דער טאָג, אַז די קולטורעלע לעבנס-נויט פון די מאַסן פאָדערט מיט דער זעלביקער קראַפט ווי זיין סאָציאַל-עקאָנאָ-מישע לעבנס-נויט, אַז יידיש זאָל ווערן די שפּראַך פון דער אינטעליגענץ.״

אין זיין אינטערעסאַנטער אָפּהאַנדלונג „דער ביטערער אמת״, וואָס איז א שאַרפע און טרעפלעכע פּאָלעמיק מיט די אַסימילאַטאָרן און ציוניסטן (געשריבן אין די יאָרן 1911-1912), שטרייכט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי אונטער דעם געוואַלדיקן באַדייט פון יידיש אויך ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן „א גרינטלעכער רעוואָלוציע אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון דעם פאָלק״, און ד״ר זשיטלאָווסקי פירט אויס: „אַן אייגענע יידישע קולטור מוז געשאַפן ווערן אין אַן אייגענער שפּראַך, וואָס זאָל אויסבילדן און געבן שפּייז צו אַזוי פיל אינטעליגענטע טוער, אין וויפיל דאָס יידישע פאָלק וועט זיך נויטיקן! די פּאָליטישע ציוניסטן מיט זייער פּראַקטישן בליק אויפן לעבן, מיט יענעם חוש פאַר רעאַלער ווירקלעכקייט, וועלכן מיר טרעפן אָפּט, ווי א נויטווענדיקן פּאַראַדאָקס, אין אַלע אמת-גרויסע אוטאָפּיעס, וואָלטן לייכט געקענט פאַרשטיין, אַז אַזא יידישע קולטור אין גלות קען געמאָלט זיין נאָר אין איין-איינציקער שפּראַך: **דער יידישער**, און ניט דער העברעאי-שער, ווייל די שפּראַך פון דעם פאָלק קען מיט קנאַפּער מי אויפגעהייבן ווערן צו דער מדרגה פון א נאַציאָנאַלער שפּראַך, בעת די **שריפט-שפּראַך** פון דער אינטעליגענץ קען אפשר קיינמאָל ניט — אָדער אפשר אין משך פון דורות און דורות אַרום, — ווערן די גערעדטע שפּראַך פונעם פאָלק.״ (באַנד 6, ז׳ 209.)

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי אונטערשטרייכט נאָך אַמאָל אינעם סוף פון דער אָפּ-האַנדלונג זיין אַרויסגעזאָגטן געדאַנק וועגן דער וויכטיקייט דורכצופירן א „צווייטע, **גייסטיקע רעוואָלוציע**, וואָס איז אַקוראַט אַזוי וויכטיק ווי די עקאָ-נאָמישע״, און וואָס „דאַרף באַשטיין אין דער ראַדיקאַלער דורכפירונג פון דעם פּרינציפּ: **די יידישע אינטעליגענץ פאַר דאָס יידישע פאָלק**. די יונגע יידישע קולטור אין דער יידישער שפּראַך מוז, דורך דער אָרגאַניזאַציע פון דער דער-ציאונג, אויפגעהייבן ווערן צו דער מדרגה פון א פּראָגרעסיווער **נאַציאָנאַלער** יידישער קולטור, וואָס זאָל קענען אויפציען אַן אינטעליגענטן יידישן דור און באַפרידיקן אַלע נויטן פון א פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַלן לעבן...״ (ז׳ 242).

ווייטערדיקע רינגען אין דער קייט פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקיס אומ-קאָמפּראָמיסלעכן קאַמף פאַר דער חשיבות פון יידיש קענען מיר געפינען אין זיינע שריפטלעכע און מינדלעכע אַרויסטרעטונגען יעדעס מאָל, ווען די יידישע שפּראַך איז ערגעץ-וואו פון אינעווייניקסטע אָדער אויסנווייניקסטע שונאים

אָנגעגריפן געוואָרן. ד״ר ח. זשיטלאָווסקי איז שטענדיק „אין פולער באוואָפענונג״ צו באשיצן דאָס יידישע לשון פון זיינע אָנגרייפער אָדער אָנפאַלער.

אין אן ארטיקל „פאר דעם כבוד פון אונדזער שפראך״ („פון דעם טאָגבוך פון א יידישיסט״) — שוין פון נאָמען אליין פונעם קאָפּ און אונטערקעפּל איז צו זען ד״ר ח. זשיטלאָווסקיס וואכזאמקייט און טרייקייט צו יידיש („די וואָך״, 18טן אפריל, 1930, ניו-יאָרק, נומ. 29), שרייבט ער: „פון אלע באשלוסן וואָס די ערשטע קאָנפערענץ פון דער יידישער קולטור-געזעלשאפט האָט אָנגענומען, זיינען מיר די טייערסטע: ערשטנס, די רעזאָלוציע, אז די קאָנפערענץ נעמט-אָן די פּרינציפּן-דערקלערונג פון דער גרינדונג-פאַרזאמלונג. אזוי ארום וועט אויף דעם פראָנט-אָן פון אונדזער בנין אויך אויף ווייטער לויכטן די אויפשריפט: „יידיש אונדזער נאציאָנאלע שפראך״...״

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי דערציילט אינעם ארטיקל: „שוין אויף די ערשטע זיצונגען פון דער איניציאַטיוו-גרופּע, וואָס האָט מיר אָנפארטרויט די פאָר-מולירונג פון אונדזערע גרונט-פּרינציפּן, האָב איך געמאכט דעם פאָרשלאָג, מיר זאָלן דערקלערן, אז „יידיש איז די נאציאָנאלע שפראך פון אונדזער פאָלק״ און ניט „א״ נאציאָנאלע שפראך. דער „פּתח-אלף — א״ האָט געשמעקט מיט דעם אלף-בית פון טשערנאָוויץ: א קאָמפּראָמיס-פאָרמע, וואָס האָט, נאָך מיין מיינונג נאָך, געפּאראליזירט די ווייטערדיקע ארבעט פון יענער אָרגאניזאציע. דאָס האָט געגעבן א מעגלעכקייט צו מאָנען פון אונדז, אז „ווער עס זאָגט „א״, דארף אויך זאָגן „בע״. ס׳הייסט: דאָס יידישע פאָלק האָט צוויי נאציאָנאלע שפראכן, ואלו הן: „א״ — יידיש; „בע״ — העברעאיש. און לפי זה דארף די יידישע קולטור-טעטיקייט געפירט ווערן אין יענעביידע לשונות.״ און ד״ר זשיטלאָווסקי דער-קלערט: „איצטער וואָלט איך בשום אופן ניט געקענט צושטיין צו אן אָרגאני-זאציע, וואָס זאָל אָפיציעל מסכים זיין, אז העברעאיש איז אויך א נאציאָנאלע שפראך פון דעם איצטער-לעבנדיקן יידישן פאָלק...״

און ד״ר ח. זשיטלאָווסקי דערציילט ווייטער: „...ווען עס איז אויף די זיצונגען פון דער ערשטער איניציאַטיוו-גרופּע פאָרגעשלאָגן געוואָרן אָנשטאָט: „די נאציאָנאלע שפראך״, די מילדערע פאָרמעל: „יידיש אונדזער נאציאָנאלע שפראך״, האָב איך דעם קאָמפּראָמיס אָנגענומען; זיכער ניט מיטן גאנצן הארצן; גיכער — מיט א „קנאפּער מאַיאָריטעט״ אין מיין הארצן...״ און נאָך דעם ווי ער שטעלט זיך אָפּ אויף די פארשיידענע עלעמענטן, וואָס אדאנק אָט דעם קאָמ-פּראָמיס וועלן זיי ווערן מיטקעמפער אין דער קולטור-געזעלשאפט, זאָגט ד״ר זשיטלאָווסקי: „איך בין באמת גליקלעך, וואָס די אויפשריפט „יידיש אונדזער נאציאָנאלע שפראך״ איז פארבליבן אויף דעם פראָנט-אָן פון אונדזער בנין. וואָלט די אויפשריפט אראָפּגענומען געוואָרן, וואָלט איך געפילט פאר מיין חוב תיכף ארויסצוטרעטן פון דער קולטור-געזעלשאפט און אָנהייבן א קאמף פאר אן אָרגאניזאציע, וואָס איר לאָזונג זאָל זיין: „יידיש די נאציאָנאלע שפראך פון אונדזער פאָלק.״

## 4

א וויכטיקער עטאַפּ אין דעם לאַנגיאָריקן קאַמף פון די יידישע פּראָגרעסיווע מאַסן בראש מיט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי פאַר די רעכט און פאַר דער חשיבות פון דער יידישער שפּראַך און איר קולטור איז געווען דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור-קאָנגרעס, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן אין פּאַריז, סעפּטעמבער, 1937. ניט אומזיסט האָט שוין דער רוף צו אָט דעם קאָנגרעס אַרויסגערופן פון איין זייט אַזאַ געוואַלדיקע באַגייסטערונג און דערהייבנקייט, און פון דער אַנדערער זייט — אַ שאַרפע, פאַרביטערטע קעגנערשאַפט אין פאַרשיידענע טיילן פון דער יידישער וועלט. און עס איז געווען פאַרשטענדלעך און נאַטירלעך, וואָס ד״ר ח. זשיטלאָווסקי איז לכתחילה געווען פון די סאַמע ענערגישסטע און געטרייסטע אָנהענגער און דערנאָך — פון זיינע שטאַרקסטע באַשיצער און פאַרטיידיקער. מיט נייעם יוגנטלעכן ברען און ליידנשאַפטלעכער איבערגעגעבנקייט האָט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם קאַמף פאַר דעם קאָנגרעס און דערנאָך — פאַרן איקוף. ד״ר ח. זשיטלאָווסקי אַליין האָט פאַרעפנטלעכט וועגן קאָנגרעס און איקוף פיל אַרטיקלען, וואָס ווען מ׳זאָל זיי אויפזאַמלען, וואָלט עס געבילדעט אַ גרויס, אינטערעסאַנט ווערק.

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט צוגעשטעלט צום קולטור-קאָנגרעס אַן אויס-פירלעכן רעפעראַט, אין וועלכן ער האָט געגעבן אַן אינטערעסאַנטן טיפן אַנאַליז פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ פון 1908 און געמאַכט דערביי פרעכטיקע פאַרגלייכן מיט דעם קולטור-קאָנגרעס. מיר שיקן אָפּ די לייענער צו דעם רעפעראַט, וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין דעם סטענאָגראַפישן באַריכט פונעם קאָנגרעס (ז״ז 70—85). מיר וועלן ציטירן אייניקע שטעלן, וואָס ווייזן, ווי זשיטלאָווסקי האָט אויפגעפאַסט די צוויי וויכטיקע דאַטעס אין דער קולטור-געשיכטע פונעם יידישן פאָלק — טשערנאָוויץ 1908 — פאַריז 1937. שוין די נעמען פון אָט די צוויי וויכטיקע קולטור-געשעענישן: שפּראַך-קאָנפערענץ און קולטור-קאָנגרעס. „טשערנאָוויץ האָט געהאַט צו טאָן כמעט ווי נאָר מיט דער פאַרטיידיקונג פון דער אַלגעמיינער פאָרם און ניט פון אַ וועלכן עס איז „אינהאַלט״... און ווייטער: „די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט געלייגט די הויפּט-וואָג אויף דעם ענין שפּראַך, וואָס איז די אַלגעמיינסטע פאָרם פון אַ נאַציאָנאַלער קולטור-ספערע, און ניט אויף די ענינים פון דער מענטשלעכער קולטור גופא, ניט אויף די וויכטיקסטע ענינים פון אַ מענטשלעכן לעבן בכלל און פון אַ נאַציאָנאַלן לעבן בפרט.״

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט גענומען דעם צושטאַנד פון דער יידישער קולטור-שאַפונג אין דער פּערספּעקטיוו פון אָט די דרייסיק יאָר קאַמף פאַר דער יידישער שפּראַך און ער קומט צו זייער פריידיקע און מונטערע אויספירן. ער זאָגט: „מען באַקלאָגט זיך איצטער אויף אַ קריזיס אין דער יידישער קולטור-שאַפונג און אין דער אויסברייטערונג פון דעם „יידישלאַנד״. מיר דוכט זיך, אַז אָט די „איכה״ (קלאָג-לידער — ב. מ.) שטאַמען מער פון די ייִנגערע דורות און ניט פון די עלטערע. מיר, די עלטערע, געדענקען נאָך די צייט, ווען ס׳איז נאָך ניט

געוועז קיין יידישע וועלטלעכע שול מיט יידיש ווי די שפראך פון די לימודים; ווען מען האט נאך ניט געקענט טראכטן וועגן א טעגלעכער צייטונג אין יידיש; ווען די שיינע ליטעראטור איז געווען באהערשט פון שמ״רס און בלאשטיינס שוין גאר ניט קיין שיינע ראמאנען; ווען וועגן דער איבערזעצונג פון אזא קאפיטאל ווערק ווי קארל מארקס „קאפיטאל״, אדער דארווינס „אנטשטייאונג פון די מינים״, אדער שפינאזאס „עטיק״, אדער ספענסערס פילאזאפיע, האבן נאר איינצעלנע געקענט טרוימען; ווען שרייבן א גרויס פילאזאפיש ווערק אין יידיש האט גאר קיינעם ניט געקענט ארויפקומען אויפן זינען.״

„ווי ווייט איז יענע צייט פון אונדז! — רופט אויס ד״ר זשיטלאווסקי. — וויפיל מיליאנען יידן איבער גאר דער וועלט לעבן זיך איצטער אויס קולטורעל אין דער יידישער שפראך-ספערע און באפרידיקן זייערע קולטורעלע נויטן אין יידיש!״ ער רעכנט אויס די פארשיידענע פריידיקע דערשיינונגען און ער גיט צו: „און אזא אויסלעבן זיך אין דער גייסטיקער שפראך-ספערע פון יידיש וואקסט און שפרייט זיך פאנאנדער אין אלע לענדער פון דער וועלט, וואו עס געפינען זיך גרעסערע אדער קלענערע קיבוצים פון מזרח-אייראפעאישע יידן.״

אין א רעפעראט, וואס ד״ר ח. זשיטלאווסקי האט געהאלטן די לעצטע פאר יאר אויף דער טעמע „רעליגיע, קולטור, שפראך״, האט ער באזונדערס באטאנט די קאלאסאלע ראלע פון דער יידיש-וועלטלעכער קולטור אויף יידיש: „די באשאפונג פון א נייער פראגרעסיווער, וועלטלעכער קולטור-ספערע אין יידיש, וואס זאל פאראייניקן אין איינס די פאלקס-מאסן מיט די שאפנדיקע גייסטער פון אונדזער פאלק, איז א געוואלדיקע רעוואלוציע אין אונדזער לעבן. אזוינס איז נאך קיינמאל ניט געווען אין דער קולטור-געשיכטע פון אונדזער פאלק. די אנטוויקלונג פון אט דער נייער קולטור-ספערע הענגט אפ פון דעם היסטארישן גורל פון אונדזער פאלק, און צוריק: דער היסטארישער גורל פון אונדזער פאלק הענגט ביז גאר א גרויסן גראד אפ פון אט דער רעוואלוציע אין אונדזער קולטורעלן לעבן, פון דער נייער קולטור-ספערע אין יידיש.״ (דער רעפעראט איז פארעפנטלעכט אין „ייד און וועלט״, 1945, ז״ז 182—199.)

א וויכטיקן שריט אין דער אויסקריסטאליזירונג און אויספארמירונג פון די הויפט-געדאנקען וועגן דער יידישער קולטור אלס א וויכטיקער און עיקרדיקער פאקטאר אינעם יידישן לעבן, האט ד״ר זשיטלאווסקי געמאכט אין זיינע ארבעטן — ארטיקלען און רעדעס, — וואס זיינען פארבונדן מיטן איקוף.

אין זיין בראשור „אונדזער נייער קולטור-ווילן״ (ארויסגעגעבן דורכן איקוף, נאוועמבער 1941, צו די יובילי-פייערונגען) פרואווט ד״ר ח. זשיטלאווסקי זיך דערגרונטעווען צו די וויכטיקסטע יסודות פון דעם „נייעם יידישן קולטור-ווילן״, וואס איז „אן אויסדרוק פון די טיפסטע לעבנס-נויטן פון אונדזער פאלק״.

צווישן די יסודות, וואס עס רעכנט אויס ד״ר זשיטלאווסקי, האבן מיר דעם יסוד, אז „דאס יידישע פאלק איז א קולטור-שאפנדיקע, א קולטור-געניסנדיקע אייגנהייט, וואס בויט איר מענטשלעכן לעבן, אין אלע זיינע מעגלעכע מאטעריעלע און גייסטיקע ריכטונגען, אין אן אייגענער נאציאנאלער שפראך-ספערע...״ און

אז „דער פּראָגרעסיוו-נאַציאָנאַלער פּעריאָד פון אונדזער געשיכטלעכן לעבן פאָדערט, אז די פּסיכישע באַהעפטונגס-פּעדים וואָס פאַראייניקן אונדז אַלעמען אין איין נאַציאָנאַל-קולטורעלער איינס, זאָלן דווקא זיין יענע פּעדים, וואָס אונדזער פאָלק האָט אויסגעשפּונען אין זיין יידיש. דאָס איז דער מאָדערנער פּראָגרעסיוו-דעמאָקראַטישער קולטור-פּרינציפּ פון א קולטורעלן לעבן און שאַפן, אז די שפּראַך פון די גרויסע פאָלקס-מאַסן דאַרף אויך זיין די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דעם גאַנצן פאָלק, און אז ס'טאָר ניט דערלאָזן ווערן, עס זאָל אויסגעבויט ווערן א שפּראַך-מחיצה צווישן די פאָלקס-מאַסן און דער שאַפנדיקער און פירנדיקער אינטעליגענץ, אָדער אז א שפּראַך-מחיצה זאָל אויפקומען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג פון איין לאַנד און דער יידישער באַפעלקערונג פון אַן אַנדער לאַנד". (זע „אונדזער נייער קולטור-ווילן", ז"ז 12-13).

און טריי זיין לאַנגיאָריקן קאַמף פאַר די רעכט און חשיבות פון דער יידישער שפּראַך און יידישער קולטור, האָט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי אין זיין רירנדיקער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף דער פּייערונג פון פינף יאָר איקוף אין ניו-יאָרק (דעם 2טן יאַנואַר, 1943, פאַרעפנטלעכט אין „יידישע קולטור", מערץ 1943), ווי אויך אין זיין גלענצנדיקן רעפעראַט אויף דער קולטור-קאָנפערענץ פונעם איקוף (דעם 6-7טן מערץ, 1943, א קיצור פון רעפעראַט פאַרעפנטלעכט אין „יידישע קולטור", אַפּריל 1943) ווידעראַמאָל קלאָר אַרויסגעבראַכט די צילן, די וועגן און די אידעאָלאָגיע פון יידישן קולטור-פאַרבאַנד אין פאַרבינדונג מיט דער איצטיקער גרויזאַמער צייט און מיט די גרויסע פּראָבלעמען און אויפגאַבן, וואָס וועלן שטיין פאַר אונדז ווען עס וועלן אָפּגעווישט ווערן „די לעצטע שפּורן פונעם היטלעריזם" און ס'וועלן אָנקומען די גרויסע „יום-טוב-טעג פאַר דער גאַנצער מענטשהייט און פאַר אונדזער פאָלק".

דער עקשנותדיקער, אומקאָמפּראָמיסלעכער קאַמף פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי פאַר דער יידישער שפּראַך, פאַר אירע פולע רעכט אינעם יידישן לעבן, — דער קאַמף וואָס איז דורך אים געפירט געוואָרן איבער א האַלבן יאָרהונדערט מיט גאַנצע, האַלבע און פערטל שונאים פון דעם יידישן לשון, איז א וויכטיקער, מערקווירדיקער. און אָן קיין ספק, אז זיינע געדאַנקען, באַגרינדונגען און פאַר-לאַנגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אונדזער נאַציאָנאַלער יידישער שפּראַך דאַרפן שטיין פאַר אונדז אַלע אויך אין דער איצטיקער צייט ווען מיר זיינען עדות פון נייע וואַקלונגען אין אָט דעם עיקר-פּראָבלעם פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום.

**1943**

# זיין לעצטע רייזע

## 1

אין מערץ 1943 האָט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, וואָס איז דאַן אַלט געווען 78 יאָר, זיך געקליבן צו פאָרן אויף א לעקציע-טור קיין מעקסיקע. דער דאָרטיקער פּראָגרעסיווער יידישער ישוב האָט זיך געגרייט אויפצונעמען אויף א גאָר געהייבענעם אופן דעם אַלט-יונגן דענקער-קעמפּער. עס זיינען שוין אויסגעאַרבעט געוואָרן אַלע פּרטים פון דעם באַזוך, אויף וועלכן דער יונגער יידישער ישוב האָט אַזוי פיבערדיק געוואַרט. מען האָט אַפילו אין די פאַרבעט-בריוו צו ד״ר זשיטלאָווסקין אַריינגעגעבן אים אין „נדן" א גוטן אָרטיקן דאָקטאָר, וואָס וועט אַכטונג געבן אויפן געהייבענעם גאַסט און וואָס זאָל שאַפן פאַר אים די געהעריקע באַדינגונגען, ווי צו לעבן אין דער הויך-באַרגיקער מעקסיקע.

מיר האָבן דאָך זיך שטאַרק געשראָקן, וואָס ד״ר זשיטלאָווסקי נעמט אונטער אַזאַ שווערע רייזע ביי זיין עלטער. זיינען מיר דעריבער געווען צופרידן, וואָס דער ניו-יאָרקער דאָקטאָר האָט אים פאַרווערט צו מאַכן אַזאַ געוואַגטע רייזע. איז אַנשטאָט מעקסיקע, וואָס האָט שטאַרק געלאָקט ד״ר זשיטלאָווסקין, האָט ער „באין ברירה" באַשלאָסן צו פאָרן קיין קאַליפאָרניע, וואו געהאַט בדעה צו פאַרבלייבן א פּאָר חדשים אָדער גאָר צו באַזעצן זיך דאָרטן אויף א פּאָר יאָר, און אין דער וואַרעמער שטאָט און אין דער רו געוואָלט פאַרענדיקן אייניקע גרויסע אַרבעטן, וויכטיקע ווערק, וואָס ער האָט אַלץ ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיי צו ברענגען צו א „טאָלק"... אָבער אַזוי ווי אַזאַ מין „פאַרגעניגן" איז דאָך פאַרבונדן מיט געלט, מיט גרעסערע סומעס, האָט ד״ר זשיטלאָווסקי, ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, באַשלאָסן צו אָראַנזשירן א סעריע לעקציעס אויפן „וועג" קיין קאַליפאָרניע, אין שיקאַגאָ און אין די קאַנאַדער שטעט וויניפּעג, קאַלגאַרי, עמדאָן, וואַנקאָווער און אָנקומען קיין לאָס-אַנדזשעלעס צום 15-טן מאַי, וואו ס'האָט געזאָלט פאָרקומען א פייערלעכער קבלת-פּנים לכבוד דעם דערוואַרטעטן געהייבענעם גאַסט.

האַרט פאַר ד״ר ח. זשיטלאָווסקיס אָפּפאָר אויף זיין לאַנגן טור, האָבן מיר, די מיטגלידער פון איקוף-פּרעזידיום און פונעם שרייבער-און קינסטלער-קאָמיטעט, אַראַנזשירט א פרישטיק אין א האָטעל-צימער לכבוד אונדזער ערן-פּרעזידענט, דעם ערן-פּרעזידענט פון די צוויי קרובהשע אָרגאַניזאַציעס.

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי איז, פון זיין היים אין קראָטאָנאַ אויפן האָדסאָן, געפאָרן אויף א געשעפטלעכער זיצונג פון דעם שרייבער-קאָמיטעט, וואָס האָט באַדאַרפט באַהאַנדלען אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרטים וועגן דעם אָנקום פון שלמה מיכאָעלס און איציק פעפער, די דעלעגאַציע פון דעם סאָוועטישן יידנטום, וואָס מיר האָבן דאַן דערוואַרט צו באַגעגענען.

דער אויסערלעך קאַלטער און באַזאַכטער ד״ר זשיטלאָווסקי איז געווען פריידיק-איבערראַשט, וואָס אַנשטאָט א געוויינלעכער געשעפט-זיצונג, האָט ער גאָר געטראָפן א פייערלעכן אָפּשייד-צונויפקום. מיט א כלומרשט-ברוגזער און

פאַראיבלדיקער מינע האָט ער געהאַט טענות, וואָס מען מאַכט אַזאַ וועזן צוליב א צייטווייליקן, קורצן אָפּפאָר. כאַפּנדיק א שמועס מיט איינעם און מיט א צווייטן, אויסגעפרעגט זיך וועגן פאַרשיידענע לופיקע ענינים, געטיילט זיך מיט אַרויס־זאָגונגען און געדאַנקען, האָט ער זיך געזעצט צום פיין־געגרייטן טיש. און ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער פאַרן עסן אַרויסגענומען פון זיין וועסטל־קעשענע א שאַכטעלע, אויפגעעפנט עס פּאַרזיכטיק, אַרויסגענומען א „פּיל״, געגומען עס מיט אביסל וואַסער, ווי ער האָט עס געטאָן אויף פאַר זיין יעדן עפנטלעכן אַרויסטריט. געטאָן האָט ער עס ערנסט, מיט כוונה. ער האָט פּינקטלעך אויסגעפאָלגט דעם געבאָט פונעם דאָקטאָר.

דער פאַרזיצער פונעם פייערלעכן „לאַנטש״, ב. צ. גאָלדבערג, האָט געעפנט דעם אָפיציעלן טייל פונעם חברשן צונויפקום לכבוד דעם ערן־פּרעזידענט, וואָס פאָרט אָפּ אויף א לענגערער רייזע אין א ריי וויטע שטעט, און טאַקע אין שליחות און פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע פון די וויכטיקע אידייען און אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר דער פּראָגרעסיווער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. ב. צ. גאָלדבערג איז דערנאָך אַריבער צו רעדן וועגן ד״ר זשיטלאָווסקין גופא, וועגן זיין וויכטיקער ראָלע אין דער אַרבעט פאַר אייניקייט און וועגן זיינע גרויסע אויפטוען אויף די פאַרשיידענע געביטן פונעם יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן און פון דער יידישער וויסנשאַפט.

דער פאַרזיצער האָט ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן זיין אַריינפיר־וואָרט, וואָס נאָך אים האָבן באַדאַרפט קומען נאָך און נאָך באַגריס־ווערטער לכבוד דעם פּרעזידענט, האָט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי געבעטן א וואָרט און גלייך אַריבערגעפירט דעם שמועס פון אים פּערזענלעך אויף די נאָענטע אויפגאַבן פון דעם שרייבער־קאָמיטעט און פון איקוף. מיט זיין געוויינלעכער סיסטעמאַטישקייט און פּלאַנ־מעסיקייט האָט ער אויפן אָרט אָנגעוואָרפן פּלענער פון נאָענטער אַרבעט, אָנגעוויזן אויף א ריי בלויזן אין דער טעטיקייט, געדענקט דערביי אַלץ, אויס־גערעכנט פּונקט נאָך פּונקט, וואָס מען דאַרף טאָן, און געבעטן די רעדנער טאַקע רעדן אין אַט־דער ריכטונג און וועגן אַט די פּונקטן און אויפגאַבן. ווען אייניקע האָבן אין זייערע ווערטער טאַקע באַרירט אַקטועלע פראַגן, איז ער געווען באַזונ־דערס צופרידן, נאָכגעפאָלגט זייערע רייד מיט א טיפן ערנסט. ער האָט דערנאָך אונטערגעפירט א סך־הכל צו דער דיסקוסיע און אַזוי זיך האַרציק אָפּגעזעגנט — אויף „עטלעכע חדשים״ און „צום ווידערזען זיך״ ביי דער אַרבעט...

קיינעם איז דאַן, אויפן אָרט, גאָרניט איינגעפאַלן, אַז דאָס איז געווען דער לעצטער צונויפטרעף מיט דעם טייערן, אייגענעם, האַרציקן פריינד, לערער און פירער.

מען האָט זיך אָפּגעזעגנט. טרייע האַנט־דריקן, קעגנזייטיקער אַריינקוק אין די אויגן, וואָס ברענגט אַרויס אויסדרוקן פון ליבשאַפט און פאַרערונג. מען איז זיך צעגאַנגען.

אָבער ניט ביי איינעם פון אונדז, ביים פאַנאַנדערגיין זיך, האָט זיך דערוועקט א געדאַנק: מעג און דאַרף דער 78־יאָריקער זקן זיך לאָזן אין אַזאַ וויטער און

שווערער רייזע? און וואָלט ניט געווען גלייכער, ווען דער דאָקטאָר וואָלט אויך אָט די רייזע קיין קאַליפאָרניע איבער וויטע שטעט און שטרעקעס פאַרבאָטן, ווי ער האָט פאַרווערט דעם לעקציע-טור קיין מעקסיקע?

און ד״ר חיים זשיטלאָווסקי איז אוועקגעפאָרן. ער האָט אין שיקאַגאָ פאַרבראַכט אכט טעג. און ווי ס'ווערט באַשריבן („יידישע קולטור״, נומ׳ 5, 1943, ז׳ 64), „האָבן די שיקאַגער יידישע קולטור-קרייזן די וואָך פונעם 10טן ביזן 17טן אפריל געיומטובט מיט ד״ר ח. זשיטלאָווסקין״. שבת אָוונט — א לעקציע פונעם גרויסן גאַסט וועגן דעם באַדייט פון אייניקייט. „דער גרויסער פּיפּלס אודיטאָריום איז געווען איבערפולט. מיט געשפּאַנטקייט האָט דער עולם געשלונגען יעדעס וואָרט״. זונטיק, דעם 11-טן — א לעקציע א. ד. ט. „רעאַקציע און רעוואָלוציע״ פאַר עטלעכע הונדערט מענטשן. „דאָס איז געווען א גייסטרייכער אָוונט״. דינסטיק, דעם 13-טן — ביי א גלעזל טיי אין מאַריסאָן האָטעל, וואו ד״ר זשיטלאָווסקי האָט גערעדט וועגן איקוף און זיינע אויפגאַבן. „פרייטיק אָוונט, דעם 16-טן א לעקציע אין קאַפּע ראיאַל. „דאָס האָט געזאָלט זיין א געזעגענונגס-אָוונט, און קיין גרויסער עולם איז ניט דערוואַרט געוואָרן. האָט מען געגומען א זאַל פאַר א פּאָר הונדערט מענטשן. איז דער זאַל געווען איבערגעפּאַקט, מען איז געשטאַנען אַרום די ווענט״. די לעקציע איז געווען: „די צוקונפט פונעם סאָוועטישן יידנטום״... „שיקאַגע, ווערט געשריבן, האָט שוין לאַנג אזא לעקציע ניט געהערט! ד״ר ח. זש. האָט דעם עולם ממש באַצויבערט. ס'איז צום באַדויערן, וואָס ד״ר זש. האָט ניט געקענט פאַרבלייבן אין שיקאַגאָ א לענגערע צייט״...

נאָך שיקאַגאָ האָט ד״ר ח. זש. פאַרבראַכט עטלעכע טעג אין וויניפּעג, וואו ווידער אויפגעטראָטן עטלעכע מאָל און האַרציק און פריידיק פאַרבראַכט מיט די דאָרטיקע פריינד און בעיקר — אַרום ד״ר וויקטאָר, ע״ה. וועגן די יום-טוב-טעג אין וויניפּעג איז מיר, אין א פּאָר וואָכן אַרום, בעת מיין באַזוך דאָרטן, אויסגעקומען צו הערן פיל פּרטים. דער איקוף האָט אַראַנזשירט פאַר אים צוויי גרויסאַרטיקע אונטערנעמונגען, צו וועלכע עס זיינען געקומען עטלעכע הונדערט באַגייסטערטע פאַרערער-באַזוכער. אין דער זעלביקער שטאָט וויניפּעג וואוינען אייניקע פון זיינע אַמאָליקע תלמידים-חסידים. זיי האָבן אָבער זייער לערער און רבין באַיקאָטירט און אפילו ניט פאַרבעטן אים אין דער דאָרטיקער פּרץ-שול, ווי מ'איז זיך נוהג מיט יעדן אורח. און נאָך מער, ד״ר טשערניאַק האָט אין דער צייט פון ד״ר זשיטלאָווסקיס באַזוך אין שטאָט, פאַרעפנטלעכט אן אָפענעם בריוו אין „וואָרט״, — און די כוונה איז געווען צו שטערן דעם דערפאָלג פון ד״ר זשיטלאָווסקי אין וויניפּעג...

קיין קאַלגאַרי איז ד״ר ח. זשיטלאָווסקי געקומען מיטן פּלאַן צו האַלטן דאָרט א סעריע פון זעקס לעקציעס (די ערשטע לעקציע — דעם 30טן אפּריל, די צווייטע — דעם 2-טן מאַי, די דריטע — דעם 4-טן, און 9-טן, 11-טן און 13-טן). אינצווישן האָט ד״ר ח. זש. באַדאַרפט אריינפאָרן נאָך אין צוויי קאַנאַדער שטעטלעך און אריינכאַפּן דאָרט א פּאָר לעקציעס. אָבער ער האָט באַוויזן צו האַלטן אין קאַלגאַרי 3 לעקציעס, די לעצטע — דינסטיק אָוונט, דעם 4-טן מאַי.

אלע אין קאַלגאַריער פּרץ-שול. גראַד האָט ד״ר זש. זיין לעקציע דינסטיק געהאַלטן מיט אַ פעסטער, קלאָרער שטימע. ער איז געווען לעבעדיק, האָפערדיק און אין אַ הומאָרפולער שטימונג.

אויף מאָרגן פרי, מיטוואָך, דעם 5-טן מאַי, האָט ער זיך געפילט שלעכט און מ׳האָט אים אוועקגעפירט אין שפּיטאָל. די קאַלגאַרי-פריינד זיינען ביט אָפּגעטראָטן פון זיין קראַנקן בעט. דאָנערשטיק, דעם 6-טן מאַי, בייטאָג, אַ פּאָר שעה פאַר זיין פּטירה, ווען אַלע אַרום האָבן שוין געוואוסט, אַז ס׳איז שוין קיין שום האָפענונג ניטאָ, האָט ער געבעטן די פריינד חיים אייזנשטיין און לואי פערלמאַן, זיי זאָלן מיטטיילן אין די וויטערדיקע שטעט, אַז די לעקציעס ווערן אָפּגעלייגט אויף אַ וואָך-צוויי, ווען ער וועט געזונט ווערן און קענען פאָרזעצן זיין לעקציע-טור...

אָבער די לאַגע איז געוואָרן אַלץ ערגער און ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם...

2

ווען ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט פאַרשלאָסן דעם 6טן מאַי, זיינע אויגן אויף שטענדיק, בין איך געווען אין לאָס-אַנדזשעלעס, וואו מען האָט זיך שטאַרק געריכט און געגרייט אויף זיין קומען. דער דאָרטיקער קאָמיטעט האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון אַ צען לעקציעס פאַר אים אין ל״א, און אויך אין סאַן פראַנציסקאָ, פּעטאַלומאַ א. אז. וו.

דער פּלוציםדיקער טויט פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי אין קאַלגאַרי האָט צעדרייט דעם טור, אונדזערע פריינד אין די שטעט זיינען פאַרבליבן שטאַרק אַנטוישטע און פאַרלוירענע. אויף די ערטער, וואָס איך האָב אין די פּאָר וואָכן נאָך זשיטלאָווסקיס טויט באַזוכט, האָב איך ערשט פאַרשטאַנען און באַגריפן וואָס ד״ר חיים זשיטלאָווסקי איז געווען פאַר די הונדערטער און הונדערטער צוהערער און פאַרערער זיינע. מען האָט זיך געגרייט מיט אַזאַ מין ציטער, מיט אַזאַ מין „דחילו און רחימו״ אויף זיין קומען, פּונקט ווי די אַמאָליקע חסידים האָבן זיך געגרייט מקבל פּנים צו זיין זייער רבין. אָבער דער יום-טוב איז צעשטערט געוואָרן, און מען איז אַרומגעגאַנגען ווי אַבלים...

פון לאָס אַנדזשעלעס בין איך געפאָרן קיין סאַן פראַנציסקאָ, וואַנקואָווער און לסוף געקומען צופאָרן קיין קאַלגאַרי. און עס איז געווען, ווי איך וואָלט געקומען אין אַ הויז פון אַבלים ביים שבעה-זיצן. אַלץ אין קאַלגאַרי האָט נאָך געאָטעמט מיט דעם גרויסן מאַן, וואָס איז געקומען אַהין פול מיט לעבן און געדאַנקען און פול מיט הומאָר און ערנסט, און וועלכן מען האָט שפּעטער אוועקגעפירט אין אַ פאַרהאַקטן קאַסטן קיין ניו-יאָרק...

אויף שריט און טריט האָב איך געשפּירט די הייסע טריט פון ד״ר זשיט-לאָווסקי, אויף שריט און טריט האָב איך פאַרנומען זיינע רייד. אונדזער עולם אין קאַלגאַרי איז נאָך געווען פריש אונטערן איינדרוק פון דעם געשעענעם, און ביי יעדן צווייטן וואָרט האָט מען עס טיף אַרויסגעוויטיקט און אַרויסגעזאָגט.

איך קום קיין קאַלגאַרי פאַרנאַכט מיט דער באַן. עס וואַרט מיך אָפּ אַ

דעלעגאציע פון חברים-פריינד, און באלד ביי מיין אראָפּשטייגן פון די וואגאָן-טרעפּ, זאָגן מיר די חברים:

— די זעלביקע דעלעגאציע האָט מיט א דריי וואָכן צוריק אויפן זעלביקן אָרט אויפגענומען ד״ר זשיטלאָווסקין!

מיר זעצן זיך אריין אין דער „קאר" פון א חבר, און ביי איינעם פון די חברים-מיטפאָרער רייסט זיך ארויס א וואָרט:

— מיט אָט-דער קאר האָבן מיר אויך צוגעפירט ד״ר זשיטלאָווסקין צום האָטעל, און דערנאָך ארומגעפירט אים איבער דער שטאָט, און ד״ר זשיטלאָווסקי האָט געקרוינט דעם חבר פון דער קאר מיטן נאָמען „מיין בעל-עגלה!".

אזוי זיינען מיר צוגעפאָרן צום האָטעל, און טאַקע דאָרט, וואו ד״ר חיים זשיטלאָווסקי איז מיטוואָך פרי קראנק געוואָרן און מען האָט אים, א געפערלעך-קראנקן, אוועקגענומען אין שפּיטאָל. מיר גייען אריין אין דער „לאבי", מיר קומען צו צום האָטעל-„דעסק", און מיר בעטן א צימער. האָט דער האָטעל-מענעדזשער אויף מיר א קוק געטאָן, מיך אָפּגעמאָסטן ווי איך שטיי און גיי, און מיט א מין אומצוטרוי געקוקט אויף מיר און געמוסטערט באטראכטן, צי איך וועל ניט ברענגען קיין „טראָבל" דעם האָטעל, ווי דער פריערדיקער גאסט, וואָס די זעלבע מענטשן האָבן געבראכט אהער מיט א דריי וואָכן פריער. דער „קלוירק" מישט אויף דעם באזוכער-בוך, טוט א גיי פלינק מיט די אויגן און טוט א זאָג:

— דער פריערדיקער גאסט איז איינגעשטאנען אויפן פינפטן פלאָר, צימער 517, ווילט איר אזא מין צימער פארן גאסט?

— מיט א שטאָק העכער אָדער נידעריקער! — האָב איך אין דער שטיל א זאָג געטאָן דעם קאלגאריער חבר, וואָס איז געשטאנען ארום מיר.

האָבן מיר גענומען דעם שליסל, דער פּאָרטער האָט א באַפּ געטאָן די פּעקלעך, און מיר זיינען אריין אין דעם „עלעוועיטאָר".

— אך, וויפל מאָל זיינען מיר עס מיט אים געפאָרן ארויף און אראָפּ אויף דעם עלעוועיטאָר! — זאָגט אזוי פאר זיך א חבר-מיטבאגלייטער.

מיר שטייגן אראָפּ און לאָזן זיך נאָכן פּאָרטער. ער שליסט אויף די טיר פונעם צימער, און די חברים ווערן פארגאפט:

— גענוי דער זעלבער צימער און אויך צוויי פענצטער, און דאָס זעלבע בעט און אפילו דער זעלבער קאָליר פון דער קאָלדרע...

ווערט מיר קאלט, און איך פארבאהאלט פון די חברים מיין געמיט...

מען זעצט זיך אוועק אינעם האָטעל-צימער, און די חברים קענען זיך ניט באפרייען פון פּרטים, פון איינדרוקן וועגן זשיטלאָווסקיס לעצטע טעג. זיי דערציילן מיר, אז דער ערשטער געדאנק מיטוואָך פרי, ווען ער איז קראנק געוואָרן, איז געווען, אז מען דארף גלייך מיטטיילן קיין עמדאן, אז ער וועט קומען אהין צוליב זיין געזונט-צושטאנד ערשט מיט א פּאָר טעג שפּעטער. ביז זונטיק, דעם 9טן מאי, האָפט ער געזונט צו ווערן און וועט האלטן די פערטע לעקציע פון דער סעריע. אָבער אין עמדאן וועט ער שוין מוזן פאָרן מיט א וואָך שפּעטער...

די חברים, ווי וועלנדיק זיך באַפרייען פון דעם אָנגעקליבענעם, דערציילן מיר איבער דעם אינהאַלט פון זיינע ערשטע דריי לעקציעס. אַזוי פיל חכמה און אַזוי פיל טיפע געדאַנקען האָט ער אין זיינע לעקציעס אַרויסגעבראַכט. הגם ער האָט געהאַט פאַר זיך אַ קורס פון זעקס רעפעראַטן, און הגם די רעפעראַטן, לויט דעם באַפעל פונעם דאָקטאָר, זיינען געווען געשריבענע, אָבער עס האָט פון אים געשפּרודלט אַזוי פיל וויסן און איינפאַלן און עס האָט געבליצט מיט אַזוי פיל לויכטנדיקע געדאַנקען, און ער האָט זיך ניט געקענט האַלטן ביי די אָנגעשריבענע שורות און כסדר געמאַכט שפּאַצירן אין דער לענג און אין דער ברייט — אויסער די ראַמען און גרענעצן פון די אָנגעשריבענע רעפעראַטן.

באַזונדערס איז דער עולם געווען פאַרגאַפט פון זיין לעצטן רעפעראַט, דינסטיק, דעם 4טן מאַי. לכתחילה האָט ער גערעדט אַ שעה צייט, אַריינגעקוקט אין זיין מאַנוסקריפּט, און דאָך יעדעס מאָל געמאַכט לענגערע אָפּווייכונגען. ס׳האָט זיך אים געוואָלט ברייטער און טיפער אויפנעמען און צעגלידערן דאָס פּראָבלעם! און מיד געוואָרן, האָט ער געבעטן מאַכן אַ הפסקה, צו כאַפּן דעם אָטעם און אויך געבן אַ מעגלעכקייט דעם עולם זיך אָפּצורוען. דערנאָך האָט ער גענומען פאַרזעצן זיין רעפעראַט. ער האָט דאַן גערעדט וועגן דער פאַרוויקלטער טעמע: „רעליגיע, שפּראַך, און קולטור״, און ווי זיין שטייגער, האָט ער אַריינגעפלאָכטן אין זיין רעפעראַט פאַרשיידענע פילאָזאָפישע און היסטאָרישע מאָמענטן, געדאַנקען און טערמינען. האָט ער אָנגעהייבן די צווייטע העלפט מיט די ווערטער:

— און איצט, טייערע פריינד, אַז מיר האָבן זיך אַביסל אָפּגערוט, וועלן מיר זיך לאָזן קלעטערן אויף הויכע באַרג-שפּיצן פון פילאָזאָפישע געדאַנקען און פּראָבלעמען. די, וואָס האָבן קיין כוח ניט, זאָלן דאָ פאַרבלייבן זיצן, זיי מעגן אויך דערווייל כאַפּן אַ דרעמל, ביז מיר וועלן זיך צוריק אומקערן און וועלן שוין דערנאָך גיין אינאיינעם ווייטער מיטן ברייטן שליאַך...

אַזוי האָט ער דאַן, דעם לעצטן אָוונט, גערעדט איבער צוויי שעה צייט. דאָס פּובליקום איז געזעסן צוגעשמידט צו די ערטער, אויפגענומען יעדעס וואָרט און געווען איבערראַשט פון דער שפע געדאַנקען און פון דער וואונדערלעכער פאָרם, וואָס ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט דאַן געהאַלטן זיין רעפעראַט.

נאָכן רעפעראַט האָט זיך ניט געוואָלט אַוועקגיין. דער לערער פון דער פּרץ-שול, יחיאל שטערן, גייט צו צו אים, וויל אים נעמען אונטער דער האַנט, אים העלפן אַראָפּגיין פון די טרעפּ, אָבער ד״ר זש., וואָס האָט קיינמאָל ניט געוואָלט אַרויפּ-ציען אויף זיך קיין אַלטקייט, האָט אַ זאָג געטאָן:

— נאָו, נאָו, איך וועל אַליין גיין, אַ דאַנק!

ווען מען איז אָבער אַרויס אין דרויסן, פרעגט יחיאל שטערן ד״ר חיים זשיטלאָווסקין:

— איר זייט מיד, דאָקטאָר?

— אַך, זייער, זייער מיד! שוין צייט, אַז אָט די לעקציעס און אַזעלכע ווייטע שטרעקעס זאָלן מאַכן יינגערע פון מיר!

— דאָקטאָר, — כאַפּט אונטער יחיאל שטערן, וואָס איז אַליין אַ גאָר-קנאַפּער גיבור, — זינדיקט ניט!...

— אויב ניט זינדיקן, — גיט אַ זאָג ד״ר זשיטלאָווסקי האַלב-שטיפעריש, — וואָס פאַר אַ טעם האָט דאָס לעבן ?...

דאָס איז געווען די לעצטע לעקציע פון די טויזנטער, וואָס ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן אין זיין לאַנגן, גייסטרייכן לעבן.

---

און דער צופאַל האָט אַזוי געוואָלט, אַז אין דעם זעלבן זאַל פון דער פּרץ-שול אין קאַלגאַרי, וואו ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן זיין לעצטע לעקציע דינסטיק, דעם 4-טן מאַי, זאָל איך, גענוי מיט דריי וואָכן שפּעטער, דינסטיק, דעם 25-טן מאַי, ביים זעלבן טישל, האַלטן אַ רעפעראַט. איך האָב געזאָלט רעדן וועגן „60 יאָר יידיש לעבן און שאַפן אין אַמעריקע״, אָבער איך האָב גערעדט וועגן זעכציק יאָר לעבן און שאַפן פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי. די גאַנצע צייט פונעם רעפעראַט איז פאַר מיר, ווי פאַר אַלע צוהערער, געשטאַנען ווי לעבעדיק ד״ר חיים זשיטלאָווסקי דער גרויסער דענקער, דער פּיקח, וואָס פון זיין בליק און רעדן האָט שטענדיק געשטראַלט חכמה און וויסן.

ווען מיר טראַכטן וועגן ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, ווען מיר ברענגען אַרויף אויפן געדאַנק אונדזערע אַלע באַגעגענישן די לעצטע יאָרן, ווען מען דערמאָנט זיך זיינע עפנטלעכע אויפטריטן פאַר אַ גרויסן עולם און זיינע רייד און זיין באַטייליקונג אויף די קלענערע פאַרזאַמלונגען און זיצונגען, אין איקוף, אין שרייבער-קאָמיטעט, אָדער די באַגעגענישן מיט אים אין זיין היים, אין זיין שרייב-און ביכער-צימער אין קראָטאָנאַ, אָדער אין סאַראַטאָגע, איז גאָר ניטאָ דער געפיל, אַז ד״ר חיים זשיטלאָווסקי איז אַלט געווען קרוב צו אַכציק יאָר.

אַדרבא, עס איז דאָ דער געפיל, אַז עס איז אַוועק פון אונדז אַ געזונטער, יונגער, לעבעדיקער, שעפערישער מענטש, וואָס האָט נאָך געהאַלטן אין וואַקסן, אין שטייגן, אין גיין באַרג אַרויף.

אַכט און זיבעציק יאָר געלעבט, און מער ווי פינף און זעכציק יאָר אַזוי שעפעריש, פּראָדוקטיוו און פאַרשווענדעריש געלעבט, און דאָך געשטאָרבן פאַר דער צייט, אין סאַמע מיטן פון זיין לעבן און שאַפן.

1948

# די טשערנאָוויצער יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ און ד״ר ח. זשיטלאָווסקי

## 1

אין דער ערשטער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין טשערנאָוויץ (בוקאָווינע), אין די טעג פונעם 30טן אויגוסט ביזן 3טן סעפּטעמבער, 1908, האָבן זיך באַטייליקט א 50 דעלעגאַטן און א 100 געסט פון פאַרשיידענע לענדער, וועלכע האָבן געהערט צו די פאַרשיידנסטע ריכטונגען אין דער דעמאָלטיקער יידישער וועלט. צווישן אַנדערע האָבן זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ: ש. אייזענשטאַדט, שלום אַש, ד״ר נתן בירנבוים, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, לייבל טויביש, משה טייטש, ל. כאַזאַנאָוויטש (כתריאל), מתתיהו מיזעש, ה. ד. נאָמבערג, נח פּרילוצקי, יצחק לייבוש פּרץ, אסתר פרומקין, לאַזאַר קאַהאַן, אברהם רייזען. די רשימה פון די אָנטיילנעמער איז געבראַכט אינעם באַריכט־בוך „די ערשטע יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ״, אַרויסגעגעבן דורכן ייוואָ (ווילנע, 1931). יעדער איינער פון די דעלעגאַטן האָט זיך באַטייליקט מיט א רעפעראַט אָדער ער האָט גענומען א וואָרט אין די העפטיקע און היציקע דעבאַטן אַרום די פאַרשיידענע פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אויף די זיצונגען פון דער שפּראַך־קאָנפערענץ. גאָר באַזונדערס האָבן זיך אַרויס־געטיילט, סיי אין די הכנות צו דער קאָנפערענץ און סיי אויף דער קאָנפערענץ גופא, ד״ר נתן בירנבוים, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און יצחק לייבוש פּרץ, וועלכע האָבן געשפּילט א גאָר וויכטיקע פירנדיקע ראָלע אין אָט־דעם היסטאָרישן צונויפקום.

לאַזאַר קאַהאַן, א דעלעגאַט פון פּוילן, דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז ער „איז געקומען קיין טשערנאָוויץ א טאָג פריער, איידער די קאָנפערענץ האָט זיך געעפנט. די הויפּט־איניציאַטאָרן פון דער קאָנפערענץ, ד״ר נ. בירנבוים, י. ל. פּרץ און ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, האָבן כסדר אָפּגעהאַלטן זיצונגען און צוזאַמען מיטן סטודענטן־קאָמיטעט זיך פאַרנומען מיט דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע־אַרבעט״ („ליט. בלעטער״, 1928, ז׳ 682).

און ווייטער גיט איבער לאַזאַר קאַהאַן, אַז „ד״ר נ. בירנבוים איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ... די זיצונגען האָבן געפירט די וויצע־פאָרזיצערס ד״ר זשיטלאָווסקי און י. ל. פּרץ״ (דאָרט, ז׳ 762).

ד״ר נ. בירנבוים, דער הויפּט־איניציאַטאָר פון דער קאָנפערענץ און אויך איינער פון אירע צונויפרופער, האָט געהאַלטן די ערשטע פייערלעכע דער־עפענונגס־רעדע און איז דערנאָך אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דער פּרעזידענט פון דער צענטראַל־ביוראָ, וואָס האָט באַדאַרפט אָנפירן מיט די פאַרשטייענדיקע אַרבעטן און רעאַליזירן די אויפגאַבן און באַשלוסן, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרן אויף דער שפּראַך־קאָנפערענץ. וועגן זיין ראָלע פאַר, בעת און נאָך דער קאָנפערענץ באַדאַרף מען שרייבן באַזונדער און באַריכות.

י. ל. פּרץ האָט לכתחילה געהאַט טענות קעגן טעקסט פונעם אויפרוף צו דער

קאָנפערענץ, ווי מיר זעען עס פון זיין בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו ד״ר נתן בירנבוים. פּרץ איז געקומען צו דער קאָנפערענץ און זיך אריינגעוואָרפן אין דער ארבעט, געהאלטן א רעפעראט, געפירט אייניקע זיצונגען און זיך ליידנ-שאפטלעך באטייליקט אין די הייסע דיסקוסיעס וועגן די הויפּט-פראגן, וועלכע זיינען אויפגעהייבן געוואָרן. אויך נאָך דער קאָנפערענץ האָט פּרץ זי פּארטיידיקט קעגן אירע פאַרשיידענע אָנפאלער.

ד״ר נ. בירנבוים האָט אין די יאָרן פונעם ערשטן וועלט-קריג, 1917-1914, זיך דערווייטערט פון די יידיש-וועלטלעכע אידייען און לאָזונגען, פאַר וועלכע ער האָט פריער אזוי אייפעריק געקעמפט. י. ל. פּרץ איז אין 1915 אוועק פון דער וועלט. בלויז ד״ר ח. זשיטלאָווסקין, איינעם פון די וויכטיקסטע זיילן, טעארע-טיקער און פירער פון דער שפּראך-קאָנפערענץ, איז באשערט געווען לאנגע יאָרן צו קעמפן און צו שטרייטן, מינדלעך און שריפטלעך, פאַר די לאָזונגען, אידייען און אויפגאבן פון דער שפּראך-קאָנפערענץ, זינט 1908 ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף די וויכטיקסטע פּרטים וועגן דער שייכות און ענגער פאַרבינדונג צווישן דער טשערנאָוויצער שפּראך-קאָנפערענץ מיט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי. מיר וועלן ברענגען מאטעריאַלן, וואָס ווייזן, אויף וויפיל ד״ר ח. זשיטלאווסקי האָט אלע זיינע יאָרן געהאלטן הויך די פאָן פון דער טשערנאָ-וויצער שפּראך-קאָנפערענץ, ביי יעדער געלעגנהייט דערמאָנט זי מיט גרויס פּיעטעט און חשיבות און באטאָנט דאָס פּאָזיטיווע, וואָס די ערשטע יידישע שפּראך-קאָנפערענץ האָט מיט זיך געבראכט.

## 2

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט געהערט צו דער גרופּע יידישע אינטעליגענץ אין ניו-יאָרק, וואָס האָט אָנהייב 1908, באשלאָסן צו רופן די קאָנפערענץ. ד״ר ח. זשיטלאָווסקי איז געווען פון אָנהייב אָן איר „טעאָרעטיקער", — אזוי ווערט ער אָנגערופן אין דער ערשטער קאָרעספּאָנדענץ, געדרוקט, אין רוסיש-יידישן „ראזסוועט" (פּעטערבורג, דעם 28טן מערץ, 1908), וואו עס ווערט דערציילט וועגן דער בראשית-בארצטונג צו רופן די שפּראך-קאָנפערענץ. מ. לאזארסאָן (מ. בן-אליעזר), שרייבט פון ניו-יאָרק וועגן דער בארצטונג, אויף וועלכער ער איז בייגעווען, און וואָס ער באצייכנט „א פּרעלודיע צו א קאָנפערענץ, וואָס ווערט פּראָיעקטירט פון די ליבהאָבער פון זשארגאָן צום קומענדיקן זומער אין עסטרייך". ער דערציילט, אז „צולעצט [נאָך די רעדעס פון אל. הארקאווי און ד״ר נ. בירנבוים] האָט זיך באוויזן אויף דער טריבונע דער טעאָרעטיקער פון דער דאָזיקער באוועגונג, דער איניציאטאָר פון דער בארצטונג, ד״ר ח. זשיט-לאָווסקי. ער האָט רואיק אָנגעהייבן צו אנטוויקלען זיין טעאָריע וועגן דער נייטיקייט פון דעם זשארגאָן [אזוי האָט מען דאן גערופן יידיש!] פאַר דער נאציאָנאלער עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק. אויב דער קולטור-ניוואָ פון פאָלק איז ניט הויך, — איז שולדיק אין דעם דאָס פעלן פון א שפּראך. די פילאָזאָפיע

איז דער מוח, די פּאָעזיע איז דאָס האַרץ, און די שפּראַך קען מען פּאַרגלייכן צום בלוט פון קערפּער. ווען דעם קערפּער פעלט אויס בלוט,ליידט ער אויף אנעמיע... ניט קיין פּאָפּולערע ביכלעך דאַרף מען ארויסגעבן אין יידיש, נאָר באַשאַפן אויף דער שפּראַך א גאַנצע ליטעראַטור, בכדי אונדזער אינטעליגענץ זאָל שעפּן איר גאַנצע בילדונג פונעם אייגענעם קוואַל... זאָלן אפילו אסימי-לאַציע-טעאָריעס, טיפּע געדאַנקען און ניט אַגיטאַציע-בראָשורן, געשריבן ווערן אויף יידיש״...

לויט דעם אָפּגעדרוקטן צירקוליאַר האָבן געדאַרפט אויף דער שפּראַך-קאָנפערענץ באַהאַנדלט ווערן פאָלגנדיקע פונקטן: יידישע אָרטאָגראַפיע, יידישע גראַמאַטיק, פרעמדע און נייע ווערטער, א יידיש-ווערטערבוך, די יידישע יוגנט און די יידישע שפּראַך, די יידישע פּרעסע און די יידישע שפּראַך, די יידישע בינע און די יידישע אַקטיאָרן, די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידישע שרייבער, די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידישע אַקטיאָרן, די אָנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך. דאָס זיינען צען קאַרדינאַלע פראַגן, וואָס זיינען געווען אין יענער צייט זייער אַקטועל און ברענענדיק.

דעם לענגערן טעקסט פונעם רוף, וואָס איז פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן אין יענער צייט, ווינטער 1908, האָבן אונטערגעשריבן 5 פּערזאָן, צווישן זיי — אויך ד״ר חיים זשיטלאָווסקי. אינטערעסאַנט; פון דער אַמעריקאַנער גרופּע איני-ציאַטאָרן האָט זיך באַטייליקט אין טשערנאָוויץ בלויז איין ד״ר ח. זשיטלאָווסקי. זעט אויס, אַז זיין אינטערעס צו דער שפּראַך-קאָנפערענץ איז געווען זייער שטאַרק. ער איז געפאָרן און זיך באַטייליקט אין איר מיט לייב און לעבן.

אַז מען איז געווען שטאַרק צופרידן צווישן די באַטייליקטע אין דער קאָנפערענץ מיטן קומען פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, זעען מיר פון דער לענגערער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ש. אייזענשטאַדט (איצט אין ישראל; איינער פון די געציילטע באַטייליקטע, וואָס זיינען פאַרבליבן איצט ביים לעבן) דערציילט אין „ראַזסוועט״, פונעם 23טן אויגוסט 1908, וועגן די געסט, וואָס דאַרפן קומען. ער שרייבט פון טשערנאָוויץ, אַז „פון לאָנדאָן האָט זיך באַקומען א ידיעה, אַז ד״ר ח. זשיטלאָווסקי איז אָנגעקומען פון אַמעריקע און פאָרט אויף דער קאָנפע-רענץ. אַלע פרייען זיך דאָ מיט זיין קומען, מחמת ער איז איינער פון די אי-ניציאַטאָרן פון דעם ענין און ער איז א פּערזענלעכקייט, וואָס האָט א השפּעה אויפן אַמעריקאַנער און רוסישן יידנטום״.

## 3

ווי ד״ר ח. זשיטלאָווסקי איז געקומען קיין טשערנאָוויץ, איז ער גלייך אריינגעצויגן געוואָרן אין דעם געקאָך פון דער קאָנפערענץ. ער איז אויפגעטראָטן זונטיק, דעם 30סטן אויגוסט, אין גרויסן גאָרטן פונעם יידישן טעאַטער, אויף דער פאָלקס-פאַרזאַמלונג, וואָס ניט געקוקט אויף דער געוואַלדיקער היץ, זיינען דאָרטן בייגעווען איבער טויזנט צוהערער (לויט אַנדערע באַריכטן — ביז צוויי טויזנט).

ד"ר ח. זשיטלאָווסקי האָט אין זיין רעדע געזאָגט, אז „די יידישע שפּראַך איז אויסער וועלכער עס איז זייטיקער קאָנקורענץ, אז קיין שום שפּראַך, ווי שיין און דערהייבן זי זאָל ניט זיין, קען איר ניט שאַדן. די קאָנפערענץ, און שפּעטער די אָרגאַניזאַציע, וואָס די קאָנפערענץ וועט גרינדן, דאַרף שטרעבן צו אַנטוויקלען פון דער יידישער שפּראַך די יידיש-נאַציאָנאַלע שפּראַך, ווייל דאָס איז דער בעסטער מיטל פאַרן יידישן נאַציאָנאַלן קיום". און ווייטער האָט ד"ר ח. זשיטלאָווסקי אָנגעוויזן „אויפן תהום, וואָס איז ביז דער לעצטער צייט געלעגן צווישן די באַגריפן ייד און מענטש"... „דער דאָזיקער תהום איז פאַרשוואונדן זינט דער אַנטוויקלונג פון אונדזער [יידישער] שפּראַך, וואָס האָט אונדז אַריינ-געפירט אין אַן אָרגאַנישער פאַרבינדונג מיט דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע" (זע געגנויער אין בוך-באַריכט, ז' 79).

דעמזעלבן זונטיק, דעם 30טן אויגוסט, אין אָוונט, איז פאָרגעקומען אין (טשערנאָוויצער) שטאָט-טעאַטער אַ גרויסער ליטעראַרישער אָוונט, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט י. ל. פּרץ (ער האָט געלייענט דעם צווייטן אַקט פון „די גאָלדענע קייט" און „פיר דורות — פיר צוואות"), אַברהם רייזען, שלום אַש (געלייענט „אַ קאַרנאַוואַל-נאַכט"), און ה. ד. נאָמבערג. דעם אָוונט האָט געעפנט ד"ר ח. זשיטלאָווסקי מיט אַ רעדע „וועגן די ליטעראַטורן פון אונטער-דריקטע פעלקער בכלל און פון דער יידישער ליטעראַטור בפרט".

אגב, וועגן ד"ר זשיטלאָווסקיס רעדע אויף דער פאָלקס-פאַרזאַמלונג זאָגט דער קאָרעספּאָנדענט פון „ראַזסוועט", און דאָס זעלבע באַשטעטיקט „דער פריינד", אַז „זי איז געווען זייער אינטערעסאַנט און אַז זי האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף דעם עולם".

ד"ר ח. זשיטלאָווסקין איז צוגעטיילט געוואָרן צו האַלטן אויף דער קאָנ-פערענץ אַ רעפעראַט וועגן דער יידישער ליטעראַטור, סצענע און פּרעסע.

ווען די שפּראַך-קאָנפערענץ האָט זיך אָנגעהייבן, און עס האָבן זיך גענומען אַרויסווייזן די פאַרשיידענע ווידערשפּרעכנדיקע מיינונגען פון די באַטייליקטע און זייערע אַנדערשדיקע שטעלונגען בנוגע דער יידישער שפּראַך און איר ראָלע אינעם יידישן לעבן און די באַזונדערע שטעלונג צו דער העברעאישער שפּראַך, איז ד"ר ח. זשיטלאָווסקין, ווי דעם פאָרזיצער פון די זיצונגען, אויסגעקומען אָנצוואָוועגדן זיין חכמה, דערפאַרונג און טאַקטיק ניט צו דערלאָזן, אַז די קאָנפע-רענץ זאָל אויפגעריסן ווערן פון אינעווייניק. אויסער די עפנטלעכע זיצונגען, זיינען אויך פאָרגעקומען באַראַטונגען פונעם פּרעזידיום, וואו מען האָט געפּרוּווט אויסמיידן די שטיינער, וואָס זיינען געווען אונטער דעם וואַסער, אויף וועלכן די שיף פון דער קאָנפערענץ האָט געזאָלט רואיק שווימען.

אין דערמאָנטן בוך „די ערשטע יידישע שפּראַך-קאָנפערענץ" האָבן מיר אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל וועגן די פאַרהאַנדלונגען, רעפעראַטן און דעבאַטן, וואָס זיינען געפירט געוואָרן אַרום דער הויפּט-פראַגע: וואָס איז די יידישע שפּראַך? איז זי אַ שפּראַך אַ צייטווייליקע, וואָס היינט איז זי דאָ און באַלד

וועט זי פאַרשוואונדן ווערן, אָדער זי איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, און אפשר גאָר די נאַציאָנאַלע שפּראַך?

## 4

ס'איז ניט מעגלעך זיך אָפּצושטעלן איצט געניי אויף דעם העפטיקן קאַמף פון די דריי באַזונדערע ריכטונגען און אויף די פאַרשיידענע אַרויסזאָגונגען פון יעדן איינעם פון די צדדים. איצט אינטערעסירט אונדז די ראָלע פון ד"ר ח. זשיטלאָווסקי. ווי באַוואוסט, האָט ער פאַרטראָטן דעם שטאַנדפּונקט, אַז יידיש קען ווערן די נאַציאָנאַלע שפּראַך און ער האָט געפאָדערט, מען זאָל וואָס-מער פאַרברייטערן די באַזע פון יידיש, אַריינגיסן אין איר דאָס גאָרע יידישע און וועלט-שאַפן, זי זאָל זיין ראוי צו ווערן די נאַציאָנאַלע יידישע שפּראַך.

ד"ר ח. זשיטלאָווסקי איז געווען געטריי זיין וועלטבאַנעם. ער האָט פאַר־לאַנגט אַ וואָס ברייטערן פאַרנעם און ער האָט געשטעלט ווייט-גייענדיקע אויפגאַבן און פאַרמעסטן פאַר דער יידישער שפּראַך. נאָך דער רעדע פון שלום אש — וועגן איבערטראָגן די יידישע קולטור-גיטער אין דער יידישער שפּראַך, — האָט ד"ר זשיטלאָווסקי געזאָגט, אַז „דורך איבערזעצן דעם תנ"ך און אויך אַנדערע קולטור-אוצרות אויף יידיש, וועלן מיר עפענען פאַרן יידישן פאָלק דעם ים-הגדול, וועלכן די גרויסע יידישע מאַסן האָבן ביז איצט אויף די אויגן ניט אָנגעזען". ער האָט זיך ניט באַגנוגנט בלויז מיטן תנ"ך, נאָר ער האָט אויך געוואָלט האָבן דעם תלמוד און אַנדערע יידישע ווערק אויף יידיש...

אין איינעם אַ באַריכט ווערט דערציילט וועגן דעם שרעקלעכן שטורעם, וואָס האָט זיך אויפגעהייבן אויף דער קאָנפערענץ, ווען עס איז געקומען די דעבאַטע מכוח יידיש און העברעאיש. עס האָט געהאַלטן ביי אַ געשלעג... דער באַוואוסטער שרייבער גרשם באַדער גיט איבער, אַז „גערעטעוועט האָט די לאַגע דער פאָרזיצער ד"ר זשיטלאָווסקי. מיט עטלעכע קלוגע ווערטער האָט ער די אויפרעגונג באַרואיקט..." אַ צווייטער באַריכט-אָפּגעבער דערציילט, אַז „אַדאַנק דער אויסגעצייכנטער פירונג פון דער זיצונג דורך ד"ר ח. זשיטלאָווסקי, איז דער זאַל געבראַכט געוואָרן צו אָרדענונג". דאָס באַטאָנט די באַקאַנטע ד"ר זשיטלאָווסקיס „קאַלטבלוטיקייט" און חכמה, וואָס ער האָט אָנגעווענדט אַלעמאָל, אויך אין די אַלע שפּעטערדיקע יאָרן, צו קענען שטילן און באַרואיקן די געמיטער. יעדן איינעם פון אונדז זיינען באַקאַנט פיל אַזעלכע פאַלן אין פאַרשיידענע צייטן, ווען דער חכם ד"ר זשיטלאָווסקי האָט געקענט פאַרנונפטיק ווירקן און באַווירקן אַן עולם — אַ קלענערן צי אַ גרעסערן...

די שפּראַך-קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ מיט אירע אַלע דראַמאַטישע און אויך טיף-רירנדיקע מאָמענטן, מיט אַלע אירע שטרייטן און קאַמפן פון אַן אידעאָלאָגישן כאַראַקטער האָט זיך ווי עס איז בשלום פאַרענדיקט, אָבער די געמיטער פון די באַטייליקטע אויף דער קאָנפערענץ און באַזונדער — די אַלע כוחות אויסער דער קאָנפערענץ האָבן זיך ניט איינגעשטילט. עס זיינען געקומען זייער שאַרפע נאָכווייען. די אָפענע און באַהאַלטענע קעגנער פון דעם יידישן

לשון האָבן אויפגעהייבן א „ויצעקו" אויף וואָס די וועלט שטייט, זיי האָבן אָנגעהייבן א שרעקלעכן געטומל אין דער פרעסע, און אפילו ניט אָפּגעשטעלט זיך פון פעלשן די אמתע רעזאָלוציע, וואָס איז דאָך אָנגענומען געוואָרן ווי א פּשרה אויף דער קאָנפערענץ, אז יידיש איז א נאציאָנאלע שפראך, ניט די נאציאָ-נאלע שפראך, ווי אייניקע האָבן פארלאנגט.

וועגן דעם, ווי א צאָל העברעאישע און יידישע שרייבער האָבן נאָך דער קאָנפערענץ גענומען פּראָטעסטירן קעגן טשערנאָוויץ, און ווי אייניקע האָבן עס געהאלטן פאר א גרויסן נאציאָנאלן אומגליק, שיעור ניט ווי א נייעם נאציאָנאלן חורבן, — וועגן דעם איז פיל צו רעדן. טשערנאָוויץ האָט אויפגעהייבן א שרעקלעכן שטורעם אין דער יידישער וועלט, וואָס איז ניט געווען מעגלעך אים איינצושטילן. אייניקע באטייליקטע האָבן זיך אפילו צוריקגעצויגן, זיי האָבן מורא געהאט פאַרצוזעצן דעם קאמף און די פאַרטיידיקונג פון טשערנאָוויץ. ווי באקאנט, איז פון דער ביוראָ, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף דער קאָנ-פערענץ, דערנאָך גאָרניט געוואָרן. מען האָט געפּרואווט זי אקטיוויזירן, מען האָט געשיקט בריוו, צירקוליארן, און עס האָט ניט געהאָלפן. מען איז זיך צעפאָרן יעדער אייגער אין זיין שטאָט און לאנד, און מ'איז אריינגעצויגן געוואָרן אין פארשיידענע אנדערע קולטור-געזעלשאפטלעכע ארבעטן, און פּראַקטיק! די פּאָלעמיק און די אָנפאלן אויף דער שפראך-קאָנפערענץ און אויף איר רעזאָלוציע האָבן נאָך אלץ אָנגעהאלטן, — עס זיינען געלאָפן העצע-בריוו פון שרייבער צו שרייבער, אין דער פרעסע האָט מען געהאלטן אין איין באוויינען און באקלאָגן די קאָנפערענץ און מען איז באפאלן די אָנטיילנעמער שיעור ניט ווי נאציאָנאלע פאררעטער.

איינער פון די ווייניקע און געציילטע, וועלכער איז אלע יאָרן געבליבן טריי און איבערגעגעבן אירע באשלוסן — איז געווען און פארבליבן ד"ר חיים זשיטלאָווסקי.

קומענדיק צוריק קיין ניו-יאָרק, האָט ד"ר ח. זשיטלאָווסקי צונויפגערופן א פארזאמלונג דורכן פאראיין „דאָס נייע לעבן" (אין יאנואר 1909), אויף וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן א געגנויעם טיף-באגרינדעטן באריכט וועגן דער טשערנאָ-וויצער שפראך-קאָנפערענץ. אויסצוגן פון אָט-דעם געגנויעם, אינטערעסאנטן באריכט האָט ד"ר ח. זשיטלאָווסקי דאן אָפּגעדרוקט אין זיין זשורנאל „דאָס נייע לעבן" (איבערגעדרוקט אין זיינע „שריפטן", באנד 4).

מיר וועלן דאָ ברענגען אייניקע אויסצוגן, וואָס ווייזן, ווי ד"ר ח. זשיטלאָווסקי שטעלט זיך אָפּ פריער פון אלץ אויף דעם, אז די קאָנפערענץ האָט ארויסגערופן ביים יידישן עולם, ביי דער פרעסע און שרייבער, די פארשיידנסטע מיינונגען — שפּאָט און וויץ, ביטערע שנאה און האס, שארפן פּראָטעסט און אויך גלייכגילטי-קייט. און ד"ר זשיטלאָווסקי, אויף זיין ספּעציעלן שטייגער צו כאראקטעריזירן און אנאליזירן זאכן, שטעלט זיך אָפּ אויף די אלע מיינונגען, פרעגט זיי אָפּ און רוקט דערביי ארויס זיין באגייסטערטע באציאונג און הויכע אָפּשאצונג פון דער שפראך-קאָנפערענץ. „נאציאָנאלער קאמף איז שפראכן-קאמף, נאציאָנאלע

גלייכבארעכטיקונג איז גלייכבארעכטיקונג פון שפּראַכן", — זאָגט ד"ר זשיט-לאָווסקי, און פירט ווייטער אויס, אז „די סאָציאַל-עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די יידישע מאסן, וואָס פארלאנגען אָן א שום הנחה די נאציאָנאלע גלייכבארעכטי-קונג פון יידישן פאָלק, פארלאנגען אין דער זעלביקער צייט די נאציאָנאלע גלייכבארעכטיקונג פון דער יידישער שפּראַך. עס ליגט אין זייער אינטערעס צו פאָדערן קלאָר און דייטלעך און אָן שום קאָמפּראָמיס, אז די יידישע שפּראַך זאָל אומעטום, — אין דער שול, אין דער ליטעראַטור, אין דעם אוניווערסיטעט און אין געריכט, אָנגענומען ווערן ווי א נאציאָנאלע שפּראַך פונעם יידישן פאָלק".

5

ד"ר ח. זשיטלאָווסקי האָט קלאָר געוואוסט, וואָס די קאָנפערענץ האָט אויפ-געטאָן, אָבער ער האָט ניט געוואוסט, וואָס עס וועט זיין מיט דער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אויף דער קאָנפערענץ אויסגעקליבן געוואָרן, און צי זי וועט זיין א דבר של קימא, א זאַך, וואָס וועט וואַקסן און זיך אַנטוויקלען. אָבער צי עס איז יאָ אָדער ניט געבליבן קיין פעסטע גוט-איינגעשטעלטע אָרגאַניזאַציע, האָט ד"ר זשיטלאָווסקי גופא טריי און ערלעך די אלע ווייטערדיקע יאָרן געטראָגן די פליכטן פון דער יידישער שפּראַך און מיט אלע מיטלען געהאָלפן איר וואוקס, אַנטוויקלונג, אָנזען און פּרעסטיזש סיי מיט זיין אייגענעם שאפן, און סיי מיט זיינע פאַר-שיידענע טעטיקייטן לטובת דער שפּראַך. יאָרן זיינען געגאנגען, יאָרן, פול מיט דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע פאַסירונגען. יאָרן, פול מיט דערגרייכונגען און פארלוסטן, מיט גרויסע פארמעסטן אינעם יידישן קולטור-געזעלשאַפטלעכן און ליטעראַרישן לעבן און מיט ביטערע אַנטוישונגען, מיט בארג-ארויפן און בארג-אראָפּן. הכלל, די יאָרן 1908-1928. אין די אלע יאָרן איז ד"ר זשיטלאָווסקי געשטאַנען פעסט אויף די פּאָזיציעס צו פארטיידיקן דאָס יידישע סאָציאַל-נאציאָנאלע לעבן, און אליין פארקאַשערט די אַרבל און געלייגט פונדאַמענטן און אויפגעשטעלט בנינים — גייסטיקע און מאַטעריעלע — פאַר דער יידישער שפּראַך און איר קולטור. עס איז ניט צום אויסרעכענען אלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך ד"ר ח. זשיטלאָווסקי און דורך זיין דירעקטער השפּעה, — פון די אונטערשטע שטאַפּן — די וועלטלעכע פאָלקס-שולן ביז די העכערע שפּיצן פון דער יידישער קולטור.

איז אַט, אין 1928, צום 20טן יאָרטאָג פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ, האַלט פאַר בויטיק ד"ר ח. זשיטלאָווסקי, ווי א צאָל אַנדערע וויכטיקע קולטור-שאַפער און קולטור-בויער אין אייראָפּע און אין אַמעריקע, אונטערצופירן א סך-הכל צו דער היסטאָרישער דאַטע „טשערנאָוויץ"; וואָס האָט זי געבראַכט דעם יידישן לעבן, וואָס זיינען אירע געבענטשטע איינפלוסן און וואָס האָט מען פאַרפעלט צו טאָן, און ווי זיינען אויסגעפירט געוואָרן די התחייבותן, וואָס מען האָט דאַן זיך געשטעלט.

אין אַן אַרטיקל („צוקונפט", 1928, איבערגעדרוקט אין „יידישע קולטור", מאַי, 1958), וואָס טראָגט דעם נאָמען „טשערנאָוויץ און דער יידישיזם", זאָגט ד"ר זשיטלאָווסקי: „טשערנאָוויץ איז געוואָרן א שם דבר פאַר דער אַזוי-

גערופענער יידישיסטישער באוועגונג, ווי ,באזעל׳ איז א לאנגע צייט געווען א שם-דבר פאר דעם פאליטישן ציוניזם. אבער נאך 20 יאר ,טשערנאָוויץ׳ האט מען געוויס א רעכט אוועקצושטעלן די פראגע: איז ,ער׳ געווען א דערפאלג אדער א דורכפאל״. און ד״ר זשיטלאָווסקי ברענגט ארויס אויף זיין שפּרודלדיקער און פערלדיקער שפראך אינטערעסאנטע געדאנקען און טרעפלעכע דעפיניציעס וועגן דעם, וואס יעדער איינער פון די אמאליקע באטייליקטע האט דערוואַרט פון טשערנאָוויץ און וואס עס איז דערגרייכט געוואָרן — אויב ניט דירעקט דורך דער אָרגאניזאציע, וואס איז פון לכתחילה ניט געווען טעטיק, איז אומדירעקט, אונטער דער השפעה פון דער שפּראך-קאָנפערענץ.

אין לויף פון די צוואנציק יאר, 1908-1928, זיינען געווען גענוג וויכטיקע פּרוואון צו שאפן ערנסטע און וואָגיקע קולטור-אָרגאניזאציעס, סיי אין אייראָפּע און סיי אין אמעריקע, וואס האבן אייגנטלעך געדארפט טאָן די ארבעט, געהאט די צילן-אויפגאבן, פּארווירקלעכן פּלענער, וואס זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן און זיינען בדרך אגב באריירט געוואָרן אויף דער שפּראך-קאָנפערענץ.

„אין אלץ, — שרייבט ער גאנץ ריכטיק, — וואס מיר האבן פאר די 20 יאר אויפגעטאָן, אין דעם אויפבוי פון אונדזער מאָדערנער וועלטלעכער קולטור, אין אלע בעסערע דערגרייכונגען אונדזערע אויף די פעלדער פון דערציאונג, ליטע-ראטור, פּרעסע און טעאטער, לעבט און ווירקט די נשמה פון טשערנאָוויץ און גיט כוחות צום ווייטערדיקן לעבן און שאפן״.

אין גאנג פון דעם ארטיקל גיט ד״ר זשיטלאָווסקי אייניקע שארפע און טרעפלעכע כאראקטעריסטיקעס וועגן די גוזעלשאפטלעכע גייסטיקע כוחות, וואס זיינען געווען פּארטראָטן אין 1908 אין טשערנאָוויץ. ער שטעלט זיך אָפּ אויף זייער מהות און וועזן אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן אין דעם יידישן לעבן.

פארשטייט זיך, אז זינט 1928 ביז איצט — פאר די לעצטע 30 יאר — האבן זיך די אלע כוחות און פאקטאָרן אין דעם יידישן לעבן שטארק געענדערט. און ווי ריכטיק ד״ר זשיטלאָווסקיס באהויפּטונגען און אויספירן זיינען דאן, אין 1928, ניט געווען, דארפן זיי אבער איצט, נאך די אלע געשעענישן, וואס זיינען פאָרגעקומען אין דער יידישער און אין דער אלגעמיינער וועלט און לחלוטין געביטן די יידישע ישובים און די כוחות-פארהעלטענישן אינעם יידישן קולטור-לעבן — הן פיזיש, הן גייסטיק, דארפן די באהויפטונגען, איינשטעלונגען און אויספירן איצט שטארק רעווידירט ווערן. און דאס איז טאקע אונדזער אויפגאבע אין דעם איצטיקן מאָמענט — ניט אנצונעמען דאָגמעס, קאטעגאָריעס, באהויפּ-טונגען ווי א „הלכה מסיני״, נאָר מיר מוזן זיי, אין ליכט פון די אלע געשעענישן, געריכטע און מער — אומגעריכטע, זיי ענדערן, אומבאדינגט זיי ענדערן. און דאָס איז אוודאי נוגע דער יידישער שפּראך און איר אָרט און ראָלע אינעם יידישן לעבן...

ד״ר זשיטלאָווסקי פון יאר 1928 פרעגט: „איז שוין אפשר איצטער, נאך 20 יאָר טשערנאָוויץ, געקומען די צייט פאר אזא ׳יידישיסטישער׳ אָרגאניזאציע, מיט דער ברייט-פאנאנדערגעוויקלטער פּאָן פון אונדזער גייסטיקער באפרייאונג און

נאַציאָנאַלער איינהייטלעכקייט?״ און ער ענטפערט דאַן ערלעך: „דאָס ווייס איך ניט!״

דער אַרטיקל ווערט פאַרענדיקט מיט דער האָפענונג, אַז „די נשמה פון טשערנאָוויץ וועט זיכער נאָך אויסגעשטאַלטיקן פאַר זיך אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט קלאָר ארויסברענגען איר אדעקוואַטע אידייע, און וואָס וועט מיט איר גרויסן און טיפן אמת פון דער פולער גייסטיקער באַפרייאונג גובר זיין אַלע אירע פיינט״.

מיט אַ צוויי יאָר שפּעטער האָט ער זיך ווידער אומגעקערט צו דער טשער-נאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ און צו דער הויפּט-רעזאָלוציע וועגן דעם יידישן לשון, וואָס איז דאָרטן, אין 1908, אָנגענומען געוואָרן.

אין 1930 פאַרעפנטלעכט ער אַן אַרטיקל אין דער צייטשריפט „וואָך״, וואו ער דערציילט וועגן „די באַשלוסן, וואָס די ערשטע קאָנפערענץ פון דער דאַן געגרינדעטער קולטור-געזעלשאַפט האָט אָנגענומען״.

6

עס זיינען פאַראיבער עטלעכע יאָר — פון 1930 ביז 1937. און איצט וואַקסט ווידער אויף די שפּראַך-קאָנפערענץ פאַר ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, אָבער דאָסמאָל — שוין אויף אַ נייעם אופן. עס קומט אויף דער גרויסער פּאַרמעסט צו רופן דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס, און איצט שוין אַ 72 יאָריקער, דערפילט ווידער ד״ר ח. זשיטלאָווסקי אין זיך קראַפט, מוט און באַגייסטערונג פאַר דער גרויסער אידייע — פון אַ יידישן קולטור-קאָנגרעס. ער שטעלט זיך אין דינסט פון דער נייער קולטור-מאָביליזאַציע, און ווי אַן אַלטער גוט-אויסגעפּרוּווטער באַטייליקטער אין העפטיקע קאַמפן און אין שטאַרקע שטורייטן, נעמט ער אויף זיך די אַלע פליכטן און ער שטעלט זיך אין דער שפּיץ פון דעם אָרגאַניזיר-קאָמיטעט אין אַמעריקע ניט געקוקט אויף די אַלע שטערונגען און גערעאַנגלענישן, וואָס זיינען אָנגעפירט געוואָרן דאָ דורך פאַרשיידענע גרו-פּירונגען און ריכטונגען, וואָס האָבן געשטעמפּלט דעם קולטור-קאָנגרעס, נאָך איידער ער איז פאַרגעקומען, מיט די פאַרשיידענע באַצייכענונגען און טיטולן...

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט אָנגעשריבן אַ גוט-באַגרינדעטן פאָרטראַג, וואָס ער האָט באַדאַרפט לייענען אויפן קולטור-קאָנגרעס אין פּאַריז (אַגב, אַזוי ווי ער האָט ניט געקענט פאָרן צוליב זיין שוואַכן געזונט-צושטאַנד, איז דער רע-פעראַט געלייענט געוואָרן אין פּאַריז, דעם 17טן סעפּטעמבער, 1937, דורך ז. וויינפּער). דער רעפעראַט הייסט „די יידישע קולטור פון טשערנאָוויץ ביז היינט״ (אָדער ריכטיקער — די טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ און דער פּאַריזער קולטור-קאָנגרעס). דער רעפעראַט הייבט זיך אָן אַזוי: „אין יאָר 1908 איז אין טשערנאָוויץ אָפּגעהאַלטן געוואָרן די באַרימט-געוואָרענע אַלוועלטלעך יידישע שפּראַך-קאָנפערענץ. נאָך אַן איבעררייס פון באַלד 30 יאָר, זאַמלט זיך צונויף אין פּאַריז אַ צווייטער אַלוועלטלעך-יידישער צונויפקום, וואָס טראָגט דעם נאָמען ניט „שפּראַך-קאָנפערענץ״, נאָר „קולטור-קאָנגרעס״.

ד״ר זשיטלאָווסקי האָט געזען אין דעם קולטור-קאָנגרעס א דירעקטן המשך פון טשערנאָוויץ; ער האָט אים אפילו אָנגערופן דער צווייטער צונויפקום. ער מאכט אין זיין רעפעראט אן אינטערעסאנטן שפּאציר, שטעלט זיך אָפּ אויף דער ראָלע פון אינהאלט און פאָרם, אויף דעם מצב, וואָס יידיש און יידישע קולטור פאַרנעמט ביי אונדז, און באטאָנט, אז אָנשטאָט שפּראך-ספערע קומט איצט קולטור-ספערע, און ער פירט אויס, אז „די אלגעמיינע שפּראך-פאָרם, וואָס איר באדייט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין טשערנאָוויץ, האָט זיך אָנגעפילט מיט א נייעם קולטורעלן אינהאלט. אָט דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט, אז פּאריז, די אידייאישע פאַרזעצונג פון טשערנאָוויץ, זאָל אריבערטראָגן דעם טראָפּ פון דער שפּראך אויף דער קולטור, פון דער פאָרם אויף דעם אינהאלט, און אז אָנשטאָט א שפּראך-קאָנפערענץ זאָל זיך צונויפקומען א קולטור-קאָנגרעס״.

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, זיצנדיק אין ניו-יאָרק, האט מיט זיין וויטן און שארפן בליק באגריפן און פאָראויסגעזען, אז פּאריז האָט צו דערפילן א גאָר גרויסע היסטאָרישע שליחות, און ער האָט געזאָגט אין זיין רעפעראט אָט וואָס: „אָט דאָס איז די אויפגאבע, וואָס שטייט פאַר פּאריז, ווי די נייטיקע פאָרזעצונג און דערגאַנצונג צו טשערנאָוויץ״. און ער האָט געוואונטשן און געהאָפט, אז „הלוואי האָט פּאריז ניט קיין קלענערע ווירקונג אויף דעם גאנג פון אונדזער קולטור-אנטוויקלונג, ווי דאָס האָט געהאט טשערנאָוויץ״.

און די עטלעכע יאָר, וואָס ער איז געווען מיט אונדז אין איקוף, האָט ער געזען און געשטרעבט, אז דער איקוף, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין פּאריז, זאָל פאַרווירקלעכן אין לעבן די גרויסע אידייען, וואָס ער האָט זיי געכאָוועט נאָך פון די צייטן פון טשערנאָוויץ.

אין זיין בראָשור „אונדזער נייער קולטור-ווילן״, (וואָס דער איקוף האָט ארויסגעגעבן צו די יובל-פייערונגען פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, נאָוועמבער, 1941), ברענגט ער, אגב, „א פּאָר לענגערע ציטאטן פון זיין אייגענער רעדע״ (אויף דעם קולטור-קאָנגרעס) און פירט אויס: „...דער ציל איז א קלאָרער: עס איז די באפעסטיקונג און אויסבילדונג פון דער נייער אָרגאַניזאציע, דעם ,איקוף׳, וואָס האָט אין איר פּראָגראַם און איר טעטיקייט פאַרקערפּערט אלע פּרינציפּן פון אונדזער פּראָגרעסיוון נאציאָנאַליזם: דעם קאמף פאַר דער אייגענער עקזיסטענץ און פרייער אנטוויקלונג ווי א פאָלק; דעם אומקאָמפּראָמיסלעכן קאמף אנטקעגן דער שפּראך-אסימילאציע; דאָס שטרעבן אריינצוטראָגן די אידעאַלן פון דעם אלמענטשלעכן פּראָגרעס — דער עיקר, די פאָדערונגען פון סאָציאַלן יושר און פרייהייט — אין אלע ווינקעלעך פון דעם יידישן לעבן; דאָס שטרעבן אָפּצושאפן די מחיצות, וואָס שטייען צווישן די גרויסע פאָלקס-מאסן און די באשאפערישע כוחות פון אונדזער קולטור, גרינגער צו מאכן פאַר די פאָלקס-מאסן, זיי זאָלן פון זיך אליין ארויסברענגען די געהייבנסטע באשאפערישע קולטור-כוחות; און אזוי ארום פאַראייניקן אין איין נאציאָנאַל-קולטורעלער איינס סיי די אינטעליגענציע, סיי די מאסן...״

און ווייטער: „די אידייען פון ,איקוף׳ זיינען זיכער ניט ניי; זיי זיינען העפטיק פּאַרטיידיקט געוואָרן אין אונדזער עפנטלעכן געדאנק אין א משך פון באלד פופציק יאָר, און דאָס לעבן האָט כמעט אין אלע אונדזערע וואוין-לענדער שוין ארויסגעבראכט פארשיידענע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן פארקערפּערט אין דער אָדער יענער מאָס דעם אָדער יענעם גרונט-פּרינציפּ פאר דעם אָדער יענעם וואוין-לאַנד אונדזערן. אָבער — וואו האָט איר אויף דער יידישער גאס געהאט ביז אהער אן אָרגאניזאציע, וואָס זאָל אין אירע גרונט-פּרינציפּן ארייננעמען אי די אלוועלטלעכקייט, אי די, אזוי צו זאָגן, אלצייטלעכקייט פון דעם יידישן פאָלק, אי די אלפּארטייאישקייט, און ענג פארבינדן די דאָזיקע פאַרבאַדינגען פון אונדזער סאָציאַלער ווידערגעבורט — די אלוועלטלעכע פאראייניקונג — מיט דעם שטרעבן צו מאכן די פאָלקס-מאַסן פאר דער היסטאָרישער באפרייאונגס-קראַפט, דורך די מיטלען פון א געמיינשאפטלעכן יידישן קולטור-לעבן און קולטור-שאפן אין דער שפּראך-ספּערע פון יידיש?״

1948

## ד״ר ח. זשיטלאָווסקי — דער ליטעראַטור-קריטיקער

### 1

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי א ליטעראַטור-קריטיקער? — ווען זיכער פיל א קנייטש טאָן מיט די פּלייצעס און א פרעג טאָן מיט פאַרוואונדערונג. עס איז אלעמען וואויל באַקאַנט, אז ד״ר זשיטלאָווסקי האָט אלע זיינע יאָרן זיך אָפּגעגעבן מיט געשיכטס-פילאָזאָפיע, מיט פילאָזאָפיע, מיט סאָציאַלע וויסנשאַפטן; אלע קענען גוט זשיטלאָווסקין ווי א דענקער, ווי א פּובליציסט, ווי א גלענצנדיקן שרייבער אויף קולטור-געזעלשאַפטלעכע טעמעס. אָבער ד״ר חיים זשיטלאָווסקי א ליטעראַטור-קריטיקער? ווי געשיקט זיך עס?

יאָ, ביז-אהער האָט מען טאַקע אינגאַנצן פאַרזען אין ד״ר זשיטלאָווסקיס פילזייטיקער און גייסטרייכער ליטעראַריש-שאַפערישער טעטיקייט דעם געביט פון ליטעראַטור-קריטיק, וואָס אין פאַרשיידענע צייטן, ביי פאַרשיידענע געלעגנ-הייטן האָט ד״ר זשיטלאָווסקי אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער זיך פאַרנומען מיט דעם. מיר וועלן איצט מאַכן א פּרוּוו אַרויסצוגעפינען אין זיינע ווערק אַרטיקלען און אויך אַרויסזאָגונגען און באַטראַכטונגען וועגן שרייבער און ווערק, וואָס וועלן ווייזן, אז ד״ר זשיטלאָווסקי האָט זיך פיל מער אינטערעסירט מיט ליטעראַטור ווי מיר שטעלן זיך אויבנאויפיק פאָר. זאָלן די געבראַכטע מאַטעריאַלן זיין אַן אָנהייב פאַר ווייטערדיקע פאָרש-און שטודיר-אַרבעטן, וואָס וועלן שאַפן א מער-אויסשעפּנדיק בילד וועגן ד״ר ח. זשיטלאָווסקין דעם ליטעראַטור-קענער און ליטעראַטור-קריטיקער.

ד״ר זשיטלאָווסקין גופא, וואָס האָט זייער אָפט אַנאַליזירט זיך אליין, זיין געדאַנקען-גאַנג און ליב געהאַט צו קוקן מיט א רעטראָספּעקטיוון בליק אויף זיינע אייגענע אַדורכגעמאַכטע וועגן און אומוועגן, — ד״ר זשיטלאָווסקין האָט, משמעות, ווייניקער אינטערעסירט אָט דער צווייג אין זיין „קולטור-ספערע״. ער איז געווען צופיל פאַרנומען מיט די אָפּט ריין-אַבסטראַקטע סיסטעמען אָדער מיט די געשיכטלעכע אידייאישע קאַמפן, ער זאָל האָבן צייט זיך ספּעציעל אָפּצוגעבן מיט ריין-ליטעראַרישע ווערק, מיט קינסטלער און זייערע קינסטלערישע שאַפונגען. אָבער דאָ און דאָרטן, אין זיינע אַלגעמיינע אָפּהאַנדלונגען, אין זיינע פאַרשיידענע זכרונות, און צאָלרייכע רעפעראַטן, האָט ער באַריירט און באַהאַנדלט, זיך אָפּגעשטעלט און זיך געשטיצט אויף קינסטלערישע ווערק, און ס׳איז צו זען, אז ער איז געווען טיף באַאיינפלוסט פון זיי, אז ער האָט זיי אַלזייטיק אויפגענומען און פאַרשטאַנען און זיי איינגעאייגנט אין זיך און אין זיין אַלגעמיינעם וועלט-באַנעם.

אין די גאָר-יונגע יאָרן, אין וויטעבסק און אין טולע, איז ער (צוזאַמען מיט זיין יוגנט-פריינד ש. אַנסקי) געווען שטאַרק פאַרבונדן מיט די גרויסע קינסטלער-גייסטער פון דער רוסישער ליטעראַטור, און זייער השפעה האָט זיך ניט אָפּגעטאָן פון אים יאָרצענדליקער שפּעטער. ד״ר ח. זשיטלאָווסקי דערציילט טאַקע אין זיין אָפּשאַצונג וועגן ש. אַנסקין, אז „עס איז מערקווירדיק, ווי אַזוי מיר האָבן

אָן לערער און וועגווייזער — ווייניקסטנס, אין דער ערשטער צייט — דורכ-געמאכט די זעלבע אנטוויקלונגס-עטאפּן, וועלכע די גאנצע רוסישע ליטעראטור און דער גאנצער רוסישער עפנטלעכער געדאנק איז אדורכגעגאנגען...״ ד״ר זשיטלאָווסקי רעכנט אויס די שרייבער, וואָס האָבן אים פארכאפּט אין די יונגע יאָרן, ווי ער איז דערנאָך געקומען „צו פּושקינען, לערמאָנטאָוון און ביעלינסקין, און פון זיי זיינען מיר שוין געשוואומען מיט דעם שטראָם פון דער איינציק-אַרטיקער רוסישער ליטעראַרישער אנטוויקלונג, די בארימטע פּלעיאַדע פון גאָגאָל, טורגעניעוו, נעקראַסאָוו, גאָנטשאראָוו, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, פּיסעמסקי...״ „האנט אין האנט מיט די בעלעטריסטן זיינען געגאנגען פאר אונדז די רוסישע קריטיקער — פּיסארעוו און דאָבראָליובאָוו — וואָס האָבן אויף אונדזערע נשמות ארויפגעלייגט אויף אייביק דעם שטעמפּל פון דעם פרייען, אומדערשראָקענעם ראַדיקאַלן דענקען, און האָבן אונדז אריינגעפירט אין דער סאָציאַליסטישער געדאנקען-וועלט.״ („זכרונות פון מיין לעבן״, ב. ו, ז״ז 11-12.)

ד״ר זשיטלאָווסקי האָט צווישן זיינע צוואנציק בענד און הונדערטער אַרטיקלען בלויז א קליינע צאָל, א צוויי צענדליק, אַרטיקלען וועגן קינסטלער און זייערע שאַפונגען, אָבער אויך אין אנדערע אַרבעטן טרעפן מיר טרעפלעכע געדאנקען, כאַראַקטעריסטיקעס און מיינונגען וועגן קונסט און קינסטלער, וואָס זיינען אים געווען פיל אייגענער און טייערער ווי מיר שטעלן זיך פאָר.

אין זיין גרויסער אָפּהאנדלונג וועגן ש. אנסקיס לעבן און שאַפן, וואָס האלט איבער 100 זייטן און וואָס גלייכצייטיק האָט זי אין זיך פיל אויטאָביאָגראַפישע מאַטעריאַלן און שטריכן, האָבן מיר אויך גאַנץ-קאָנקרעטע אָנווייזונגען אויף זשיטלאָווסקיס וואוקס און אנטוויקלונג, וואָס געפינט זיך אונטער דעם דירעקטן איינפלוס פון דער „שיינער ליטעראטור״, פון בעלעטריסטיק. אָט טוט א זאָג ד״ר זשיטלאָווסקי: „אויב שיינע ליטעראטור, ווי אפשר די גאנצע קונסט בכלל איז, ווי איך גלויב, ניט קיין אנדער זאך, ווי נאָר די אָפּשפּיגלונג און אָפּשעצונג פון דעם לעבן אין דעם געפיל פון דעם קינסטלער און די ארויסברענגונג פון יענער אָפּשעצונג אין בילדער, וואָס רופן ארויס די זעלביקע געפילן ביי דעם לייענער, קענען מיר אין יענע נאָוועלן (ש. אנסקיס) גאַנץ לייכט באַמערקן די גרויסע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין אנסקיס שטעלונג צו דעם יידישן לעבן.״ (דאָרט, ב. ו, ז׳ 105.)

שוין פון די ייִנגערע יאָרן האָט ד״ר זשיטלאָווסקי געפילט אין זיך און געזען אין אנדערע דעם געראַנגל פון די צוויי מינים קונסט — די פרייע, די מער-סוביעקטיווע, די אינדיווידואליסטישע, וואָס איז א צוועק פאר זיך, און די צווייטע — וואָס איז אָנגעפילט מיט געזעלשאַפטלעכער אחריות און איז ציל-אָנגעווענדעט. אין פארשיידענע צייטן האָט ער אָט זיך דערנענטערט צו דעם ערשטן און דערנאָך אליך-מער צום צווייטן. ער זעט אָט דעם געראַנגל ביי ש. אנסקין, וואָס „זיין טאַלאנט שלאָגט ניט פון איין-איינציקן קוואַל, נאָר פון צוויי, און אז אָט די צוויי קוואַלן גיסן זיך זעלטן צונויף אין אייגעם״. און נאָך מער: „אין דער ערשטער צייט זיינען די פּראָדוקטן פון די צוויי קוואלן געווען אזוי

פארשיידן איינע פון די אנדערע, אז מען וואָלט געקענט מיינען, זיי שטאַמען פון צוויי פאַרשיידענע קינסטלער.״ און גראָד איז דאן זשיטלאָווסקין געווען נעענטער דער ערשטער ש. אנסקי, דער „שטיפערישער, דער היימישער״ און ניט „דער שטרענגער, דער ערנסט-רעאַליסטישער״. „אין מיינע אויגן — זאָגט ד״ר זשיט-לאָווסקי — איז אנסקי מיט דער שפּילערישער פאַנטאַזיע געווען א גרעסערער קינסטלער, איידער אנסקי מיט די ביטער-צונויפגעפּרעסטע ליפּן און דעם פינצטערן בליק. אים האָט דעמאָלט לגמרי געפעלט די קינסטלערישע אמביציע. די קונסט איז פאַר אים ניט געווען קיין זעלבסטצוועק. קונסט לשם קונסט איז פאַר אים ניט געווען א שפּיל און אַן אָפּרו פאַר זיך אליין און פאַר געציילטע פריינד. די קונסט פאַר דער עפנטלעכקייט, פאַר דעם לייענענדיקן עולם, האָט געהאַט אַן אנדער צוועק: די ארויסברענגונג פון דעם אמת וועגן דעם לעבן, ווי גראָ אָדער חושך-פינצטער ער זאָל ניט זיין.״ און ד״ר זשיטלאָווסקי זאָגט, אז „ניט איינמאָל פלעגט מיר אויסקומען צו דיסקוטירן מיט אים וועגן די צוויי קוואלן פון זיין טאַלאַנט. ניט איינמאָל האָב איך אויפגעוויזן, אויף וויפיל דער ערשטער קוואַל שטייט קינסטלעריש העכער פאַר דעם צווייטן. ניט איינמאָל האָב איך אים געוואָרנט, אז אונטער דעם דרוק פון דער שווערער רעאַליסטישער אחריות, וואָס ער נעמט פרייוויליק אויף זיך, ווערט זיין טאַלאַנט אָפּגעפליקט פון יעדער פאַרביקער בלום, צונויפגעפּרעסט און אזוי צו זאָגן הערבאַריזירט״... „די עטיק אין אנסקיס נשמה — קלאָגט זיך ד״ר זשיטלאָווסקי — האָט ביז צו א געוויסן טייל אויפגעגעסן איר עסטעטיק. און נאָך ריכטיקער איז צו זאָגן: דער מאָנאָטעאיסטישער ׳יודעער׳ אין אים האָט תמיד געהאַלטן אין צוים דעם געצנדינערישן ׳העלען׳...״

אז ד״ר זשיטלאָווסקי האָט דערנאָך געהאַט אַן אנדער צוגאַנג, אַן אנדער פאָדערונג צו ליטעראַטור, צו קונסט — וועלן מיר זען שפּעטער.

ווי באַקאַנט, האָט ד״ר זשיטלאָווסקי אין זיינע יונגע יאָרן געפּרוּווט שרייבן לידער. אין זיינע זכרונות ברענגט ער אויסצוגן פון זיינע פּאָעטישע „יוגנט-זינד״. ער דערציילט, אז „עס איז ביי מיר באמת ניט געווען קיין ספק א לאַנגע צייט, אז איך האָב א פּאָעטישן טאַלאַנט און אז דער כלי-זיין אין דעם קאַמף פאַר מיינע אידעאַלן וועט זיין — די לירע.״ (ב. II, ז׳ 130). אָבער ד״ר זשיט-לאָווסקי איז געווען א שאַרפער קריטיקער אויף זיינע אייגענע שאַפונגען. ער פירט אונדז אריין אין זיינע זכרונות אין דער „לאַבאָראַטאָריע״ פון זיין שאַפן אין די ייִנגערע יאָרן און דערציילט, ווי דער פּובליציסט אין אים האָט צוביסלעך ארויסגעשטויסן פון אים דעם פּאָעט. ער דערציילט, ווי ער האָט געאַרבעט, שווער געאַרבעט אויף א „פּאָעמע״, און ווי די אַרבעט האָט אים ניט באַפרידיקט. „מיינע געדאַנקען זיינען שוין ווייט-ווייט פון דעם ענין און פון דער ׳פּאָעמע׳. זיי שטעקן ערגעץ טיף אין א טעאָרעטישן פּראָבלעם און גראָבן זיך אין אים אַלץ טיפער און טיפער...״ און אָט „טראַכט [איך] וועגן איינדרוקן פון לעבן, אָבער ניט ווי א קינסטלער, וואָס נעמט זיי ווי זיי זיינען, און וויל נאָר ׳רעטושירן׳ זיי, כדי בוילעטער צו מאַכן זייער תוך. איך טראַכט וועגן זיי, ווי א פּובליציסט.״

ווי שארף און בייסיק ד״ר זשיטלאָווסקי כאראקטעריזירט און קריטיקירט זיך און זיינע ביט-געלונגענע פּרוואון צו ווערן א פּאָעט, א קינסטלער! זיי קענען וואויל אַנגעמאָסטן ווערן אויף „פּראָפעסיאָנעלע" דיכטער און קינסטלער: „איך האָב געגומען זיך אליין 'טשאטעווען' — זאָגט ד״ר זשיטלאָווסקי — אין אָט דעם פּרט. לסוף האָב איך אויסגעפונען, אז איך בין א 'פּאָעט' נאַר, ווען איך זיץ ביים שרייבטיש און 'האלט די לירע אין דער האנט' און האַרט אויף דער 'מוזע', און אז מיין 'מוזע' אליין האָט, משמעות, איר וואוינאָרט ניט אין מיר, נאָר אין מיין טינטער, און אז איך מוז זי תמיד שטורכען מיט דער פען, זי זאָל מיך מזכה זיין מיט א פּאָעטישן איינפאל." און ד״ר זשיטלאָווסקי פירט אויס: „אויך האָב איך באמערקט, אז ארום קאָפּ פלעגט ווערן ווארעם ניט פון פּאָעטישע הזיונות, נאָר פון טעאָרעטישע רעיונות. בין איך, הייסט עס, גאָרניט קיין פּאָעט, נאָר א פּובליציסט, מיט א שטארקער נטיה [נייגונג] צו אן אייגענעם טעאָרעטישן שאפן..." דער שארפער קריטיקער אין זשיטלאָווסקין האָט גובר געווען דעם פּאָעט, און אים ארויפגעפירט אויף א נייעם שאפערישן וועג. זשיטלאָווסקי האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט זיין „פּאָעטישער מוזע": „זיי געזונט, מוזע! שלאָף רואיק אין מיין טינטן-פאס!" (ב. II, ז״ז 131-133).

און הגם ד״ר זשיטלאָווסקי איז געווען ארייגעצויגן אין אלגעמיינע פילאָ-זאָפישע און סאָציאָלאָגישע לערעס און די קינסטלערישע ליטעראטור ווי אזעלכע האָט ניט פארנומען ביי אים דעם אויבנאָן, אָבער דאָך, ווען ד״ר ח. זשיטלאָווסקין צעשפּילט זיך די פאנטאזיע און ער פּרוואוט אויסרעכענען די אידעאלן, וואָס שטייען פאר די יידישע סאָציאליסטן, שטעלט ער אין צענטער די יידישע ליטעראטור. דאָס איז געווען נאָך אין 1899, — מיט באלד 50 יאָר צוריק. ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, א יונגערמאן פון 34 יאָר, פארעפנטלעכט דאן א גרעסערן ארטיקל אין דעם „אידישער ארבעטער" (ארויסגעגעבן דורכן „בונד", מערץ 1899, אין דער שווייץ), אונטערן נאָמען „ציוניזמוס און סאָציאליזמוס", וואו אין דעם לעצטן, פינפטן, קאפּיטל שרייבט ער (ער האָט זיך דאן אונטערגעשריבן בן-אהוד): „ווי יידן האָפן מיר: ערשטנס, אז די יידישע פאָלקס-ליטעראטור, וואָס דער יונגער יידישער דור האָט אין דער לעצטער צייט באשאפן פאר דעם יידישן פאָלק, וועט אלץ וואקסן און וואקסן, וועט אלץ צוציען מער טאלאנטן צו זיך און וועט זיך דערשלאָגן צו אזא מדרגה, אויף וועלכער עס שטייען די שענסטע אייראָפעאישע ליטעראטורן..." און ווען ער רעדט וועגן ליטעראטור מיינט ער — א פולע, א פילזייטיקע און פארשיידן-צווייגיקע ליטעראטור, און „ווי נאָר די יידישע ליטעראטור וועט ווערן רייך אין ביכער פון אלערליי וויסנשאפטן, וועט דער יונגער דור ניט דארפן זוכן די ערשטע גייטיקע קענטעניש ביי די פרעמדע פעלקער"... (ז' 13).

2

דאָס שטענדיקע צונויפברענגען די יידישע ליטעראטור אין פארמעסט מיט די אנדערע, פרעמד-פעלקערישע רייכע ליטעראטורן און אזוי ארום זען איר גרייס

און מאָס, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ד״ר זשיטלאָווסקין, וואָס איז אין תוך געווען אויפגעצויגן אויף יענע פרעמדע ליטעראַטורן.

אין איינעם פון זיינע ערשטע אַרטיקלען וועגן י. ל. פרץ (געשריבן אין יאָר 1905) האָט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי גענומען אָט די פּרוביר-מאָס, ווען ער האָט געוואָלט רעדן וועגן פּרצעס טאַלאַנט. ד״ר זשיטלאָווסקי הייבט טאַקע אָן זיין אַרטיקל: „יעדעס מאָל, ווען אונדזער איינעם פון די ׳פאַרליבטע אין דעם זשאַרגאָן׳ פלעגט אויסקומען צו אַמפּערן זיך מיט די קעגנער פון דער יידישער ליטעראַטור, פלעגט פּרץ זיין איינער פון די בעסטע וואָפן אין אונדזערע הענט. ׳וואָס דאַרפן מיר זיך קריגן וועגן דער מעגלעכקייט פון א יידישער ליטעראַטור אויף דעם נייעם אייראָפּעאישן שטייגער? אָט האָט איר זי א פּאַרטיקע: לייענט פּרצן.׳״ און ד״ר זשיטלאָווסקי זאָגט, אַז „דאָס איז נאָך געווען אין די צייטן, ווען דאָס ליטעראַרישע יונגוואַרג — ווי שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג, ל. שאַפּיראָ — האָט זיך נאָך ניט באַוויזן, ווען דוד פּינסקי האָט נאָך געהאַלטן אין אויספּרואוון זיין קול. פּרץ איז געווען אייגנטלעך דער איינציקער ׳קאָזיר׳ אין דער האַנט, דערפאַר אָבער א ׳שויז קאָזיר׳, וואָס דער קעגנער האָט געמוזט ׳נעמען׳, ווייל ער האָט זי ניט געקענט שלאָגן׳...״

דאָס וואָס ד״ר זשיטלאָווסקי האָט אַלע יאָרן (אין 1915,1905 און 1940) פון די אַלע יידישע קלאַסיקער אַרויסגערוקט שטענדיק בעיקר פּרצן, איז כלל ניט קיין צופאַל. פּרץ דער טיף-אינטעלעקטועלער און אידייען-אָנגעלאָדענער, איז אים זיכער געווען נעענטער ווי מענדעלע און שלום-עליכם — די שטייגער-שרייבער. אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל וועגן פּרצן זאָגט ד״ר זשיטלאָווסקי, אַז „שטעלט מען אַוועק פּרצן צווישן... די טורגעניעווס, זאָלאַס, מאָפּאַסאַנס, טשעכאָווס און די צענדליקער אַנדערע אָנגענומענע און באַרימטע קינסטלער, וואָס זייערע נעמען זיינען שוין אויף אייביק פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור... — שטעלט מען אַוועק פּרצן צווישן זיי, האָט ער זיך געוויס ניט מיט וואָס צו שעמען. אַביסל גרעסער, אַביסל קלענער, ער געהערט צו זייער פאַמיליע און מוז געמאָסטן ווערן מיט זייער מאָס.״

און דאָ קומט ד״ר זשיטלאָווסקי און שטעלט פאַר זיך אליין צוימען. ער שרייבט: „פּרץ האָט געוויס פאַרדינט, אַז פאַר אַזא אַרבעט (אויסצומעסטן פּרצעס גרייס) זאָל זיך נעמען א קריטיקער מיט דעם טאַלאַנט פון א היפּאָליט טען, געאָרג בראַנדעס, ביעלינסקי, און איך בין, נעבעך, גאַנץ ווייט פון זיי.״ זשיטלאָווסקי ברענגט אויסצוגן פון פּרצעס ווערק, שטעלט זיך אָפּ אויף פאַרשיידענע אייגנשאַפטן פון פּרצן, באַצייכנט „די סימנים פון אַן אמתן גרויסן קינסטלער״, ווי „מאַכן פאַרגעסן, אַז פאַר אונדזערע אויגן איז א בילד, א פּראָדוקט פון דעם מחברס כוח הדמיון״, און אַז „דער קינסטלער זאָל קענען צווינגען אונדזער פאַנטאַזיע, זי זאָל אליין קענען אויפבויען און אויסמאָלן דאָס בילד, וואָס ער וויל אין אונדז אַרויסרופן״. ד״ר זשיטלאָווסקי זאָגט ווייטער: „איך וויל מיך ניט לאַנג אויפהאַלטן אויף דער שילדערונג פון פּרצעס קראַפט, מיך אינטערעסירן

מער די בילדער, וועלכע ער האָט אויסגעמאָלן מיט דער קראַפט, און דער טיפערער לעבנסזין, וואָס שטעקט אין זיי.״

ד״ר זשיטלאָווסקי האָט אין זיינע אָפּשאַצונגען פון שרייבער און ווערק אָן ערנסטן און טיפן צוגאַנג. ער קען זיך ניט באַגנוגענען מיט אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיקעס און אויבנאויפיקע באַמערקונגען. ער זאָגט: „אויסשטודירן אין גרונט אריין אַלע מיטלען, וואָס גיבן פּרצן די מעגלעכקייטן אַזוי פלינק און קלאָר צו מאָלן, — אויף דערויף דאַרף מען אפשר אַן אַרבעט טאָן מיט די געצייג פון א געלערנטן עסטעטיקער און אָנשרייבן א גאַנץ בוך. ווייניקסטנס בין איך זיכער, אַז מיט דער צייט, ווען מיר וועלן האָבן אונדזערע אייגענע אוניווער־סיטעטן, וועט אויף געוויס ניט איין יונגער סטודענט פאַרדינען זיין ׳דאָקטער דער פילאָלאָגיע׳ דורך א דיסערטאַציע מכח ׳פּרצעס שפּראַך און ליטעראַרישער טעכניק׳.״ און ער גיט צו: „און איך וועל שטאַרק צופרידן זיין, אויב איינער פון זיי וועט דערמאָנען אויך מיין נאָמען צו גוטן צוליב א געדאַנק, וואָס איך וועל נאָך זאָגן וועגן דעם פּונקט.״ ד״ר זשיטלאָווסקי באַרירט „א טייל גבורה אין פּרצעס טאַלאַנט״, — און דאָס איז: „בעת ער מאָלט זיינע בילדער, שטעלט ער זיך אָפּ ניט אַזוי אויף דעם, ווי זיינע פּאַרשוינען זעען אויס, אויך ניט אַזוי וואָס זיי פילן און וואָס מיט זיי פּאַסירט. מער פאַר אַלץ אינטערעסירט אים דאָס וואָס זיי טוען.״ און ער ברענגט א ביישפּיל צו זיין באַהויפּטונג, און לבסוף ברענגט ער א קורץ בילדל פון פּרצן און זאָגט: „דאָס איז איינע פון די זעלטנסטע פּערל, וועלכע מען קען געפינען אין דער וועלט־ליטעראַטור, און אפילו א שעקספּיר וואָלט זיך בנאמנות ניט געשעמט אריינצושטעלן זי אין זיין קרוין...״ (געשריבן אין 1905, איבערגעדרוקט אין „יידישע קולטור״, 1945, נ״ב 3-4, ז״ז 77-80.)

איידער ד״ר חיים זשיטלאָווסקי איז צוגעטראָטן אין 1908 אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל „דאָס נייע לעבן״ אין ניו־יאָרק, אַרבעט ער אויס אַן אויספירלעכן דאָקומענט, וואָס הייסט „דאָס פּראָגראַם און די צילן פון דער מאַנאַטשריפט ׳דאָס נייע לעבן׳,״ וואָס איז אייגנטלעך פיל מער ווי א פּראָגראַם פון דעם זשורנאַל, נאָר ס׳איז ד״ר זשיטלאָווסקיס פּאָליטישער און קולטור־געזעלשאַפטלעכער „אני מאמין״. פּונקט נאָך פּונקט ווערט אַרויסגעבראַכט זיין וועלט־באַנעם, זיין קוק אויף פאַרשיידענע פראַגן פונעם יידישן און אַלגעמיינעם לעבן.

ד״ר זשיטלאָווסקי שטעלט זיך ספּעציעל אָפּ אינעם פּראָגראַם אויף דעם אָרט, וואָס קונסט און בעלעטריסטיק וועט פאַרנעמען אינעם זשורנאַל. ער שרייבט אויף זיין בילדערישן שטייגער: „...אויך די קונסט און די בעלעטריסטיק זאָלן ניט פאַרגעסן ווערן. די אַלטע יידישע קולטור האָט אַזויפיל געזינדיקט אַנטקעגן דעם שר (סאַר — האר—נ. מ.), וואָס איז ממונה אויף שיינקייט, אַז מיר וועלן מוזן ברענגען נאָך א סך קרבנות אויף זיין מזבח, ביז ער וועט אינגאַנצן איינשטילן זיין גרימצאָרן. און איינשטילן וועט ער אים נאָר דעמאָלט, ווען שיינקייט וועט פון אונדז דערהייבן ווערן צו דער זעלביקער מדרגה, אויף וועלכער עס שטייען ביי אונדז די צוויי אַנדערע זיילן פון דער מענטשלעכער קולטור: אמת און יושר. שיינקייט דאַרף אויך פאַר אונדז ווערן דער דריטער זייל אַזוי, אַז אויב איינער

איז באַשעפטיקט מיט תורה אָדער מעשים טובים און ער זעט פאַר זיך אַ שיינעם בוים, אָדער אַ שיין פעלד, און ער שטעלט זיך ניט אוועק מיט דעם אויסרוף: ׳מה נאה אילן זה! מה נאה ניר זה!׳ (ווי שיין איז דער בוים! ווי שיין איז דאָס פעלד!), זאָל ער וויסן זיין, אַז ער איז אַ ׳מתחייב בנפשו׳, אַז ער באַגזלט זיין נשמה וויניקסטנס אויף אַ שליש פון איר העכערן לעבן. אָבער ווי טייער עס זאָל אונדז ניט זיין די קונסט און די ריינע שיינקייט, וועלן מיר תמיד אַרויסטרעטן אַנטקעגן יענע קינסטלער און יענע טעאָריעס פון קונסט און עסטעטיק, וואָס מאַכן פון איר אַן אָפּגאָט, פאַר וועלכן זיי זיינען מקריב אויך דעם אמת און דעם יושר. אַלע דריי זיילן פון דער העכערער מענטשלעכער קולטור דאַרפן אונדז זיין גלייך הייליק, און נאָר אין זייער האַרמאָניע ליגט דער גליק פון דער מענטשלעכער נשמה.״ (ניו־יאָרק, יוני 1908 — דאָס פּראָגראַם איז איבערגעדרוקט אין דריטן באַנד פון ד״ר זשיטלאָווסקיס „געזאַמלטע שריפטן״, 1912, ז״ז 7-21.)

אָבער ד״ר זשיטלאָווסקי האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט אָט די שורות אין זיין פּראָגראַם פונעם זשורנאַל. ער האַלט פאַר זיין חוב צו קומען מיט אַ ברייטערער אויפקלערונג וועגן קונסט און ליטעראַטור און שאַרפער באַטאָנען זיין צוגאַנג צו דעם שטרייט, וואָס איז דאַן אָנגעגאַנגען אין דער אַלגעמיינער און יידישער ליטעראַרישער און קונסט־וועלטן וועגן דעם כאַראַקטער און באַדייט פון קונסט און קינסטלער, פון קריטיק און קריטיקער.

דער ערשטער נומער פונעם זשורנאַל „דאָס נייע לעבן״ (1909) עפנט זיך מיט זשיטלאָווסקיס אַן אַרבעט „פרייע קונסט און פרייע קריטיק״, וואָס ער הייבט אָן מיט די ווערטער: „׳די קונסט איז פריי!׳... — אָט דעם אויסגעשריי הערט מען איצטער אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער פון אַלע יונגע קינסטלער. ׳די קונסט איז פריי׳ — דאָס איז דער טייטש: קיינער טאָר ניט אָנווייזן איר, מיט וואָס זי זאָל זיך באַשעפטיקן, מיט וואָס ניט. קיין מענטש קען זי ניט פאָדערן צו אַ משפט, סיידן די ריין־עסטעטישע קריטיקער. איין גאָט איז נאָר דאָ, פאַר וועמען זי דאַרף זיך פאַרענטפערן: דער גאָט פון שיינקייט.״ און „וואָס פאַר אַ פאַלשע געדאַנקען דער קינסטלער זאָל ניט אויספּוצן אין זיינע ווערק, וועלכע שעדלעכע געפילן ער זאָל ניט אַריינזאָגן אין די אָדערן פון דער געזעלשאַפט, מיט וואָס פאַר אַ סם ער זאָל ניט פאַרגיפטן דאָס האַרץ פונעם פאָלק, מיט וואָס פאַר אַ ברודיקע בילדער ער זאָל ניט אָנפילן די פאַנטאַזיע פון דעם לעזער — קיינער טאָר ניט האָבן די העזה אויפצוהייבן די הענט אויף דער הייליקער מאַיעסטעט פון דעם קינסטלער, אויב ער איז נאָר אַ טרייער איבערגעגעבענער כוהן גדול צו דער גאָטהייט פון שיינקייט.״

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי רעדט בייסנדיק־איראָניש וועגן דעם „הייליקן ׳אני מאמין׳״ פון די קינסטלער, וואָס שטעלן זיך איין „פאַר די סאָוווערענע רעכט פון דער פרייער קונסט״, וואָס איז ביי זיי הייליקער „ווי אַלע אַנדערע פליכטן״. זשיטלאָווסקי זאָגט ווייטער, אַז „אויך אין דער נייער יידישער קונסט, אין דער ׳רענעסאַנס׳, ווי מען רופט זי איצט אָן, באַמערקן מיר דעם זעלבן ׳עסטעטיזם׳,

די זעלביקע אָנגעגרייטקייט צו פאַלן כורעים פאַר דער גאָטהייט פון חן אויף דעם חשבון פון יושר און אמת״.

ער ווייזט אָן, אז „אָט דער גאַנצער שיינקייט-געפילדער האָט קיין ברעקל שייכות צו דער נשמה פון אונדזער פאָלק... דעם 'עסטעטיזם' האָט דער יידישער קינסטלער איינגעזויגן פון דער ארומיקער פרעמדער וועלט.״ ד״ר זשיטלאָווסקי וואָרנט די יידישע קונסט, וואָס איז נאָך יונג; ער האַלט, אז מען מוז זיך „אָפּשטעלן אויף דעם ענין פרייע קונסט און זען: קען באמת דער נייער פּרינציפּ — די קונסט איז פריי — ווערן דער גרונט-שטיין, וואָס אויף אים זאָל געבויט ווערן אונדזער ליטעראַרישע טראַדיציע?״

אין דעם פּראָגראַם-ארטיקל באַצייכנט ד״ר זשיטלאָווסקי ניט נאָר די ראַמען און ליניען פון דעם קינסטלער, נאָר אויך פון דעם קריטיקער. א שאָד, וואָס מיר קענען ניט ברענגען קיין גרעסערע אויסצוגן פון דעם ארטיקל, מיר ווען זיך באַגנוגענען מיט א פּאָר שטעלן. ער רעדט וועגן די פליכטן און רעכט פון דעם קריטיקער: „האָט ער (דער קריטיקער) דען ניט דאָס רעכט אויפצואווייזן, אז אין דער אָדער יענער שיינער שריפט ליגט באַהאַלטן א שטימונג, וואָס קען טרייבן די גאַנצע געזעלשאַפט צו אזעלכע מעשים, וואָס ווילן אונטערגראָבן דעם יסוד פון איר קיום אויף דער ערד?״ „ניט נאָר האָט ער א רעכט, עס איז זיין חוב ניט צו לאָזן פארבלענדן די אויגן דורך דער שיינקייט פון דעם קינסטלערישן ווערק. און בעת ער שאַצט אָפּ דאָס שאַפן פון דעם קינסטלער, מוז ער האָבן אין אויג ניט נאָר קינסטלערישע ווערטן, נאָר אויך די פיל אנדערע ווירקונגען, וועלכע דאָס ווערק מוז ארויסרופן אין די לעזער בכלל, אָדער אין די לעזער פון זיין פאָלק בפרט.״

און נאָך דייטלעכער זאָגט ד״ר זשיטלאָווסקי: „ער, דער קריטיקער, טאָר ניט אריבערגיין בשתיקה וועגן דער סאָציאַלער און מאָראַלישער ווירקונג, וואָס ליגט אין דעם קינסטלערס ווערק. ער מוז אויפדעקן די ליניע, אין וועלכער עס טראָגט זיך דער סאָציאַלער אימפּעט פון דעם קינסטלער, און ער מוז קריטיקירן, ד. ה. אָפּשאַצן, צי דעם קינסטלערס ארבעט ווירקט ניצלעך אָדער שעדלעך אויף די גרונט-אידייען פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.״ („דאָס נייע לעבן״, ו).

מיט צוויי נומערן וויטער פאַרעפנטלעכט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי אַן ארטיקל וועגן מאָריס ראָזענפעלדס דרעשינענע דריי בענד, וואָס באַווייזן ווי זשיטלאָווסקי האָט תופס געווען די מעלות און חסרונות פון דעם דיכטער און ווי ער באַנעמט זיינע אייגנשאַפטן. אין קורצע ווערטער ברענגט ער ארויס וויכטיקע כאַראַקטער-שטריכן אויך וועגן זיינע דיכטער-מיטצייטלער. דאָ האָבן מיר אזא ריכטיקע כאַראַקטעריזירונג פון מ. ראָזענפעלדס פּאָעזיע, וואָס איז, ווי זשיטלאָווסקי זאָגט: „'א רייכהאַלטיק, גאָלדטראָגנד זאמד פעלד', — אזוי רופט מען יענע זאמדיקע סטעפּעס, אין וועלכע עס געפינען זיך ניט נאָר איינצעלנע גאָלדקערנער, צונויפ-געמישט מיט פּשוטן זאמד, נאָר אויך גאַנצע 'קלומפּען', גאַנצע שטיקער אמתע ריינע גאָלד. די אויבנדערמאָנטע שירים זיינען אזעלכע גאָלד-קלומפּען, און די איבעריקע זיינען כמעט אלע מער זאמד, איידער גאָלד.״

נאָכן באהאנדלען פאַרשיידענע לידער און אָפּשטעלנדיק זיך אויף פּאַר-שיידענע שטריכן אין זיין טאַלאַנט, פּירט זשיטלאָווסקי אויס: „וואָס מער מיר דענקען וועגן ראָזענפעלדס טאַלאַנט, אַלץ מער ווערט אונדז קלאָר, אַז זיין גבורה ליגט דאָרטן, וואו ער האָט צו טאָן מיט דער נאַטור און מיט דעם אינדיווידועלן לעבן פון דעם מענטשן, מיט יענע אייביקע פריידן און אייביקעליידן, וואָס בלייבן די אייגענע פאַר אַלע דורות, אונטער וועלכע געזעלשאַפטלעכע אומשטענדן די מענטשן זאָלן ניט לעבן.” ד״ר זשיטלאָווסקי קומט דאָ מיט אַ גאַנץ-אייגענער כאַראַקטעריסטיק פון מ. ראָזענפעלדן, וואָס איז אין סתירה צו דער אַלגעמיינער אָנגענומענער מיינונג. ער שרייבט: „אַ גאַנץ אַנדער ראָזענפעלד איז דער, וואָס פאַרלאָזט דעם מענטשנס אייביקע געפילס-וועלט און די נאַטור און גייט איבער צו דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, צו סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע ליריק און סאַטירע.” „מערקווירדיק! — זאָגט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי — זיין באַרימטקייט שטאַמט גראָד פון דער סאָציאַלער ליריק, אָבער אין איר האָט ער ניט אַרויס-געבראַכט ניט איין ווירקלעך-אָריגינעלן פּאָעטישן מאָטיוו. אַלץ איז דאָרטן אַזוי באַקאַנט און אַזוי אויבערפלעכלעך. מאָריס ווינטשעווסקי איז אין דעם פּרט אַ סך טיפער, ערנסטער און אָריגינעלער איידער ראָזענפעלד, וועמעס שירים עס זיינען דאָ אָפּטמאָל פּשוט איבערגעזונגענע פון ווינטשעווסקי אָדער עדעלשטאַט.” און ווידער אַזאַ שטריך: „אמת, אין רעכטן מיטן סענטימענטאַלע דעקלאַמאַציע, וואָס פון אים באַשטייט דאָס רוב פון זיין סאָציאַלער, האָב-רחמנותדיקער ליריק, גנבענען זיך אַריין אַ פּאָר גאָלדקערנער אמתע פּאָעזיע.”. זשיטלאָווסקי רעדט וועגן דעם „רייכן שפּראַך-ווערט, וואָס טאָר ניט אונטערגעשעצט ווערן אין דער איצטיקער אַנטוויקלונגס-פּעריאָדע פון אונדזער ליטעראַטור”. (ב. ו, העפט 3, ז״ז 181-190.)

אָט אַזוי אחריותפול און ציל-אָנגעווענדט און גרינטלעך איז ד״ר ח. זשיט-לאָווסקיס אויפפאַסונג פון קונסט-ווערק!

## 3

באַלד איז זשיטלאָווסקין באַשערט צו שטיין פאַר אַ שווערן נסיון, און ס׳איז אינטערעסאַנט, ווי ער איז אים בייגעשטאַנען. ל. שאַפּיראָ האָט אים צוגעשיקט זיין באַרימט-געוואָרענע דערציילונג „דער צלם” און דערביי געשריבן: „דעם אמת געזאָגט, צווייפל איך, אויב איר וועט זי דרוקן” (אינעם „נייע לעבן”, וואָס ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט רעדאַקטירט). און ד״ר זשיטלאָווסקי מאַכט אַן אינטערע-סאַנטע דערקלערונג וועגן דעם אין זיין זשורנאַל: „...דער צווייפל האָט ניט ביי מיר, ניט ביים דעם מחבר ניט געהאַט קיין שייכות צו דער קינסטלערישער זייט פון דער דערציילונג, נאָר צו איר אינהאַלט און דער טענדענץ, וואָס שפּראָצט אַרויס פון איר.” ער דערציילט, אַז ער איז „געווען ניט איין מאָל געצוואונגען אָפּצושיקן צוריק קינסטלעריש גאַנץ-ווערטפולע זאַכן, ווייל זייער אינהאַלט איז געגאַנגען להיפּך צו יענעם בליק אויף אַ חשובן לעבן, פאַר וועלכן איך האַלט מיין חוב איינצושטעלן זיך”. פאַר אַן ענלעכן נסיון שטייט ווידער ד״ר חיים

זשיטלאָווסקי ווען ער באַקומט פון שלום אַשן די אָריגינעלע דערציילונג „אין אַ קאַרנאַוואַל-נאַכט״.

אַט די, אין תוך פאַרשיידנאַרטיקע, דערציילונגען האָבן אַרויסגערופן אַ שטאַרקע פאַראינטערעסירונג און אויך אַ שאַרפע פּאָלעמיק אין דער יידישער עפנטלעכקייט. ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט פאַרעפנטלעכט אַ לאַנגן אַרטיקל (אין צוויי פאָרזעצונגען) אין זיין „דאָס נייע לעבן״ (יוני און יולי 1909). מיר האָבן דאָ, אויסער אינטערעסאַנטע אַרויסזאָגונגען וועגן אַט די צוויי ווערק און זייערע מחברים, אויך וויכטיקע אַלגעמיינע קריטישע באַמערקונגען, וואָס ווייזן ווידער-אַמאָל זשיטלאָווסקיס קרעדאָ און זיינע מעטאָדן פון אויפנעמען און באַהאַנדלען אַ קונסט-ווערק. אגב, רעכנט אויס ד״ר זשיטלאָווסקי פאַרשיידענע טעמעס אינעם יידישן איצטיקן און פאַרגאַנגענעם לעבן, וואָס יידישע דיכטער און קינסטלער וואָלטן געקענט זיי אויסנוצן. עס זיינען דאָ ביי אונדז גרויסע געשטאַלטן, און אָנשטאָט דעם יאָגן זיך די קינסטלער „נאָך ווערעמלעך און שלאַנגעלעך״.

זשיטלאָווסקין האָט אימפּאָנירט „דער קוראַזש״ פון אַשן און שאַפּיראָ, וואָס זיי „האָבן קיין מורא ניט צו שווימען אַנטקעגן דעם שטראָם״. ד״ר זשיטלאָווסקי האָט דאָ די מעגלעכקייט אויפן סמך פון די צוויי דערציילונגען אַרויסצוקומען מיט פאַרשיידענע אינטערעסאַנטע באַהויפּטונגען. מיר זעען אין די אַרטיקלען זיין טיפע באַהאַוונטקייט אין דער יידישער ליטעראַטור און זיין באַקאַנטשאַפט מיט די ווערק פון אירע שרייבער. ד״ר זשיטלאָווסקי שטעלט כסדר דעם טראָפּ אויף דער אידייע, אויפן געדאַנק, אויף דער כוונה פון דער שאַפונג. „וואָלט 'דער צלם' געווען נאָר אַ קונסט-ווערק — שרייבט זשיטלאָווסקי — דעמאָלט וואָלטן מיר מיט שאַפּיראָן אפשר געהאַט גאָר אַן אַנדער מין ויכוח, אָבער קונסט איז ניט נאָר קונסט, ס׳איז אויך לעבן, און וואָס מער קונסט, אַלץ מער לעבן... אַן אמת קינסטלעריש ווערק איז ניט קיין 'שיין און פיין-געמאַכטס', נאָר תמיד אַ מין חשבון-הנפש און ניט נאָר פון אַן איינצעלנעם מענטשן, נאָר פון אַ גאַנצן דור און — אויף דער העכסטער מדרגה — אַ חשבון-הנפש פון דער גאַנצער מענטשהייט...״

אין די ווייטערדיקע נומערן פון „דאָס נייע לעבן״ קומען אַרטיקעלעך פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי וועגן מ. ווינטשעווסקיס „אַ טאָג מיט יעקב גאָרדין״ (העפט 9, 1909), וועגן ב. לאַפּינס ערשטן לידער-בוך „אומעטיקע וועגן״, וועגן י. י. זעווינס געקליבענע שריפטן, און אַ לענגערער אַרטיקל וועגן דעם זאַמלבוך „ליטעראַטור״ (רעדאַקציע — יואל ענטין, יואל סלאָנים, מ. י. כאַימאָוויטש א.א.). אין אַט דעם לעצטן אַרטיקל האָבן מיר זשיטלאָווסקיס אינטערעסאַנטע און געזונטע דערווידערונגען קעגן י. ענטינס כאַראַקטעריסטיק פון סימבאָליזם. „איך וויל דאָ — זאָגט זשיטלאָווסקי — מיט מיינע קורצע באַמערקונגען בשום אופן ניט אַראָפּשלעפּן דעם סימבאָליזם פון זיין פּעדעסטאַל. זיין ראָלע און באַדייטונג אין דער מאָדערנער ליטעראַטור איז אַן אומגעהויערע און פאַרדינט אַ טיפע אונטער-זוכונג. אָבער רעדנדיק וועגן אים, לאָזט, זייט מוחל, אָן אַ זייט אַט די אַלע פראַזן וועגן דעם מענטשנס הערלעכקייט, זיין ווילן, מאַכט און גייסט. אויב ווער

עס איז האָט געכאַפּט דעם 'מענטשן' פאַרן גאָרגל און האָט אים דערטרונקען אין די שווידערלעכע טיפענישן פון דער פאַרנוּפט-פיינטלעכער נאַטור, איז דאָס געווען דער סימבאָליזם." (ז' 466).

אַן אינטערעסאַנטן און אַ באַגייסטערטן אַרטיקל וועגן שלום אַשן, מיט שאַרפע כאַראַקטער-שטריכן פון זיין טאַלאַנט און פון דעם נייעם, וואָס אַש ברענגט מיט זיך אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט ד"ר זשיטלאָווסקי פאַרעפנטלעכט צו שלום אַשס קומען קיין אַמעריקע („דאָס נייע לעבן", יאַנואַר, 1910): „ביז צו שלום אַשן — זאָגט זשיטלאָווסקי — האָט די יידישע ליטעראַטור געהאַט נאָר אַ היימישן געברויך-ווערט און אַן אייגענע נאַציאָנאַלע וואָג. שלום אַש איז דער ערשטער יידישער קינסטלער, וואָס האָט אַריבערגעוואַקסן דעם צוים פון דעם יידישן תחום. ער איז דאָס ערשטע צווייגעלע, וואָס פלעכט זיך אַריין אין דעם אַלגעמיינעם געוויקס פון דעם אייראָפּעאישן גייסט". זשיטלאָווסקין אינטערעסירן שטאַרק די סיבות, וואָס האָבן געבראַכט דערצו, וואָס אַש איז דער ערשטער, וואָס איז פון דער יידישער ליטעראַטור געקומען צו דער וועלט-ליטעראַטור. „פון וואַנעט שטאַמט אָט די וויכטיקע ראָלע, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף שלום אַשס גורל ? איז זיין טאַלאַנט אַ גרעסערער, אַ טיפערער, אַ ברייטערער איידער די טאַלאַנטן פון זיינע פאָרגייער ?" ד"ר זשיטלאָווסקי קלערט עס אויף גאַנץ אייגנאַרטיק, ער ברענגט אַ פאַרגלייך מיט מאַקסים גאָרקין און דעם אינטערעס צו אים אין דער וועלט-ליטעראַטור...

אָט אַזוי נעמט אויף זשיטלאָווסקי יעדע ליטעראַרישע דערשיינונג פון אַ ברייטן פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכן און נאַציאָנאַלן קוק. אָפּגעבנדיק דעם יונגן שלום אַש דעם כבוד און פאַרערונג, וואָס ער פאַרדינט, פירט אויס זשיטלאָווסקי זיין באַגייסטערטן קבלת-פנים-אַרטיקל מיט די ווערטער: „מיר ווילן האָפן, אַז דער קינסטלער אַליין פאַרשטייט, וועלכע גרויסע אחריות עס איז פאַרבונדן מיט אַזאַ ערנהאַפטער מיסיע; אַז ער שרייבט אַליין אויך ניט צו זיין גאַנצן דערפאָלג צו יענעם טראָפּנדל פונעם יידישן ים, וואָס טראָגט דעם נאָמען שלום אַש; אַז ער אַליין ווייס אויך גאַנץ גוט, אַז אַלץ וואָס ער איז, איז ער דערפאַר, ווייל ער שטאַמט פון יענעם ים". („דאָס נייע לעבן", יאַנואַר 1910).

ווען ס'האָט זיך אָנגעהייבן, נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ (אָפּגעהאַלטן אויגוסט 1908), דער העפטיקער קאַמף פאַר דער ראָלע און אָרט פון דער יידישער שפּראַך אינעם יידישן לעבן, האָט ד"ר ח. זשיטלאָווסקי מער ווי וועלכער ס'איז אַנדער שרייבער, וואָס איז געווען באַטייליקט אין טשערנאָוויץ, געפילט די פליכט און אחריות אָפּצושלאָגן בכתב ובעל-פה אַלע אַטאַקעס. אין גאַנג פון דער דיסקוסיע און פּאָלעמיק האָט זשיטלאָווסקי אַרויסגעשטעלט אין קאָן די יידישע ליטעראַטור, אירע דערגרייכונגען און אירע פּערספּעקטיוון. אין אַן אַרטיקל „די יידישע קולטור און די יידישע שפּראַך" (מערץ 1911, זע ב. 4, ניו-יאָרק, 1912) זאָגט זשיטלאָווסקי: „שוין די ערשטע שריט אויף דעם דאָזיקן נייעם וועג קענען אונדז צוגעבן האָפענונג און מוט. זעט, וואָס די נייע, נאָך גאָר יונגע יידישע ליטעראַטור האָט שוין אויפגעטאָן אין דעם פּרט. נעמט פּרצן,

שלום-עליכמען און שלום אשן. וואָלטן די דריי שרייבער געשריבן אין אייראָפּע-אישע שפּראכן, דעמאָלט וואָלטן זייערע ווערק געוויס באמערקט געוואָרן, אָבער זיי וואָלטן מיט א האָר ניט פארגרעסערט אונדזער אייגענעם ווערט. מען וואָלט זיי פארשריבן אויף די קאָנטאָס פון יענע פעלקער, אין וועמעס שפּראַך זיי זיינען פארפאסט געוואָרן. איצט אָבער, אז זיי ווערן איבערזעצט פון יידיש, איז די ציוויליזירטע מענטשהייט שוין געצוואונגען אָפּצועפענען א נייע קאָנטאָ פאר דער יידישער ליטעראטור, פירן א באזונדער חשבון פאר א נייער באלעבאטישקייט, און, לויט דעם חשבון, צו באשטימען אונדזער ספּעציפישע וואָג״. (ז. 182).

4

אויף ווי ווייט קינסטלערישע ווערק האָבן פאראינטערעסירט און פאראינג-טריגירט ד״ר זשיטלאָווסקין און ארויסגערופן אין אים פילאָזאָפישע, סאָציאלע און פּסיכאָלאָגישע פראגן און פּראָבלעמען, באווייזן זיינע דריי גרויסע אָפּהאנד-לונגען „טאָלסטאָי, ניטשע און קאַרל מארקס״, „וועגן לעאָניד אנדרעיעווס ׳אנאטעמא׳״ און „מעטערלינקס ׳בלויער פויגל׳״ — דאָס זיינען דריי רעפעראטן, וואָס זיינען געהאלטן געוואָרן ארום 1910-1911 (זיי האלטן אין בוכפאָרם 190 זייטן, „געזאמלטע שריפטן״, באנד 1, ניו-יאָרק, 1912). און הגם אין די אלע דריי אינטערעסאנטע אָפּהאנדלונגען פארנעמט זיך ד״ר זשיטלאָווסקי בעיקר און אפשר דורכאויס מיט די וועלט-אָנשויאונגען פון די דענקער און קינסטלער, מיט די פילאָזאָפישע און סאָציאָלאָגישע איינשטעלונגען און מיט די אידייען, וואָס ס׳לאָזט זיך ארויסדרינגען פון די ווערק, אָבער דאָ און דאָרטן, אין גאנג פון ארויסאנטפלעקן און ארויסברענגען דעם וועלט-באנעם, די געדאנקען, די לערעס, דעם מיין, דעם מוסר-השכל (איבערהויפּט ביי ל. אנדרעיעוו און מ. מעטערלינק), האָבן מיר ביי זשיטלאָווסקין גלענצנדיקע טרעפלעכע קריטישע באמערקונגען, כאראקטעריסטיקעס און ארויסזאָגונגען. מיר קענען, ליידער, אין דעם ארטיקל זיך ניט אָפּשטעלן אויספירלעכער אויף זיי. מיר וועלן ארויסכאפּן איינצעלנע שורות פון דאָ און דאָרט, און וועלן אָפּשיקן דעם לייענער צו די אָפּהאנדלונגען גופא.

אָט האָט איר אזא בילדלעכע „בעלעטריסטישע״ קריטישע כאראקטעריסטיק פון טאָלסטאָי, ניטשע און קארל מארקס: „פארשיידן איז דער סטיל פון די דריי מענער, אין וועלכן זיי דערלאנגען אונדז די רעזולטאטן פון זייער דענקען און פאָרשן. דונערדיק און בליציק, מיט פּלוצימדיקע אויסברוכן פון פייער-צונגען ביי ניטשען. שווער אָנגעלאָדן, אזוי ווי איינער וואָלט גיין בארג-ארויף מיט א דריקנדיקער משא אויפן רוקן, אָבער מיט א שטאָלץ-אויפגעהייבענעם קאָפּ און מיט זיכערע שריט באוועגט זיך לאנגזאם מארקס׳ געדאנק. ער געווינט א פּאָזיציע נאָך א פּאָזיציע, ביז ער פירט אונדז ארויס צו יענעם העכסטן פּונקט, פון וועלכן עס אנטפּלעקט זיך מיטאמאָל פאר אונדזער אויג דער ווייטער האָריזאָנט פון זיין פאָרשן. אָן א ברעקל גראציע, אָן א וועלכער עס איז קינסטלערישער אָדער וויסנשאפטלעכער פּרעטענזיע, מיט א מאסע

בילדער פון לעבן, מיט דער געווינענדער איבערצייגונג פון דעם שכל הישר, דערציילט אונדז טאָלסטאָי זיינע געדאנקען, מאָלט ער אונדז אויס זיין לאָגיק און זיינע ארגומענטן, אזוי איינפאך און קלאָר, אז עס דוכט זיך, אפילו א קינד קען אים לייכט פארשטיין..." (ז' 11).

זיין גרויסע אָפּהאנדלונג וועגן ל. אנדרעיעווס „אנאטעמא" הייבט אָן ד"ר זשיטלאָווסקי מיט די ווערטער: „איידער איך וועל איבערגיין צו מיין אייגנט-לעכער טעמע, דערלויבט מיר צו מאכן א פּאָר קליינע הקדמות". און אין די „פּאָר קליינע הקדמות" לאָזט ער זיך אויף א שפּאציר איבער דער רוסישער ליטעראטור, שטעלט זיך אָפּ ביי די עלטערע גרויסע קינסטלער און קומט צו די דעמאָלט יינגערע — צו טשעכאָוו, גאָרקי, אנדרעיעוו. און ווידער אמאָל האָבן מיר דאָ בילדלעכע כאראקטעריסטיקעס פון א מענטש, וואָס איז טיף באהאוונט אין דעם רוסישן שאפן, און מיט א פּאָר שטריכן מאָלט ער אונדז אָפּ די פיזיאָנאָמיע פון די קינסטלער.

הערט א פּאָר ווערטער וועגן מ. גאָרקי: „ער האָט געוויס א חוש אויך פאר די טונקעלע זייטן פון דעם מענטשלעכן לעבן און איז באקאנט אויך מיט א סך פינצטערע אָפּגרונטן אין דעם מענטשנס ברוסט. אָבער זיין נשמה ווערט מער צוגעצויגן צו די ליכטיקערע, צו די זונען-מענטשן, וואָס פארקערפּערן אין זיך, יעדערער פּיצלעכווייז — דעם אידעאַל פון זיין הארצן..." און ווייטער: „איר באמערקט, ווי ער קוועלט פון זיי אָן, איר פילט, אז ער איז ניט נאָר זייער מאָלער, נאָר אויך זייער אדוואָקאט". און נאָך: „ווי ווייט גאָרקי זאָל ניט אָפּשטיין פון יענער אלטער, שוין לאַנג פארשימלטער קונסט, וואָס האָט ארויסגעפירט ׳העלדן׳, כדי מען זאָל זיך אראָפּנעמען א מוסטער פון זיי — אין אים איז דאָך געבליבן א שטיק העלדן-דיכטער, און זיינע גרעסערע ווערק זיינען ניט פריי פון העלדן-ראָמאנטיק..."

גאָר באזונדערס פארנעמט זיך ד"ר זשיטלאָווסקי מיט ל. אנדרעיעוון און זיינע פארשיידנארטיקע שאפונגען. ער גיט א טיפן אנאליז פון אים און פון זיינע ווערק. ער ווייזט דערביי ארויס גרויס בקיאות און פארשטאנד. קודם כל באווייזט ער, אז „די צרה מיט אנדרעיעוון איז, וואָס מיר האָבן ניט איין אנדרעיעוו, נאָר עטלעכע", און זשיטלאָווסקי קלאסיפיצירט די אנדרעיעוו-ווערק, די גרעסערע און קלענערע, אויף דריי באזונדערע טיילן.

איין אנדרעיעוו, וואָס „מאָלט דעם מענטשן און דאָס לעבן מיט יענער ציכטיקער עניוות, אין וועלכער עס איז איינגעוויקלט די בענקשאפט נאָך דעם אומענדלעכן", און א צווייטער אנדרעיעוו „פון ציין-קריצעניש און האַר-רייסעניש, מיט די משוגענע העוויות פון א בעל-שם, וואָס וויל ארויסטרייבן א דיבוק, — אנדרעיעוו דער ׳שאמאן׳, וואָס וויל באשווערן אלע בייזע רוחות און פאנאנדערטרייסלען די זיילן פון באשאפונג", און א דריטן, — וואָס איז א מין צונויפגוס פון זיינע צוויי פריערדיקע ארטן: „פון דעם אָביעקטיוון פארטיפן זיך אין די איינצעלנע בילדער פון לעבן און די איינצעלנע נשמות פון די מענטשן... און פון דעם סוביעקטיוון פראָטעסט אנטקעגן די צרות

פון לעבן בכלל, פון דעם גזר-דין און דעם משפּט איבער דעם גורל פון דעם מענטשלעכן לעבן...״

זשיטלאָווסקין, דעם דענקער, דעם פּראָבלעמען-זוכער, זיינען אלע מאָל נעענטער און אייגענער די קינסטלערישע ווערק, וואָס רייצן דעם געדאַנק, וואָס באַוועגן צו פאַרטראַכטן זיך, און ער איז דעריבער אָפּט מוחל דעם קינסטלער, אויב דער אינטעלעקטועלער שטאָף וועגט אריבער דעם שטייגערישן, דעם רעאַליסטישן. און ער טוט זיך א זאָג אין גאַנג פון זיין רעפערירן אַנדרעיעווס „אַנאַטעמאַ״: „עס קען זיין, אז אין דערינען ליגט טאַקע דער כּישוף פון אַזעלכע ווערק, וואָס זיי רעדן צו דער זעלביקער צייט אי צו אונדזער עסטעטישן כּוח-הדמיון (פאַנטאַזיע—נ.מ.), אי צו אונדזער אויפגערודערטן שכל...״ (ז׳ 71). און אים אימפּאָנירט ל. אַנדרעיעוו, ווייל „ער איז קודם-כּל א פילאָזאָפישער שרייבער, וועמען עס האָבן קיין מאָל ניט געלאָזט צו רו די גרויסע פראַגן וועגן לעבן און טויט, וועגן דעם מענטשלעכן מאַרטיריום, וועגן די אומגערעכטע, ניט-פאַרדינטע ליידן פון אַלץ, וואָס לעבט אויף דער וועלט, וועגן די גרענעצן פון מענטשלעכן וויסן״.

אַזוי פאַרבייגייענדיק, אין עטלעכע שורות, גיט זשיטלאָווסקי א גלענצנדיקע כאַראַקטעריסטיק וועגן דעם תּוך פונעם רוסישן שאַפן. ער דערגרונטעוועט זיך צום מקור פון דער רוסישער קינסטלערישער נשמה, ווי זי קומט צום אויסדרוק אין די ווערק פון די בעסטע רוסישע שרייבער. „דער גרויסער אינטערעס צו די פילאָזאָפישע פּראָבלעמען פון לעבן, טויט און ניט-פאַרדינטע ליידן נעמט זיך אין דער רוסישער ליטעראַטור, ווי איך גלויב, פון א גאַנץ אַנדער מקור: פון די פּאָליטישע באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט די רוסישע אינטעליגענץ״. ד״ר זשיטלאָווסקי גייט אַזוי כּסדר און רעכנט אויס: „דער שיקזאַל פון די דעקאַבריסטן — די געהאַנגענע און אין סיביר פאַרמאַטערטע — האָט שווער געדריקט אויף דעם געוויסן און דעם באַוואוסטזיין פון פּושקין, לערמאָנטאָוו, ביעלינסקי, הערצען און דעם דור, וואָס האָט ארויסגעבראַכט גאָגאָלן״. און אַזוי ווייטער און ווייטער.

אַרומרעדנדיק גאַנץ אויספירלעך די געשטאַלט פון דוד לייזערן, דעם הויפּט-טיפּ אין „אַנאַטעמאַ״, און מיט אַלע טענות צו אַנדרעיעוון פאַר די בלאַסע נאַציאָנאַל-יידישע שטריכן אין אים, זאָגט ד״ר זשיטלאָווסקי: „בלייבט דוד לייזער דאָך א יידישער טיפּ — א פערטער גרויסער יידישער טיפּ, געמאָלט פון א ניט-יידן: לעבן שעקספּירס ׳שיילאָק׳, לעסינגס ׳נתן החכם׳ און גוצקאָווס ׳אוריאל אַקאָסטאַ׳, — דוד לייזער איז אפשר דער יידישלעכסטער פון זיי, פון אַלעמען״.

5

פון א גאַנץ-אַנדער כאַראַקטער איז ד״ר ח. זשיטלאָווסקיס אָפּהאַנדלונג (זי האַלט 56 זייטן) וועגן מ. מעטערלינקס „בלויער פויגל״ (רעפעראַט געלייענט צום ערשטן מאָל אין ניו-יאָרק אין 1911). און ס׳איז אינטערעסאַנט ד״ר זשיטלאָווסקיס באַוואָרעניש, איידער ער טרעט-צו רעדן וועגן דעם ווערק, וואָס

האָט אין יענער צייט ארויסגערופן גרויס פאראינטערעסירונג, לויב-געזאַנגען און באַשפּרעכונגען. זשיטלאָווסקי איז געטריי צו זיין אופן פון אויפנעמען א ווערק און ער זאָגט: „....די גאַנצע קינסטלעריש-ליטעראַרישע זייט פון דער זאַך וועל איך לאָזן גאָר אָן א זייט: לאָז דאָס בלייבן פאר די עסטעטישע קריטיקער פון פאַך". און אפשר וואָלט גאָר ד"ר זשיטלאָווסקי זיך ניט פארנומען מיט דעם ווערק, אָבער „דער 'בלויער פויגל' איז דאָך ניט פשוט א קונסט-ווערק; ס'איז א סימבאָל, א משל — דאָס גיט צו יעדערער. און וואו עס איז דאָ א משל, מוז זיין א נמשל, — וואו א סימבאָל, דאָרטן א געדאַנק". (ז' 141).

ד"ר זשיטלאָווסקי באַנוצט זיך מיט דעם ווערק, כדי אוועקצולאָזן זיך אין א לאַנגער עקספּעדיציע אויסצופאָרשן די וועגן פון דעם מענטשנס נשמה און מענטשלעכע שטימונגען. „מאָלן שטימונגען איז אפשר די שווערסטע זאַך אין דער קונסט" (ז' 142). זשיטלאָווסקי רעדט ארום אויספירלעך די פארשיידענע „פּסיכישע געשטאַלטונגען" און די „שטימונגס-טעאָריע פון דער עמפּירישער פּסיכאָלאָגיע", און ער פירט אויס, אז פאר דער קונסט איז „א ווירקטיק און שווער פעלד ארויסצורופן אין אונדז מיט דער הילף פון ווערטער די פארשיידענע שטימונגען פון דער נשמה" (ז' 147). ד"ר זשיטלאָווסקי זעט כסדר די צוזאַ-מענהאַנגען צווישן דער צייט מיט די ווערק פון קינסטלער. ער זאָגט טאַקע, אז „עס איז ניט היינט אונדזער עסק אָפּצושטעלן זיך אויף יענעם טרויעריקן קאַפּיטל פון דער גייסטער געשיכטע און שילדערן די ווירקונג פון דער פּאָליטישער רעאַקציע אויף דער יונגער שיינער ליטעראַטור פון מעטערלינקס דור", אָבער ער באַטאָנט די „טונקעלע פּאָליטישע נאַכט, א נאַכט אָן שטערן און לבנה-שיין, א נאַכט פון שווערער שטילקייט, אין וועלכער מעטערלינק איז ארויפגעטראָטן אויף זיין ליטעראַרישן וועג" (ז' 154).

נאָך דעם ווי זשיטלאָווסקי אַנאַליזירט די פארשיידענע געשטאַלטן פון מעטערלינקס „בלויען פויגל", קומט ער צום אויספיר, אז „מעטערלינק איז ניט נאָר א דיכטער, נאָר אויך א דענקער. ביי אים לעבט דער שכל א זעלבסטשטענדיקן לעבן נאָך דרויסן פון דעם טאַלאַנט אויך" (ז' 159).

עס איז ווירקטיק דער מוסר-השכל, וואָס זשיטלאָווסקי מאַכט פון דעם ווערק און ווענדט אים אָן אויף די מיסטישע שטימונגען, וואָס האָבן גענומען הערשן אין יענער צייט אין דער יידישער וועלט און איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך אייניקע רעאַקציאָנערע יידישע שרייבער. און ס'איז אינטערעסאַנט ווי ד"ר זשיטלאָווסקי באַקעמפט אָט די שעדלעכע שטימונגען. זשיטלאָווסקי רעדט, ווי זיין שטייגער איז — מיט שיינע מעטאַפאָרן: „אָבער אויב מיר מיינען, אז מיר קענען דעם גלויבן פון דעם עבר אַזוי פשוט ארויסטראָגן אויף דער ליכטיקער זון פון דער איצטיקער צייט, און זיין פארב וועט דערביי בלייבן די אייגענע וואָס אַמאָל, מאַכן מיר א גרויסן טעות! דער 'בלויער פויגל' פון אַמאָל איז שוין געשטאָרבן, ער איז בלוי נאָר אין דעם 'לאַנד פון דערינע-רונג' — פאר דער געגנוואַרט ווערט ער ווידער שוואַרץ..." און זשיטלאָווסקי גייט אריבער צו אונדזער יידישער ליטעראַטור, וואָס „אין דער לעצטער צייט

איז אין איר ווידער אויפגעוואַכט געוואָרן די פּראַגע וועגן דעם ווערט פון דער חסידות און קבלה, — יענעם הייליקן, גרויסן טיפן אמת, מיט וועלכן עס האָבן געלעבט די נשמות פון אונדזערע טאַטעס און זיידעס". ד״ר זשיטלאָווסקי וואָרנט אָבער: „עס זיינען דאָ ניט ווייניק מענטשן, וואָס וואָלטן וועלן, ווי צום ביישפּיל הלל צייטלין, אַז דער גלויבן פון אַמאָל זאָל אויך דערוואַרעמען אונדזערע הערצער. אין וואָס באַשטייט ה. צייטלינס פעלער? — אין דעם, וואָס ער מיינט, אַז אויב דער פויגל איז געווען אינגאַנצן בלוי אַמאָל, מוז ער בלייבן בלוי אויף אייביק". „ער באַמערקט ניט — באַטאָנט זשיטלאָווסקי, — אַז ווי נאָר ער טראָגט אים אַרויס מחוץ דעם לאַנד פון דערינערונג, אַזוי ווערט ער תיכף אינגאַנצן שוואַרץ".

גילדערנע ווערטער, וואָס זיינען אויך איצט זייער אַקטועל!

אין דער זעלבער צייט האַלט ד״ר זשיטלאָווסקי, אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן „בלויען פויגל", פאַר נייטיק צו באַשטרייטן אַ צווייטע ריכטונג אינעם יידישן לעבן, „צו וועלכער עס געהערט צום ביישפּיל ב. פייגנבוים, דער ערלעכער, טאַלאַנטפולער 'טאַמבור-מאַזשאָר' פון דער אַלטער אפּיקורסישער גוואַרדיע, וואָס קענען עד היום ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי מען קען זאָגן אַ גוט וואָרט פאַר דער חסידות און קבלה אפילו ווען מען מיינט נאָר יענע צייט, אין וועלכער זיי זיינען געווען דער אינעווייניקסטער אמת פון דער יידישער נשמה. פאַר אים זיינען חסידות און קבלה געווען אין אַלע צייטן אַ ווילדע נאַרישקייט..."

און אַזוי גייט אים מעטערלינקס ווערק די געלעגנהייט צו באַהאַנדלען, אַרומרעדן און אַנאַליזירן די פאַרשיידנסטע פילאָזאָפישע, פּסיכאָלאָגישע, מעטאַ-פיזישע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן און פּראָבלעמען. ד״ר זשיטלאָווסקי האָט דאָ אַרויסבאַוויזן זיין פילזייטיקן וויסן, גייסטרייכן פאַרשטאַנד און באַהאַוונטקייט אין דער מאָדערנער ליטעראַטור.

אַן אינטערעסאַנטע אין אַלע הינזיכטן און אַ פּרעכטיקע און אַן אַלזייטיקע אָפּשאַצונג פון י. ל. פּרצן האָט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי געגעבן אַפּריל 1915, אויף דעם הזכרה-אָוונט אין קאַרנעגי-זאַל, נאָך פּרצעס טויט (די רעדע איז פאַר-עפנטלעכט אין „יידישע קולטור", אַפּריל 1940).

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי איז צוגעגאַנגען צו דער אויפגאַבע מיט אַ געוואַלדיקן יראת-הכבוד און מיט גאָר דעם ערנסט, וואָס ער האָט געהאַט צו גרויסע גייסטער. ער האָט „מאָביליזירט" אַלע זיינע שאַפערישע כוחות אין דעם דראַנג און פאַר-מעסט אויפצונעמען פּרצן אין זיין גרויס און טיף. קיינער ווי זשיטלאָווסקי האָט ניט אין יענער צייט מיט אַזאַ פאַרהערלעכונג און אַזוי אַלזייטיק געפּרוּווט אויפצונעמען און אַרומנעמען פּרצעס פּערזענלעכקייט און זיין שאַפן. ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט אָנגעהויבן מיט דער באַוואָרעניש, וואָס איז אַלע מאָל כאַ-ראַקטעריסטיש פאַר אים, ווען ער טרעט-צו צו אַ טעמע, וויל וואָס-אויסשעפּנדיקער זי באַאַרבעטן און ער פילט דאָך, אַז ער איז נאָך מיט איר ווייט ניט פאַרטיק: „איך האָב די אויפגאַבע גענומען אויף זיך ('צו געבן אַן אַלגעמיינע כאַראַקטע-ריסטיק פון פּרצעס לעבן, שאַפן און טאָן'), אָבער איך האָב ניט גערעכנט, אַז

עס איז נאָך גאָר ניט געקומען די צייט, ווען אזא ארבעט זאָל קענען ווערן געטאָן..." און ווידעראמאָל: „אזא'ן ארבעט איז ניט פון די לייכטע. צו פיל-זייטיק און פארשיידנארטיק איז פרצעס שאפן, מען זאָל עס קענען ארומנעמען מיט איין בליק." און הערט די ווערטער, וואָס זשיטלאָווסקי געברויכט צו כאראק-טעריזירן פרצן: „פרצעס גייסט איז געווען א וואונדערבארער אָרגאניזם מיט הונדערטער שפּיריקע נערוון, תמיד אָנגעצויגענע, תמיד וויברירנדיקע, יעדער נערוו מיט זיין אייגענעם טאָן. וואָס יענע הונדערטער נערוון האָבן ארויסגעבראכט פון זיך, איז א סימפּאָניע פון טענער, פון וועלכע עס קלינגען אונדז אנטקעגן: די אלגעמיין-מענטשלעכע קאמפן פון זיין צייט, די ליידן, האָפענונגען און דער נצחון-קאמף פון זיין יידישן פאָלק, די בענקשאפט פון זיין דור, די פּראָבלעמען פון זיין קונסט, די אייביק-סודותפולע שאלות פון דעם מענטשלעכן דענקען בכלל."

זעען מיר דען ניט דאָ א שטיק ד"ר זשיטלאָווסקי, וואָס זיין גייסט רופט זיך דאָ איבער מיט פרצעס?

און כאָטש זשיטלאָווסקי קערט זיך אָפּ פון דעם ברייטן וועג, ווי ער זאָגט אליין, צו כאראקטעריזירן דעם גאנצן פרץ, און פארנעמט זיך צו רעדן בלויז וועגן פרצעס באדייטונג פאר דער נאציאָנאלער אויפוואכונג פונעם יידישן פאָלק, באווייזט ער אָבער אין גאנג פון דער רעדע ארויסצוזאָגן טרעפלעכע געדאנקען און אנטפלעקן טיפזיניקע כאראקטער-שטריכן וועגן פרצן דעם קינסטלער. דערביי פאסט ער אויף מיט באזונדערער ליבשאפט און פארערונג די געשטאלטן פון מענדעלע מוכר ספרים און שלום-עליכם און באווייזט זייער אָרט און ראָלע אין דער יידישער ליטעראטור און מאכט טיף-מיינענדיקע פארגלייכן מיט פרצן. פאר זשיטלאָווסקין פיגורירט כסדר פרץ דער גרויסער קינסטלער, פרץ דער גרויסער דענקער, און ער אנאליזירט כסדר די צוזאמענהאנגען, די קעגנזייטיקע באווירקונ-גען פון אָט די ביידע. און ווי קונציק ד"ר זשיטלאָווסקי האָט אריינגעפלאָכטן זיך גופא, זיינע זובעונישן און געפינענישן, אין דער פרץ כאראקטעריסטיק!

אין זיין פארמעסט צו דערגרונטעווען זיך צו די יסודות פון פרצעס שאפן און צו דערהייבן זיך צו די הויכן פון פרצעס דענקען, דערגייט ד"ר זשיטלאָווסקי צו די אינטערעסאנטע אויספירן וועגן דעם יידישן פאָלק. לאָמיר טאקע לאָזן רעדן זשיטלאָווסקין: „נעמט מען אריין מענדעלען אין הארצן, קען מען נאָך אויס רחמנות און צער-בעל-חיים אריינפאלן אין דעם פעסימיסטישן יאוש; לאָזט מען שלום-עליכמען ווירקן אויפן געפיל, ווערט פריילעכער אויפן הארצן, און די ליבע צום פאָלק פירט צו אן אומקלאָרן בטחון. לאָזט מען זיך אָבער דורכגעזאפּט ווערן פון פרצן, פון זיין גרויסן דרך-ארץ פאר דעם יידישן היסטאָרישן קאמף, פאר זיין גלוטיקער דאָרשט צו טאט און נצחון, איז דעמאָלט ווערט אן אומגליק א טראכט צו טאָן, אז אזא פאָלק זאָל פארשווינדן... און דעריבער איז געלעגן די ספעציעלע באדייטונג פרצעס פאר דעם וויכטיקסטן היסטאָרישן פּראָצעס אין דעם מאָדערנעם לעבן פון אונדזער פאָלק, פאר דעם פּראָצעס פון דער נאציאָ-נאלער ווידעראויפוואכונג."

6

ווי מיר זעען, האָט ד״ר זשיטלאָווסקי וואָס-ווייטער אַלץ מער געגומען שאַצן די ווערט פון דער יידישער ליטעראַטור אין דעם ווייטערדיקן געשיכטלעכן גאַנג פונעם יידישן פאָלק. ער האָט אין דער זעלביקער צייט אָנגעהייבן מער פאָדערן און מאָנען פון דעם יידישן שרייבער און אַרויפגעלייגט אויף אים אַלץ-מער סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פליכטן. פאַר אונדז איז אינטערעסאַנט אַן אַרטיקל, וואָס ד״ר זשיטלאָווסקי האָט פאַרעפנטלעכט דעם 30טן אויגוסט, 1915, אונטערן נאָמען „צו פאַרשטאַרקן די אָפּגעשוואַכטע הענט״, מיט אַן אונטערקעפּל „אייניקע ווער-טער צו אייניקע חברים פון דער פען״. ער ברענגט אַ פּאָר שורות פון אַן אַלטן יידישן ספר, פון „ספר הקבלה״ (ס׳איז אַ געשיכטע פון יידישן פאָלק פונעם ראב״ד הראשון, פון די צייטן פאַרן רמב״ם): „און אין אונדזער צייט האָבן געלעבט די משוררים איבן גבירול און יהודה הלוי, וואָס האָבן מיט זייערע לידער געשטאַרקט די אָפּגעשוואַכטע הענט. זאָל זיי גאָט דערמאָנען דערפאַר צו גוטן!״ און ד״ר זשיטלאָווסקי פרעגט די יידישע שרייבער דאָס, וואָס ס׳ווילט זיך אויך איצט איבערחזרן: „וועט די שפּעטערדיקע געשיכטע פון אונדזער פאָלק אויך אונדזער דור יידישע שרייבער דערמאָנען צו גוטן? האָבן אויך מיר, אויב מיר האָבן ניט געקענט אויפטאָן קיין גרעסערס, ווייניקסטנס ׳געשטאַרקט די אָפּגעשוואַכטע הענט׳?...״ און זשיטלאָווסקי ענטפערט אַליין אויף זיין פראַגע: „איך בין גרייליך מסופק אין דעם. איך האָב מורא צו זאָגן, אַז די געשיכטע וועט האָבן אַ רעכט ניט צו בענטשן אונדז, נאָר נאָך אפשר צו מאַכן אונדז דעם שאַרפסטן פאָרוואורף, אַז ניט נאָר האָבן מיר ניט געשטאַרקט די אָפּגעשוואַכטע הענט, נאָר מיר האָבן נאָך די אַנדערע געשטערט, וואָס האָבן זיי געוואָלט מאַכן שטאַרקער.״ ד״ר זשיטלאָווסקי מאָנט ביי די שרייבער: „רופט דאָס פאָלק צו טאַט און מוט!... איר גלויבט ניט? איז — הייבט אָן גלויבן! און אויב איר קענט דאָס ניט, איז — הערט אויף צו שרייבן...״ (ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, באַנד 9, ז״ז 232-227.)

אין אַ פאָרוואָרט, וואָס ד״ר ח. זשיטלאָווסקי שרייבט צו די איבערזעצונגען פון ב. לאַפּין פון דער רוסישער ליריק (ניו-יאָרק, 1919), וואָס טראָגט אַן אונטערקעפּל „אַ פּאָר ווערטער וועגן פּאָעזיע און איר באַדייט״, טיילט ער זיך מיט זייער אינטערעסאַנטע געדאַנקען „וועגן פּאָעזיע און איר באַדייט פאַר דעם מענטשלעכן לעבן און דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט״. ער הייבט אָן פון סאַמע „בראשית״, ער דערגרונטעוועט זיך צום אורקוואַל פון פּאָעזיע, רעדט אַרום די פאַרשיידענע פאַזעס פון איר אַנטוויקלונג אין דער מענטשלעכער געשיכטע און שטעלט זיך אָפּ אויפן אָרט, וואָס זי האָט פאַרנומען אין דעם גאַנג פון דעם מענטשלעכן לעבן. ער באַהאַנדלט די פאַרשיידענע פאָרמען פון פּאָעזיע, כאַראַקטעריזירט אירע באַזונדערע אייגנשאַפטן און אייגנאַרטיקייטן און באַווייזט דעם אופן ווי פּאָעטישע ווערק ווירקן. „על כל פנים — זאָגט זשיטלאָווסקי — איז אַ פאַקט, אַז דער אמתער פּאָעט איז דער גאון אין געפילס-לעבן, ווי דער אמתער דענקער איז דער גאון אין דער געדאַנקען-וועלט און ווי דער העלד פון

דער ווילנס-טאַט, דער פֿאָלקס-פֿירער, דער רעוואָלוציאָנערער, דער אמתער שטאַטסמאַן איז א קוואַל פֿון שטרעמונגען".

7

וויל מען גענוי באַגרייפֿן ד"ר זשיטלאָווסקיס שטעלונג צו דער יידישער ליטעראַטור און ווי ער פּאַסט אויף איר וויכטיקע ראָלע און באַדייט, דאַרף מען זיך באַקענען מיט זיין אָפּהאַנדלונג „די נאַציאָנאַלע פּראָגרעסיווע באַדייטונג פֿון דער יידישער ליטעראַטור" („צוקונפֿט" 1920). דאָ האָבן מיר פּאָר זיך דעם לערער-וועגווייזער זשיטלאָווסקי מיט זיין ברייטן קוק אויפֿן יידישן לעבן און די גרינטלעכע אויפֿפֿאַסונג פֿון דעם יידישן שאַפֿן אין יידיש. אין דער אַרבעט פֿאַרנעמט ער זיך גאָר ברייט, אָבער ער גייט צו צום „עצם ענין", צו דער ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפֿן אין דער יידישער שפּראַך, און אויך דעם אויס-דרוק „יידישע ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך" נעמט ער אין „אַן ענגערן זין: מיר וועלן האָבן אין אויג ניט אַלץ, וואָס ווערט געשאַפֿן אין יידיש, נאָר קודם כל און דער עיקר — די אַזוי-אָנגערופֿענע 'שיינע' ליטעראַטור, די יידישע בעלעטריסטיק, — יענע ווערק, וואָס ווערן ביי יעדן פֿאָלק אויסגעשטודירט און באַשריבן אין זיין 'געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור' און זיינען דער מאַטעריאַל, אויף וועלכן עס שטיצט זיך די אַזוי-אָנגערופֿענע „ליטעראַטור-וויסנשאַפֿט".

אין דעם דאָזיקן אַרטיקל, וואָס איז א קליינער טייל פֿון דעם, וואָס ד"ר זשיטלאָווסקי האָט זיך פֿאַרמאָסטן צו געבן, האָבן מיר וויכטיקע ערנסטע גרונט-הנחות פֿאַר א גאָר ברייטערער טעמע „די געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַ-טור", וואָס אַלע מיר קוקן אַרויס אויף איר און וואָס איז נאָך עד היום ניט געשריבן געוואָרן. — ראשי פּרקים זיינען דורך זשיטלאָווסקין געגעבן געוואָרן בקיצור, און אויף זיין געוויינטלעכן שטייגער — זייער פּרעציז. אויף דעם וועג איז געגאַנגען ד"ר י. צינבערג אין זיין גרויסן מאָנומענטאַלן ווערק „די געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור ביי יידן", — אין זיינע 8—9 קאָלאָסאַלע בענד, וואָס ער האָט, ליידער, ניט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן...

ציטירן שטעלן פֿון ד"ר זשיטלאָווסקיס אַרבעט איז שווער, ווייל עס וואָלט געהייסן איבערשרייבן א גרויסן טייל פֿון דעם באַלערנדיקן און טיף-אַדורכ-געטראַכטן אַרטיקל. שיקן מיר אָפּ דעם לייענער צום אַרטיקל גופֿא, זאָל ער אים אַדורכלייענען. און דאָס נעמלעכע קען מען זאָגן אויך וועגן דעם אַרטיקל „פֿרייע קונסט און פֿרייע קריטיק", וואָס איז כדאַי ניט נאָר צו לייענען, נאָר מען דאַרף אים לערנען, שטודירן...

און אַזוי יאָר נאָך יאָר, צווישן זיינע פֿאַרשיידענע ווערק וועגן וועלט-פּראָבלעמען און יידיש-געשיכטלעכע אידייאישע געראַנגלענישן און ווידער-געבורטן, נעמט ער זיך צו רעדן אָדער צו שרייבן וועגן קינסטלער און זייערע ווערק. אָפּטמאָל איז עס ביי אים א מין „שיחת חולין" פֿון א תלמיד-חכם, א מין באַשעפֿטיקונג בין מנחה למעריב. אין זיין בריוו „צו ה. לייוויקס יובילייי" („יידישע קולטור", יאַנואַר, 1939, ז"ז 66-67) זאָגט ער, אַז „לייוויקס שריפֿטן לייען איך אַלע מאָל מיט א געפֿיל פֿון א באַזונדערער דערוואַרטונג". ער טוט

זיך א זאָג: „אלעמאָל שפּיר איך די טיפקייט פון זיין ווירקונג, ווען אפילו ניט אלע מאָל איז מיר קלאָר זיין, אפשר פאַרבאָרגענער, מיין״. און נאָך אייניקע שבחים, גיט ער זיך א פאַרענטפער: „איך געהער דאָך ניט צו די רייטער אויף דעם געפליגלטן פּעגאַס.״

און אַט קומט אים אויס אויפצוטרעטן מיט א רעדע צו לאַמעד שאַפּיראָס אַן ערנאָוונט אין לאָס-אַנדזשעלעס. ער באַגריסט אים און דריקט אויס זיין „טיפסטע פאַרערונג צו אים, צו זיין טאַלאַנט און צו דעם באַדייט פון זיין שאַפן אין אונדזער ליטעראַטור״. אָבער ער גיט צו, אַז ער קען ניט „נעמען אויף זיך די אויפגאַבע צו געבן אַן אָפּשאַץ פון לאַמעד שאַפּיראָס ליטעראַרישן שאַפן״. ״דאָס — זאָגט ער — דאַרף געטאָן ווערן פון א מומחה, א ליטעראַטור-קריטיקער. ליטעראַטור-קריטיק איז אָבער ניט מיין פאַך. אין דער שיינער ליטעראַטור בין איך העכסטנס נאָר אַן אינטעליגענטער לייענער.״ און „לייענער — זאָגט ד״ר זשיטלאָווסקי מיט זיין אָפּט חנעוודיקן מאַניר פון „פּיעשטשען״ זיך — אָבער זיינען אין א געוויסן פּרט ׳שטומע נשמות׳. זיי שפּירן די שיינקייט פון דער אָדער יענער שילדערונג, די רייכקייט פון דעם אָדער יענעם בילד. אָבער זיי האָבן ניט קיין ווערטער, ווי אַזוי אויסצודריקן יענע עסטעטישע געפילן אָדער שטימונגען, וועלכע א טאַלאַנטפול ווערק רופט אין זיי אַרויס.״ ווייטער קומט אַזאַ מין דעפיניציע פון זשיטלאָווסקין וועגן ענין קריטיק: „א קונסט-קריטיקער פון גאָטס-גענאָד — פאַר אים שטייט אויפן ערשטן פּלאַן דאָס ווי פון דער שאַפונג און דער שאַפנדיקער קינסטלער; דער געשילדערטער ענין איז פאַר אים נאָר דאָס מאַטעריאַל פון וועלכן ער דאַרף אַרויסדעסטילירן די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פונעם אייגנאַרטיקן טאַלאַנט, דעם מהות פון די באַשטימטע באַשאַפערישע כוחות, כדי צו זיין אין דער לאַגע אויך אָנצואווייזן וואו דער קינסטלער שפּרייזט אפשר אַריבער די גרענעצן פון זיין אייגענעם קענען.״ ד״ר זשיטלאָווסקי רעדט וועגן ל. שאַפּיראָס מענטשן, וועגן די מאָטיוון פון זיין שאַפן, און ער זאָגט ווידער: „אויב א לייענער האָט א רעכט אַריינצורייסן זיך אין די ספערן פון ליטעראַרישער קונסט-קריטיק, וואָלט איך געזאָגט, אַז שאַפּיראָ איז גאָרניט קיין ריאַליסט אין דעם געוויינלעכן זין פונעם וואָרט. ער איז גיכער א ראָמאַנטיקער, וואָס בענקט נאָך העלדישקייט, נאָך נשמה-רייכקייט! דער ריאַליזם איז פאַר אים נאָר א מיטל צום ציל.״ („יידישע קולטור״, מאַי, 1942, ז״ז 24-26.)

מיט טיפער פריינדשאַפטלעכקייט איז אויך געשריבן די באַגריסונג פון ד״ר זשיטלאָווסקי צו ז. ווינפּער (צום 50טן געבוירנטאָג), וואָס האָט „כשר פאַרדינט אונדזער טיפע אכטונג אי ווי א דיכטער און יידישער שרייבער, אי ווי א קולטור-טוער, אי ווי א טרעגער פון א סאָציאַל-פּאָליטישער פאָן, ווי אַן אָנהענגער פון א באַשטימטער ריכטונג אין דעם סאָציאַליסטישן לאַגער״. ס׳איז דאָס יאָר 1943, ווען מ׳איז פאַרוויקלט אין דעם קאַמף אויף לעבן און טויט מיט דעם מענטשן-שונא, מיטן פאַשיזם און נאַציזם. ד״ר זשיטלאָווסקי איז אַריינגעצויגן אין קאַמף און דעריבער האָט ער שוין איצט א גאָר אַנדערע באַציאונג צו שרייבער, צו דיכטער. און איצט שטעלט ער דעם טראָפּ, ווען ער רעדט צו א דיכטער, אויף

זיין קאמפּלוסטיקייט, אויף די פּאָזיציעס, וואָס ער פאַרנעמט אין דעם לעבן. זאָגט ער טאקע: „פון גאנצן הארצן באגריס איך וויינפּערן, דעם געטרייען יידישן סאָציאַליסט, וואָס קעמפט אין דעם סאָציאַליסטישן לאגער אנטקעגן אלץ וואָס שטייט אין וועג דער מענטשהייט צו א גליקלעכן, חשוב-מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט און וואָס קעמפט אויך אין דעם פּראָגרעסיוון יידיש-סאָציאַליסטישן חייל אנטקעגן אלץ, וואָס שטייט אין וועג דעם יידישן פאָלק צו א גליקלעכן פרייען לעבן..." („יידישע קולטור", 1943, מאי, ז׳ 44).

ניט געקוקט אויף זיין טיפן עלטער און אויף זיין שוואכן געזונט-צושטאנד, וואָס פארלאנגט רו און געמיטלעכקייט, ווערט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי אריינגעצויגן אין די קולטור-געזעלשאפטלעכע שטרייטן און קאמפן. ביט געקוקט דערויף, וואָס די דאָקטוירים פארבאָטן אים אָנשטרענגונג און אויפרעגונג, באטייליקט זיך זשיטלאָווסקי אין זיצונגען, פארזאמלונגען, קאָנפערענצן, האלט רעפעראטן, שרייבט ארטיקלען, העלפט אָרגאניזירן דעם שרייבער-קאָמיטעט און זעצט פאָר זיין טעטי-קייט אינעם איקוף. מיר וועלן ניט אויסרעכענען זיינע אויפטריטן, די רעפעראטן, וואָס דער 76-77-יאָריקער ד״ר זשיטלאָווסקי האָט געהאלטן אין ניו-יאָרק און אין פיל אנדערע שטעט מיט יוגנטלעכער קאמפּלוסטיקייט, מיט פעסטער לאָגיק און טיפן פארשטאנד.

פון גרויס באדייט איז זיין רעדע, וואָס ער האָט געהאלטן אויף דער פרץ-פייערונג פון איקוף (אפריל 1940), און זיינע אנדערע רעדעס און ארטיקלען, וואָס טיילוויז זיינען זיי פארעפנטלעכט אין „ייד און וועלט" (ד״ר ח. זשיט-לאָווסקי, ווערק, ב׳ 1) און אין „דער זין פון מענטשלעכן לעבן" (ב׳ 2), — ארויסגעגעבן דורכן איקוף, 1945. מיר דארפן דאָ דערמאָנען בלויז אין א פּאָר ווערטער ד״ר ח. זשיטלאָווסקיס דריי בראָשורן: „אן ענטפער מיינע קריטיקער", „אן ענטפער דוד פינסקין", „אן ענטפער שלום אשן און ה. לייוויקן", וואו ס׳ווערט ארויסגעבראכט שארף און שניידיק, קלאָר און בייסיק ד״ר זשיטלאָווסקיס צוגאנג צו דעם גרויסן, העפטיקן געראנגל, וואָס קומט פאָר אין יענער צייט צווישן די פינצטערע, נאציישע האָרדעס און די דעמאָקראטיש-פּראָגרעסיווע כוחות.

דער 78-יאָריקער ד״ר ח. זשיטלאָווסקי פארבייגט זיינע סענטימענטן, זיין פריינדשאפט און פארערונג פאר שרייבער און דיכטער, און ער רעדט מיט זיי הארבע דיבורים. מיר האָבן איצט ניט די מעגלעכקייט, צוליב מאנגל אין פלאץ, ציטירן לענגערע שטעלן פון זיין ענטפער צו ה. לייוויקן, וועלן מיר ברענגען בלויז א פּאָר קורצע אויסצוגן, וואָס באווייזן, אז ד״ר זשיטלאָווסקי האָט אין דעם שעת-חירום לחלוטין געביטן זיין העפלעכן טאָן, זיינע „איידעלע" מאנירן און באנוצט גליאיקע ווערטער, ווי: „פּאָעטן מעגן, כידוע, זיך נעמען געוויסע פריי-הייטן, אריבערצוטרעטן די אָדער יענע געזעצן — ריכטיקער: געוויסע גראמא-טיקאלישע כללים. דאָס רופט זיך ׳ליצענציא פּאָעטיקא׳. אָבער געזעצן פון דעם לאָגישן דענקען זיינען ניט קיין כללים פון גראמאטיקע. לאָגישע געזעצן זיינען בינדענדיק אויף פאר א פּאָעט, ער מעג אין זיין פּאָעטישן שאפן זיין אזוי די גרויס ווי עוג מלך הבשן. קיין ׳ליצענציא לאָגיקא׳ זיינען ניט פאראן." (ז״ז 6-7).

אָט אזוי איז ד״ר ח. זשיטלאָווסקי אין די לעצטע פּאָר יאָר פון זיין לאנג, אקטיוו און גייסטרייך לעבן ווידער געוואָרן קעמפער, און געווען באוואָפנט מיט געווער אָפּצושלאָגן די פיינדלעכע אטאקעס, — דעם געווער, וואָס ער האָט שוין געהאלטן אָן א זייט אין די מער-פרידלעכע צייטן. דערביי אָבער האָט ער שטענדיק ארויסבאוויזן גרויס אינטערעס פאר די קינסטלערישע ווערק, וואָס זיינען דערשינען, און באדויערט, וואָס עס פעלט אים צייט מער צו לייענען זיי.

מיר איז אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט ד״ר חיים זשיטלאָווסקין די לעצטע פינף יאָר אין אמעריקע, און כ׳בין געווען אן עדות, ווי ס׳האָט אים שטארק געצויגן צו גרעסערע פילאָזאָפישע און קינסטלערישע ארבעטן, אָבער די שווערע גרויסע קאמפן, אין וועלכע ס׳איז געווען פארוויקלט גאָר די וועלט און אונדזער יידיש פאָלק, האָבן אים ארויסגעשלעפּט פון זיין ביכער-קאבינעט און אוועקגעשטעלט אויף די שלאכט-פּאָזיציעס קעגן פאשיזם און נאציזם, אָדער ווי ער פלעג זאָגן און שרייבן — פאשיא-נאציזם.

**1948**

# פּראָפ. שמעון דובנאָוו און ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

## 1

פיל ענלעכס און געמיינזאַמס איז געווען ביי די צוויי גרויסע יידישע דענקער-פּערזענלעכקייטן — שמעון דובנאָוו און חיים זשיטלאָווסקי. זיי זיינען געבוירן אין ווייסרוסלאַנד, אין די 60ער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט: — שמעון דובנאָוו — אין 1860, ח. זשיטלאָווסקי — אין 1865. ביידע זיינען זיי אויפגעצויגן געוואָרן אין עכט-יידישע שטעט, אין יידישע סביבות, איינער — אין מסטיסלאַוו און דער צווייטער — אין וויטעבסק. זיי האָבן לכתחילה איינגעזאַפּט אין זיך תורה און יידישקייט, און אין די יונגע יאָרן, געוואָרן פאַרכאַפּט פון די ליבעראַלע, דעמאָקראַטישע און רעוואָלוציאָנערע לערעס און אידייען פון די רוסישע און מערב-אייראָפּעאישע סאָציאַל-פילאָזאָפישע דענקער. און, ווען ס׳איז זיי ענג געוואָרן אין דער דעמאָלט-משכּילישער און מליצהדיקער העברעאישער וועלט (קיין ברייטע און פאַרצווייגטע יידישע ליטעראַטור איז נאָך דאַן ניט געווען!), זיינען זיי אריבער צו דער רוסיש-יידישער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק.

ש. דובנאָוו, עלטער פון ח. זשיטלאָווסקין אויף 5 יאָר, האָט דעביוטירט אין די רוסיש-יידישע זשורנאַלן אין פּעטערבורג, און זיין ערשטער אַרטיקל, פאַרעפנטלעכט אין רוסיש אין 1881, איז געווען: „אייניקע מאָמענטן אין דער געשיכטע פונעם יידישן געדאַנק״. און ח. זשיטלאָווסקי האָט זיין ערשטע אַרבעט אין רוסיש אָנגערופן לכתחילה מיטן נאָמען „צו דער געשיכטס-פילאָזאָפיע פונעם יידישן פאָלק״, און שפּעטער, לויט דער עצה פונעם רוסיש-יידישן שרייבער, סאָציאָלאָג סלאָנימסקי, האָט ער דעם נאָמען פאַרביטן אויף: „מיסלי אָב איסטאָריטשעסקיך סודבאַך יעווריעיסטוואַ״ (געדאַנקען וועגן די היסטאָרישע שיקזאַלן פון דער יידנשאַפט). אגב, דעם מאַנוסקריפּט פון זיין רוסישן ערשטלינג-ביכל האָט דער יונגער זשיטלאָווסקי געבראַכט צום רעדאַקטאָר פונעם רוסיש-יידישן זשורנאַל „וואָסכאָד״ אַדאָלף לאַנדוי, וועלכער האָט ביים בלעטערן עס, געזאָגט צום יונגן 21-יאָריקן זשיטלאָווסקי, אַז „עס איז צו ראַדיקאַל״.

ביידע יונגעלייט זיינען אין יענער צייט געווען „פּורצי-גדר״ — צוימען-ברעכער. זיי זיינען מיט יוגנטלעכן טעמפּעראַמענט און מיט ניט ווייניקער דרייסטקייט ארויסגעטראָטן קעגן אָנגענומענע אמתן און איינגעשטעלטע דאָגמעס ביי דער רוסיש-יידישער אינטעליגענץ, און יעדער איינער — אויף זיין אופן און כאַראַקטער, — איינער מער באַזאָכט און באַטראַכט, דער צווייטער — מיט מער פייער און ברען, — זיך באַמיט דורכצושלאָגן נייע וועגן אין דעם געדאַנקען-גאַנג פון זייערע עלטערע מיטצייטלער.

אין די 80-ער יאָרן, נאָך די דערשיטערונגען און אויפטרייסלונגען, וואָס עס האָבן געבראַכט די פּאָגראָמען אין די מוחות פון דער דענקנדיקער יידישער אינטעליגענץ, האָט מען זיך אויפגעכאַפּט פון די חלומות און טרוימען, זיך אויסגעניכטערט פון די פאַרשיכורנדיקע וויזיעס און לאָזונגען, און מען האָט גענומען

איבערשאצן ווערטן און אידעאַלן. אין פאַרשיידענע ריכטונגען און אין פאַר־שיידענע קרייזן האָט מען אָנגעהייבן א חשבון הנפש און א חשבון פון די איבערגענומענע איינשטעלונגען און דאָגמעס.

אינטערעסאַנט: שוין אין 1887, ווען דובנאָוו איז אלט געווען 27 יאָר, און זשיטלאָווסקי — 22, איז פאָרגעקומען דער ערשטער העפטיקער צוזאַמענשטויס פון די צוויי יונגע פיל־צוזאָגנדיקע דענקער, סאָציאָלאָגן.

ח. זשיטלאָווסקי האָט, באין ברירה, ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו פאַר־עפנטלעכן זיין ערשטע ארבעט אין א רוסיש־יידישן זשורנאַל, אָפּגעדרוקט זי אין 1887 אין א ביכל אין מאָסקווע. ס׳האָט געהאַלטן 128 זייטן. עס זיינען געווען פאַרשיידענע אָפּרופן אין דער רוסישער און העברעאישער פּרעסע. אָבער דער סאַמע ערנסטער און שאַרפער ארויסטריט, און אויך — דער טיף־פּרינציפּיעלער, איז געווען פאַרעפנטלעכט אין „וואָסכאָד", אין דעצעמבער־בוך 1887, פון ש. דובנאָוו, אונטערן נאָמען „קריטיקוס", וואָס זיינע רעצענזיעס־אַרטיקלען איבער רוסישע, העברעאישע און יידישע ווערק האָבן ארויסגערופן גרויס אָנזען אין דער יידישער שרייבערישער וועלט.

2

ש. דובנאָוו הייבט אָן זיין קריטיק אזוי: „קודם־כל ציט די אויפמערקזאַמקייט דאָס בוך, ווייל עס טראָגט אזא שטאַרקן און לאָקנדיקן נאָמען ,געדאַנקען וועגן די היסטאָרישע שיקזאַלן פון יידנשאַפט׳. דער מחבר פון בוך, ח. זשיטלאָווסקי, ווי מ׳זעט פון דער פאָררעדע, איז ,דורך די לעצטע טרויעריקע פּאַסירונגען אינעם לעבן פון די רוסישע יידן׳ געפירט געוואָרן צו באַטראַכטונגען וועגן די שיקזאַלן פונעם יידישן פאָלק, וועגן זיינע אידעאַלן און האָפענונגען אין דער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט. מיט די רעזולטאַטן פון זיינע באַטראַכטונגען טיילט ער זיך איצט מיטן לייענער־עולם. די אויפגאַבע פון זיין ארבעט איז — ,וואַרפן אן אַלגע־מיינעם בליק אויף דער יידישער געשיכטע, ווי אויף עפּעס א גאַנצעס, וואָס זיין טייל — שטעלט מיט זיך פאָר אונדזער לאַגע אין רוסלאַנד". און ש. דובנאָוו פרעגט: „צו וועלכן אויספיר אָדער פאַראַלגעמיינערונג האָט דעם ה׳ זשיטלאָווסקי געבראַכט זיין בליק אויף דער יידישער געשיכטע?" און ער ענטפערט צווישן אַנדערן: „... מיר ווייסן לחלוטין ניט, פונוואַנעט האָט עס דער ה׳ זשיטלאָווסקי געשעפּט זיין אָריגינעלן קוק אויף דער ראָלע פון די איסיים. ניט ביי גרעצן, ניט ביי הערצפעלדן, ניט ביי גייגערן און ניט ביי האַמבורגערן, אויף וועלכע ער שטיצט זיך, האָט ער ניט געקענט געפינען עפּעס ענלעכס, — און אומזיסט קאָמפּראָמענטירט ער אָט־די חשובע היסטאָריקער, אָנבינדנדיק זיי זיינע אייגענע אויסטראַכטעניש".

אָפּשטעלנדיק זיך אויף א צאָל ארויסזאָגונגען און באַהויפּטונגען פון ח. זשיטלאָווסקי און אָפּשלאָגנדיק זיי, זאָגט ש. דובנאָוו: „אונדזער מיינונג וועגן דער ארבעט פונעם ה׳ זשיטלאָווסקי איז, דאַכט זיך, קלאָר אויסגעדריקט אין אונדזער אָפּהאַנדלונג, און ס׳איז קוים נייטיק א באַזונדערע פאָרמולירונג. אומוויסן און אומרייפקייט זעען מיר אויף יעדן בלעטל פון דעם ווערק: די פאַרנעפּלטקייט

און צווייַדייטיקייט פון די אויסדרוקן זאָגן דורכאויס עדות וועגן דער פאַר-נעפּלטקייט און דעם גרויסן פּלאָנטער אין די געדאַנקען פונעם מחבר״... און בכלל, מיינט דובנאָוו, אז דער מחבר האָט שלעכט געטאָן, וואָס ער האָט פאַר-עפנטלעכט דאָס דאָזיקע בוך. איידער ער האָט עס געטאָן, האָט ער באַדאַרפט פריער זיך אויסלערנען צוויי זאַכן: קלאָר דענקען און ריכטיק שרייבן... „יאָ, — ענדיקט ש. דובנאָוו זיין אַרטיקל, — עס האַלט שלעכט מיט דער ‚געשיכטס-פילאָסאָפיע׳ און מיט דער געשיכטלעכער קריטיק...״ (ז״ז 14-6).

דאָס איז געווען אין 1887.

אינטערעסאַנט, וואָס ש. דובנאָוו גופא שרייבט מיט עטלעכע יאָרצענדליק שפּעטער וועגן זיין קריטיק. אין זיין בוך „קניגא זשיזני״ (דאָס בוך פון לעבן), פאַרעפנטלעכט אין 1934, געשטיצט אויף זיין טאָגבוך און אויף זיינע אַמאָליקע אַרטיקלען, דערמאָנט זיך ש. דובנאָוו אין יענער צייט, ווען ער האָט געשריבן קריטיק אין „וואָסכאָד״. ער דערציילט, אז ער האָט דאַן קריטיקירט „צוויי אָנפאַנגער — י. ל. פּרץ און ח. זשיטלאָווסקי. ער האָט דאַן געשריבן שאַרפע אָפּרופן וועגן זייערע אומרייפע ווערק״. אין א גוטמוטיקן טאָן און דערביי מיט פאַרערונג און ליבשאַפט צו ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, זאָגט ש. דובנאָוו: „...די יוגנטלעכע שאַפונג פון זשיטלאָווסקין [1887], האָב איך האַרב פאַנאַנדערקריטי-קירט און דעם מחבר האָב איך ‚שטאַרק אָנגעשמיסן׳ [ווי ער אַליין האָט מיר דערמאָנט ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש נאָך... פערציק יאָר]. דאָס ביכל האָט לחלוטין ניט אויסגעהאַלטן קיין היסטאָרישע קריטיק. דער יונגער, סאָציאַליסטיש-געשטימטער מחבר האָט געבויט זיין געשיכטס-פילאָזאָפיע אויף דער השערה [היפּאָטעז], אז די נזירישע סעקטע פון איסיים איז געווען א סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין אַמאָליקע צייטן, און אז דאָס גאַנצע אומגליק פונעם יידישן פאָלק שטאַמט פון דעם, וואָס עס איז ניט געגאַנגען אין די וועגן פון אָט-דער פּאַרטיי״... „אָט דער געדאַנק, — גיט צו ש. דובנאָוו אין 1934, — איז אַזוי קינדיש, ווי מיין יוגנטלעכער צער וועגן דעם, וואָס דאָס יידישע פאָלק איז ניט געגאַנגען אין די וועגן פון די אחר׳ס און שפּינאָזעס, — האָט מיך געפירט צו דעם, אז איך זאָל שאַרף פאַראורטיילן די ערשטע פּרוכט פון זשיטלאָווסקיס פעדער״.

דער קלאָר-און שאַרף-דענקענדיקער ש. דובנאָוו מאַכט דערביי א זייער וויכטיקן אויספיר, וואָס מען דאַרף שטאַרק באַטאָנען. ש. דובנאָוו זאָגט: „אָבער ניט געקוקט אויף דעם, האָט דער גורל אונדז געבראַכט כמעט צו איין און דעמזעלביקן; שפּעטער זיינען מיר ביידע דורך פאַרשיידענע וועגן געקומען צו דער פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַלער אידייע״ (ש. דובנאָוו, „קניגא זשיזני״ [בוך פון לעבן״], ריגע, 1934, ב. 1, ז׳ 214).

3

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, אין די „זכרונות פון מיין לעבן״ (ניו-יאָרק, 1940),

שטעלט זיך געגוי אַפּ אויף דער צייט, ווען ער האָט אויסגעוויייטיקט זיין ערשט ווערק, ווי ער האָט זיך מיט דעם ארומגעטראָגן צו פארשיידענע רעדאקטאָרן, צו עלטערע געלערנטע, און ווי ער האָט עס לסוף אליין ארויסגעגעבן אין מאָסקווע. ער גיט איבער וועגן די פארשיידענע רעצענזיעס, וואָס זיין ערשטלינג האָט געבראכט, און ער ווידמעט (אין זיינע זכרונות) א באזונדערן קאפיטל „ש. דובנאָוו און מיין ענטפער״ (באנד 3, זייטן 126-136). ד״ר ח. זשיטלאָווסקי שרייבט: „א לענגערע און שארפע קריטיק איז צום סוף זומער [,וואָסכאָד׳, 1887, בוך 12] דערשינען אין דעם רוסיש-יידישן זשורנאל ,וואָסכאָד׳: אָט די קריטיק איז פאר מיר געווען אן אמתער ,ווייטיק אין הארצן׳. אייגנטלעך, האָב איך אויך פון אָט-דער זייט ניט געטאָרט דערווארטן קיין אויפמונטערונג און קיין הסכמה. איז דאָך דער ,וואָסכאָד׳, לויט זיין טענדענץ און זיין אָרט אויף דעם, אזוי צו זאָגן ,גלאָבוס מונדי אינטעלעקטואַליס׳ געווען כמעט די זעלביקע זאך, וואָס דער ,וויעסטניק יעווראָפּי׳ פאר דער רוסישער וועלט. דער זעלביקער בירגערלעכער ליבעראליזם, דער זעלביקער אסימילאטאָרישער איינשטעל אין דער יידנפראגע... אָבער אויף אזא מין באהאנדלען מיין ערשטע שריפט גראָד פון דער יידישער זייט, האָב איך מיך בשום אופן ניט געריכט... — — — דער קריטיקער פון דעם ,וואָסכאָד׳ האָט קיין איין גוט וואָרט ניט געקענט געפינען פאר מיין ליטערארישן ערשטלינג. אויף גאנצע צען זייטלעך, אויב ניט מער, האָט ער געהאלטן פאר זיין חוב צו ,רייבן מיר די זייטן׳ — און נאָך ווי רייבן! וואָס א ציטאט פון דער שריפט, — א האָגל פון שארף-קריטישע שמיץ!... — — דער ,קאנטשיק׳ האָט געארבעט אָן אן אויפהער פון דעם ערשטן בלעטל ביז צום לעצטן״ (ז״ז 124-125).

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי זעצט-פאָר: „דער מחבר פון דער קריטיק האָט זיך אונטערגעשריבן מיט דעם נאָמען ,קריטיקוס׳...״ ח. זשיטלאָווסקי האָט דאן ניט געוואוסט, ווער „עס האָט געשטעקט הינטער דעם פסיידאָנים״... ערשט אין א יאָר ארום, אין דער שווייץ, האָט ער זיך דערוואוסט, אז „קריטיקוס״ איז ש. דובנאָוו. און דערוואוסט האָט ער זיך פון ד״ר ה. זייטשיק, א פריוואט-דאָצענט אין דעם אוניווערסיטעט, א פלימעניק פון ש. דובנאָוו, וועלכער האָט זייענדיק אין ווארשע, צוזאמען מיט ש. דובנאָוון, געלייענט דאָס בוך פון ח. זשיטלאָווסקי „מיסלי״, און „אויף זיי ביידן האָט די שריפט געמאכט דעם איינדרוק, „אז זי האָט א שטארקע, ניט קיין גאנץ קלאָר ארויסגעבראכטע נייגונג צו דעם רעליגיעזן קריסטנטום״. ח. זשיטלאָווסקי גיט צו: „עס וואָלט זיי באמת געווען גרינג צו פארשטיין, אז די פאָר גלייענדיקע ווערטער פון מיין הויכער אכטונג צו ישו הנוצרי, וואָס זיינען פארבליבן אין דער שריפט, האָבן גאָרניט צו טאָן מיט דער רעליגיעזער זייט פון זיין תורה. איך האָב מיך אינטערעסירט מיט דער סאָציאַלער און נאציאָנאַלער זייט אירער. פון קיין וואָרט אין מיין שריפט וואָלט מען ניט געקענט ארויספשטלען דעם חשד, אז פאר מיר איז קריסטנטום א רעליגיעזע פראָבלעם, וואָס קען האָבן א וועלכן עס איז באדייט פאר אונדזער איצטיקן לעבן״ (ז׳ 127).

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי פאַרענטפערט ש. דובנאָוון און זיין אַמאָליקע שאַרפע קריטיק דערמיט, וואָס „דובנאָוו האָט געוואוסט, אַז צווישן דער יידישער יוגנט האָבן זיך באוויזן אַזעלכע ריין רעליגיעז-קריסטלעכדיקע שטימונגען, אפשר נאָך אונטערגעוואַרעמטע מיט דער האָפענונג, אַז ווען זיי וועלן זיך אָפזאָגן פון דער הערשנדיקער יידישער רעליגיע, גרינדן אַ מין יידיש-קריסטלעכדיקע סעקטע, וועט זי די רוסישע געזעצגעבונג אַרויסנעמען פון דעם כלל „יידנשאַפט״ און געבן אַלע אירע אָנהענגער די זעלביקע בירגערלעכע גלייכבארעכטיקונג, וואָס די קאַראַאימער האָבן געהאַט, ניט פאַרלאַנגענדיק דערביי קיין שמד-פּראָצעדור. אָט דער אויסבליק, האָט דובנאָוו חושד געווען, האָט געשטעקט אויך הינטער דער „דוכאָוונאָ-ביבלייסקאַיע בראַטסטוואָ״ (אַן אָרגאַניזאַציע, געגרינדעט פון יעקב גאָרדין ז״ל) און הינטער פּאָרטוגאַלאָווס בראַשור: „באַצייכענענדיקע באַוועגונגען ביי דער יידנשאַפט״. אָט-די קריסטלעכע שטימונגען ביי אַ טייל יידישער יוגנט פון יענער צייט האָט דובנאָוו אויסגעטייטשט ניט אַנדערש, ווי אַ פאַררעטערישן פאַרלאַנג, צו אַנטלויפן פון דעם אייגענעם פאַרפאַלגטן לאַגער. מיין שריפט האָבן ביידע — אי זייטשיק אי דובנאָוו — באַטראַכט ווי אַ געוויסע דערקלערונג, וואָס שטאַמט פון דעם זעלביקן אידייען-קרייז... — — — דערפון די שאַרפסטע אכזריות, מיט וועלכע דובנאָוו האָט געריסן פּאַסנוויז די ,מיסלי׳...״

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי גיט צו, אַז „אין דובנאָווס זכרונות וועגן יענער צייט געפינט זיך אַן אַנדער דערקלערונג: דובנאָוו האָט אין יענער קריטיק געשמיסן אומברחמנותדיק ניט נאָר מיך, נאָר אויך זיך אַליין. אויך ער האָט פריער איבער-געלעבט אַ פאַרפרעמדונג פון דער יידישער וועלט, אַ האַרבע טענה צו איר, פאַרוואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין די וועגן פון דעם פריידענקער אוריאל אַקאָסטאַ. אין מיר האָט ער געזען דעם זעלביקן ראָמאַנטיש-יוגנטלעכן פּראָטעסט אַנטקעגן דער יידנשאַפט, פאַרוואָס זי האָט ניט געוואָלט גיין אין די וועגן פון די איסיים... האָט דעם רבינס קאַנטשיק אויף מיר געפּאַסעוועט אָט-די [אייגענע] ראָמאַנטיש-יוגנטלעכע שווערמעריי...״ (ז׳ 128).

## 4

אויב אין 1887 האָט ש. דובנאָוו שאַרף קריטיקירט ח. זשיטלאָווסקין, איז מיט אַ צוואַנציק יאָר שפּעטער ד״ר ח. זשיטלאָווסקי זייער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן שמעון דובנאָוון, ווען ס׳איז דערשינען אין 1907 זיין בוך (אין רוסישן) „פּיסמאַ אָ סטאַראָם אי נאָוואָם יעווריעיסטווע״ (1897-1907), — „בריוו וועגן דעם אַלטן און נייעם יידנטום״ (378 זייטן), וואָס האָט דעמאָלט אַרויסגערופן גרויס פאַר-אינטערעסירונג ביי דער יידיש-רוסישער אינטעליגענץ.

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט אָפּגעדרוקט אין דעם רוסישן זאַמלבוך „סערפּ״, וואָס די י. ס.-אָווצעס („סיימאָווצעס״) האָבן אַרויסגעגעבן, „אַ קריטישע נאָטיץ״, אייגנטלעך, אַ לענגערן אַרטיקל (ב. 2, 1908, ז״ז 300-310). דער אַרטיקל איז דורך זשיטלאָווסקין שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש, ער איז אַריין אין 7-טן באַנד פון זיינע „געזאַמלטע שריפטן״, ניו-יאָרק, 1917, וואו ער רופט

אים אָן „הערין דובנאָווס ,גייסטיקער׳ נאַציאָנאַליזם״ (ז״ז 211-238, — דער אַרטיקל איז איבערגעדרוקט אין בוך „ייד און וועלט״, „איקוף-פאַרלאַג״, 1945, ז״ז 45-66).

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי גיט איבער אין הויפּט-שטריכן די גרונט-געדאַנקען פון ש. דובנאָווס קוק אויפן יידנטום און זיין אויפפאַסונג פון דעם יידן-פּראָבלעם, און ער פרעגט אָפּ אייניקע הויפּט-פּונקטן און מיינונגען פון ש. דובנאָווס סאָציאַל-פּאָליטישן און קולטור-איינשטעל. ברענגענדיק אייניקע אויסצוגן פון דובנאָווס וועלט-באַנעם, זאָגט זשיטלאָווסקי, אַז „ש. דובנאָווס געדאַנק קען מען פאָרמולירן אויף אַזאַ׳ן אופן: „דאָס יידישע פאָלק, — דאָס איז אַ נאַציע, וואָס אַרבעט אויס יודאאיזם. אין דעריבער ליגט דער זין און די באַרעכטיקונג פון איר אויטאָנאָמישן לעבן, פון איר קאַמף פאַר אַ באַזונדערער נאַציאָנאַלער עקזיס-טענץ׳... און ווייטער: „דובנאָוו איז טיף איבערצייגט, אַז דער גלות ווערט קיינמאָל ניט פאַרשווינדן״... „פיל אויפמערקזאַמקייט שענקט ער דער רעהאַבילי-טירונג פון דעם גלות. און אייגנטלעך קען דאָס אַנדערש ניט זיין פאַר איינעם, וואָס רעכנט דעם ,גייסטיקן טיפּ פון נאַציאָנאַליטעט׳ העכער פאַרן ,טעריטאָ-ריעלן׳...״

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט טענות צו ש. דובנאָוון, וואָס זיין „גייסטיק-קולטורעלער נאַציאָנאַליזם זאָגט זיך אָפּ אַריינצוטראָגן וועלכע עס איז נייע ענטפערס אויף דעם פעלד פון דעם סאָציאַל-עקאָנאָמישן לעבן פון דעם יידישן פאָלק״. און נאָך: „צעזייט איבער פאַרשיידענע לענדער אין גלות, אָן אַן אייגענעם באָדן אונטער די פיס, דאַרף דאָס יידישע פאָלק זיך נאַטירלעך אָפּזאָגן פון אַ וועלכער עס איז זעלבסשטענדיקייט אין די וויכטיקסטע לעבנס-פראַגן: אין דעם ענין פון די סאָציאַל-עקאָנאָמישע פּראָבלעמען״.

אין יענער צייט איז ד״ר ח. זשיטלאָווסקי געווען געניגט צו דער טעריטאָר-יעלער פאַרענטפערונג פון דער יידן-פראַגע. ער פאַרטיידיקט אין זיין קריטיק-אַרטיקל פון ש. דובנאָווס „גייסטיקן נאַציאָנאַליזם״, דעם צוגאַנג צו דער יידן-פראַגע, אַז „עס איז אוממעגלעך צו האָבן אַ פרייע קולטורעלע אומאָפּהענגיקייט דאָרטן, וואו עס איז ניטאָ קיין באָדן פון אייגן לאַנד אונטער די פיס. אַלע צווייגן פון דער מענטשלעכער קולטור זיינען צונויפגעוואַקסן אינאיינעם, און די הויפּט-ראָלע אין זיי שפּילן די סאָציאַל-פּאָליטישע און די עקאָנאָמישע באַציאונגען״. „כדי צו האָבן, — זאָגט ד״ר זשיטלאָווסקי, — אַ זעלבסשטענדיקן קולטורעלן לעבן בכלל, מוז מען דעריבער פריער האָבן די מעגלעכקייט זעלבסשטענדיק איינצואָרדענען דאָס עקאָנאָמישע און דאָס סאָציאַל-פּאָליטישע לעבן פון דעם פאָלק. אָבער דאָס איז אוממעגלעך דורכצופירן אָן אַן אייגענעם לאַנד, ד. ה. אָן אַ טעריטאָריע מיט אַ האָמאָגענער יידישער באַפעלקערונג, פאַרבונדן מיט דעם רעכט איינצואָרדענען די יסודות פון דעם עקאָנאָמישן לעבן אַזוי ווי דאָס שטימט צונויף מיט דעם ווילן פון דער מאַיאָריטעט״.

אָפּפרעגנדיק ש. דובנאָווס „גייסטיקן נאַציאָנאַליזם״, געפינט ד״ר זשיטלאָווסקי (אין 1908), אַז אין זיין „גאַנצער לערע זיינען נאָר דאָ צוויי עלעמענטן וואָס

זיינען טיף ריכטיק און לעבנסקרעפטיק. איינער פון זיי איז דער קאמף אנטקעגן דער אסימילאציע, וואָס אים האָט דער מחבר געווידמעט א סך בלעטער, פיל איידעלן שכל און פון גרונט אמתן הייסן געפיל. דער צווייטער עלעמענט איז די פאָדערונג פון דער יידישער נאציאָנאַלער ווידערבאַלעבונג אין אלע גלות-לענדער אויף די יסודות פון נאציאָנאַלער-רעכטלעכער אויטאָנאָמיע"...

ד"ר זשיטלאָווסקי זאָגט לסוף, אז „ש. דובנאָוו איז אמאָל געווען א קאָסמאָפּאָליט און ממילא — אן אסימילאטאָר... איצטער זיינען די בעסטע בלעטער פון זיין ווערק געווידמעט דעם קאמף אנטקעגן קאָסמאָפּאָליטיזם און אסימילאציע... הייסט עס, אז ער געהערט צו יענע מענטשן, וואָס ווערן ניט איין מאָל פאר אלע מאָל פארגליווערט אין א וועלכער עס איז דאָגמע. לאָמיר דעריבער האָפן, אז אויך דער ,גייסטיקער' נאציאָנאַליזם איז ניט די לעצטע סטאנציע אין ש. דובנאָווס אנטוויקלונג..." און עס איז, ווי זשיטלאָווסקי וואָלט אויך זיך גופא געהאט איבזיבנען מיט די האָפענונגס-רייד... דאָן, ווי געזאָגט, האָט זשיטלאָווסקי געזען דעם אויסוועג בעיקר אין א טעריטאָריע, און ער פארענדיקט זיין ארטיקל: „מען קען זיין זיכער, אז אויב די קראפט פון זיין קריטישן געדאנק וועט זיין אקוראט אזוי שטארק, ווי טיף עס איז זיין נאציאָנאַלער געפיל, ווי אויפריכטיק עס איז זיין צער איבער דער לאגע פון אונדזער פאָלק, וועט ער פריער אָדער שפּעטער אוועקגעבן זיינע אויסעראָרדנטלעכע פייאיקייטן, כדי צו דינען ניט דעם נאציאָנאַלן ווילן צו לעבן איבערן אָפּגרונט, נאָר דעם נאציאָנאַלן ווילן צו א נאָרמאַלן מענטשלעכן לעבן אין אן אייגענעם לאנד".

אויף אָט-דער שטרענגער קריטיק פון ד"ר ח. זשיטלאָווסקי האָט ש. דובנאָוו ניט געענטפערט.

אינעם צווייטן באנד פון זיין „בוך פון לעבן" (רוסיש) רעדט ש. דובנאָוו וועגן יאָר 1908, און ער זאָגט: „עס האָט מיך אין יענער צייט לחלוטין ניט געצויגן צו קיין פובליציסטיק. איך האָב ניט רעאגירט אויף די פּאָלעמישע ארטיקלען וועגן מיינע ,בריוו וועגן דעם אלטן און נייעם יידנטום', וואָס האָבן זיך באוויזן אין [העברעאישן זשורנאל] „השלח" [אונטער דער רעדאקציע פון גלות-פארלייקענער ד"ר יוסף קלויזנער], און אויך ניט אויפן גרויסן ארטיקל פון ד"ר ח. זשיטלאָווסקי אינעם זאמלבוך פון די ,סיימיסטן' [,סערפּ']. אין אָט-דעם ארטיקל האָט מיך געוואונדערט דער פּאָלעמישער טאָן פונעם קריטיקער, וואָס ניט געקוקט אויף דער קרובהשאפט פון אונדזערע וועלט-אנשויאונגען, האָט זיך באמיט אָפּצוגרענעצן זיך פון מיין אויטאָנאָמיזם-סיסטעם" (ב. 2, ז' 87).

מיר אונטערשטרייכן די ווערטער פון ש. דובנאָוו: „קרובהשאפט פון אונדזערע וועלט-אנשויאונגען".

5

די יאָרן גייען. שמעון דובנאָוו האָט געלעבט אין פּעטערבורג, ווילנע, אָדעס, בערלין, און ד"ר חיים זשיטלאָווסקי אין אמעריקע. עס קומען פאָר אין דער וועלט בכלל און אין דער יידישער וועלט בפרט אויסטערלישע געשעענישן, וואָס בייטן דעם אויסזען און געשיכטלעכן גאנג פונעם יידישן פאָלק. ש. דובנאָוו

זעצט-פאַר זיין קאַפּיטאַל-געשיכטלעך ווערק, ד״ר ח. זשיטלאָווסקי מאַכט פאַר-שיידענע גייסטיקע אידעאָלאָגישע איבערוואַנדלונגען. ש. דובנאָוס אָנזען וואַקסט אין זיין ספּערע, און ד״ר ח. זשיטלאָווסקיס — אין זיינע פאַרשיידנערליי קרייזן. עס דערנעענטערט זיך דער 60טער געבוירנטאָג פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, און זיינע פאַרערער פּלאַנירן אַרויסצוגעבן אַ זאַמלבוך לכבוד אים. מען ווענדט זיך אויך צו שמעון דובנאָוו (וועלכער וואוינט דאַן אין דייטשלאַנד), ער זאָל זיך באַטייליקן אין דעם ח. זשיטלאָווסקי-זאַמלבוך.

אין זיין טאָגבוך פונעם 21-טן יולי, 1927, פאַרצייכנט ש. דובנאָוו (אין רוסיש) פאָלגנדיקע שורות: „...מען דאַרף אָנשרייבן אַ נאָטיץ וועגן זשיטלאָווסקין פאַר דעם יובל-זאַמלבוך... איך האָב אַדורכגעקוקט דריי בענד פון זיין פּובּ-ליציסטיק, און איך האָב זיך פיל דערוואוסט וועגן זיין ,אויטאָנאָמיזם׳, איך האָב פאַרשטאַנען די סיבות פון זיין פּאָלעמיק מיט מיר אין 1907, די סוביעקטיווע און אָביעקטיווע. איך וועל אָנווענדן אַלע באַמיאונגען צו זיין אָביעקטיוו, אָפּשאַצן ווי געהעריק זיינע פאַרדינסטן און באַזיגן דעם אומאַנגענעמען געפיל פון זיין [אַמאָליקן] פּאָלעמישן צוגאַנג...״

פון דער געפּלאַנטער נאָטיץ (אין רוסישן — „זאַמעטקאַ״) איז אויסגעוואַקסן אַן אינטערעסאַנטער (אין יידיש) אַרטיקל, וואָס איז געווען פאַרעפנטלעכט אין דעם „זשיטלאָווסקי-זאַמלבוך״, אַרויסגעגעבן אין וואַרשע, אין 1929 (480 ז״ז).

אין דעם אַרטיקל האָבן מיר וויכטיקע פּרטים וועגן דער באַציאונג פון ש. דובנאָוו צו ד״ר זשיטלאָווסקין. ש. דובנאָוו הייבט אָן זיין אַרטיקל: „אין מיינע ,בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום׳ [1897-1907] און שפּעטער אין לעצטן באַנד פון מיין ,נייסטער געשיכטע׳ [געשריבן אין דער מלחמה-צייט] האָב איך ניט דערמאָנט זשיטלאָווסקיס נאָמען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן פאַרבונדן די סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע מיט דעם יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק. די סיבה איז געווען גאָר אַ פּשוטע: אין רוסלאַנד זיינען אונדז אין יענער צייט כמעט ניט געווען באַקאַנט זשיטלאָווסקיס פּובליציסטישע ווערק, וואָס האָבן זיך געדרוקט מייסטנס אין אויסלאַנד אין אומלעגאַלע רוסישע אויסגאַבן, און ערשט אין דער מלחמה-און רעוואָלוציע-צייט זיינען זיי אַרויס אין ניו-יאָרק אין זיינע ,געזאַמלטע שריפטן׳. [באַנד 5, 6, 7, געדרוקט 1917]״.

ש. דובנאָוו זאָגט ווייטער: „פון די יונגע יאָרן געדענק איך דאָס ערשטע רוסישע ביכל זשיטלאָווסקיס: ,געדאַנקען וועגן דעם היסטאָרישן גורל פון יידנטום׳ [1887]. איך בין דעמאָלט געווען ,קריטיקוס׳ אין דער מאָנאַטשריפט ,וואָסכאָד׳, און האָב דאָס ביכל רעצענזירט. די רעצענזיע איז געווען ניט גינסטיק. פונעם ביכל האָט אַרויסגעקוקט אַ גאָר ,גרינער׳ שרייבער מיט ניט קלאָרע געדאַנקען וועגן די גרויסע פראַגן, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרענטפערן: געשיכט-פילאָזאָפיע, עקאָנאָמישע רעפאָרמען אינעם יידישן לעבן. עפּעס איז דאָרטן געווען וועגן דער אַלטער סעקטע איסיים — דער שטרענג-קאָנסערוואַטיווער רעליגיעזער קאָמונע, וואָס דער יונגער סאָציאַליסט האָט אַרויסגעשטעלט אַלס רעוואָלוציאָנערן

מוסטער פארן יידישן ,הענדלער-פאָלק׳. ס׳איז קענטיק געוועז, אז דער יונגערמאַן זוכט א וועג פאר זיינע רעוואָלוציאָנערע געדאנקען און האָט אים נאָך ניט געפונען״...

און ש. דובנאָוו שרייבט ווייטער אין זיין ארטיקל: „...ערשט איצט, זיצנדיק אין די טהירינגישע וועלדער אויף א קורצן זומער-אָפרו, לייען איך די דריי פובליציסטישע בענד פון זשיטלאָווסקיס ,געזאמלטע שריפטן׳... ערשט איצט הייב איך אָן צו פארשטיין זיין אייגנארטיקע נאציאָנאלע אידעאָלאָגיע אין איר דרייסיק-יעריקער אנטוויקלונג, און קען זאָגן א פּאָר ווערטער וועגן איר באציאונג צו אונדזער אויטאָנאָמיזם״.

„איך לייען איצט, — שרייבט ש. דובנאָוו, — אויפמערקזאם די ערשטע אויסלענדישע בראָשור זשיטלאָווסקיס, ,א ייד צו יידן׳, וואס איז אין יאָר 1892 ארויסגעגעבן אין רוסיש דורך דעם לאָנדאָנער ,פאָנד פון דער פרייער רוסישער פרעסע׳ [יידיש — אין ,געזאמלטע שריפטן׳, באנד 6, ז״ז 13-55]... — — — — מיט פרייד דעק איך אויף דעם ערשטן סאָציאליסטישן פּראָטעסט קעגן אסי-מילאציע, קעגן דעם ארייננדרינגען פון דער עמאנסיפירטער אָדער פאר עמאנסי-פאציע קעמפנדער יידישער אינטעליגענץ אין פרעמדע נאציעס. רעדנדיק וועגן די מיליאָנען רוסישע יידן, זאָגט דער מחבר, אז זיי זיינען ניט פיר פּראָצענט פון דעם ארומיקן פאָלק, נאָר ,הונדערט פּראָצענט פון זיך אליין׳ [ז׳ 48], דאָס הייסט, א פאָלק פאר זיך. ער מוסרט די יידישע רעוואָלוציאָנערן פאר זייער אינדיפערענטיזם צום אייגענעם פאָלק און רופט זיי צו „ווידערבאלעבונג פון דעם יידישן פאָלק אויף די יסודות פון ערד-ארבעט אין רוסלאנד״ (ז׳ 53).

און ציטירנדיק נאָך פון ד״ר זשיטלאָווסקיס ערשטער בראָשור, זאָגט ש. דובנאָוו, אז „דאס איז א פארטייאיש סאָציאל-עקאָנאָמישער פּראָגראם, אָבער נאָך ניט א פּאָזיטיווער ריין-נאציאָנאלער פּראָגראם פארן גאנצן פאָלק. עס פעלן נאָך די קאָנקרעטע פאָרמען פון דער יידישער „נאציאָנאלער גלייכבארעכטיקונג״. צו דעם לעצטן פּרינציפּ איז זשיטלאָווסקי ערשט צוגעגאנגען נאָך דעם קריטישן יאָר 1897, וואס האָט געשפּילט אזא גרויסע ראָלע אין אונדזער נאציאָנאלער באווע-גונג בכלל (פּאָליטישער ציוניזם, קולטור-נאציאָנאליזם, „בונד״). אין דעם זעלבן יאָר גיט ד״ר זשיטלאָווסקי די ערשטע נאָך ניט דייטלעכע, באגרינדונג פון זיין שפּראך-נאציאָנאליזם, שפּעטער „יידישיזם״ („פאר וואס דווקא יידיש?״ — געדרוקט אין „פאָרווערטס״ אין יאָר 1900; „געזאמלטע שריפטן״, ב. 5, ז״ז 31-43). אין א יאָר ארום שטעלט ער די נאציאָנאלע פראגע ברייטער: ער פאָדערט פאר דעם יידישן פאָלק ניט נאָר בירגערלעכע רעכט, נאָר אויך „נאציאָנאלע גלייכע רעכט מיט אלע פעלקער״. די דאָזיקע וויכטיקע פאָרמול איז ארויס-געשטעלט אין זשיטלאָווסקיס ארטיקל „ציוניזם אָדער סאָציאליזם״, וואס איז געדרוקט אין דעם בונדיסטישן „אידישן ארבייטער״ פונעם יאָר 1898, (נ׳ 6) אונטערן פּסיידאָנים בן-אהוד און אין א באזונדערער בראָשור („געזאמלטע שריפטן״, ב. 5, ז״ז 47-76). דער „בונד״ האָט, ווי באקאנט, אין יענער צייט נאָך

ניט געשאפן זיין נאציאָנאלן פּראָגראם (ער האָט ערשט אויף זיין פּערטן צו-זאמענפאָר, 1901, אָנגענומען די פּאַרקירצטע „נאציאָנאל-קולטורעלע אויטאָ-נאָמיע") . . .

„און דעריבער, — פירט אויס ש. דובנאָוו, — איז כראָנאָלאָגיש ניט ריכטיק זשיטלאָווסקיס פראזע (דאָרט, ז' 51) : „אָנשטאָט נאָר בירגערלעכע גלייכע רעכט, וואָס די בורזשואזיע האָט אויך געפאָדערט, האָבן די יידישע סאָציאַליסטן אויפ-געשריבן אויף זייער פאָן נאציאָנאַלע גלייכע רעכט מיט אלע פעלקער". נאָר איין-איינציקער יידישער סאָציאַליסט האָט אויפגעשריבן אויף זיין פאָן — זשיטלאָווסקי אליין. און געמאכט האָט ער דאָס ניט צום אונטערשייד פון דער „בורזשואזיע", נאָר אין איין צייט מיט איר. נאָך אין יאנואר-בוך 1898 פון „וואָסכאָד" איז געווען געדרוקט מיין צווייטער בריוו וועגן „אלטן און נייעם יידנטום" (כאָטש איך פּערזענלעך האָב קיינמאָל ניט גערעדט אין נאָמען פון דער „בורזשואזיע"), וואו די פאָדערונג: „חוץ בירגערלעכע און פאָליטישע, אויך נאציאָנאלע רעכט" — איז קלאָר ארויסגעשטעלט געוואָרן און שפּעטער קאָנ-קרעטיזירט אין דעם פּראָגראם פון אויטאָנאָמיזם"..." „און ווי די זאך איז געווען, אָבער פעסטשטעלן מוזן מיר: אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז זשיטלאָווסקי געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהייבן קעמפן קעגן אסימילאציע און פאַר „נאציאָנאלע רעכט'..."

ש. דובנאָוו דערמאָנט נאָך ארטיקלען פון ד"ר ח. זשיטלאָווסקי, געשריבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן (ביז 1917) און ער האָט טענות צו אים, אז „דער אויטאָנאָמיסטישער עלעמענט איז דאָ פאַרקירצט ביז צום לעצטן גראַד. ס'ווערט ניט דערמאָנט קיין קהילות, שול און בכלל — קולטור-אויטאָנאָמיע, און אפילו דאָס וואָרט „אויטאָנאָמיע" קומט ניט פאָר... די „יידישע שפּראך" איז דאָ דאָס איינציקע נאציאָנאלע קולטור-ווערט, וואָס אונדזער פאָלק האָט ארויסגעטראָגן פון זיין געשיכטע און וואָס קען אים פארהיטן אויף להבא..."

ש. דובנאָוו באטאָנט דעם אונטערשייד צווישן זיין קוק און איינשטעל אויף דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע און ד"ר זשיטלאָווסקיס: „...אָבער דאָס [די יידישע שפּראך] איז דאָך נאָר א ירושה פון עטלעכע הונדערט יאָר. און וואָס מאכט מען מיט אונדזער ירושה פון טויזנטער יאָרן? לערך א דריטל פון יידישן פאָלק רעדט ניט יידיש ביים היינטיקן טאָג און אין א פּאָר דורות ארום קען נאָך א דריטל אָפּפאלן פון דער פאָלקס-שפּראך [באזונדערס אין אמעריקע] — דארפן מיר זיי מפקיר זיין אויף פולשטענדיקער אסימילאציע?"

דער היסטאָריקער ש. דובנאָוו פרעגט אָפּ ד"ר ח. זשיטלאָווסקיס וועלט-אָנשויאונג, וועלכער באזירט זיין גאַרע זיכערקייט אויף דער שפּראך: „די געשיכטע באווייזט אונדז, אז ווען דאָס יידישע פאָלק וואָלט זיך געהאלטן נאָר אויף דעם שפּראך-פונדאמענט, וואָלט פון אים שוין לאַנג קיין זכר ניט געבליבן, ווארום אפילו אינעם אלטן ארץ-ישראל און אין די מזרח-לענדער האָט דאָס פאָלק ניט אויסגעהאלטן קעגן דער שפּראך-אסימילאציע ניט נאָר אין לעבן, נאָר אפילו אין א גרויסער טייל פון ליטעראטור"... „די צוקונפט פון א פאָלק, — זאָגט ש.

דובנאָוו און חזרט עס איין מיט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, — קען מען בויען אויף אַלע יסודות פון זיין קולטור-אויטאָנאָמיע און ניט נאָר אויף איינעם, וואָס האָט אויסגעהאַלטן עטלעכע הונדערט יאָר און אין א פּאָר הונדערט יאָר ארום קען ער פאַרלירן זיין אויפהאַלטנדיקע קראַפט. יידיש איז אונדז טייער און מיר מוזן דאָס באַנוצן ווי א פאַראייניקנדיקע קראַפט פאַר דער גרעסערער העלפט פון אונדזער פאָלק אין די נאָענטסטע דורות. אָבער בויען אויפן ,יידישיזם׳ די גאַנצע נאַציאָנאַלע קולטור — הייסט דאָס מפקיר זיין תיכף מיליאָנען יידן, וואָס רעדן ניט אין דער שפּראַך, און גרייטן צום באַנקראָט שפּעטער נאָך מיליאָנען״.

ער ווייזט אָן ד״ר זשיטלאָווסקין, אז „עס פעלט דער אויטאָנאָמיזם אין זיין גאַנצן אויסגאַנג: די מלוכה-אַרטיקע אָרגאַניזאַציע פון די נאַציאָנאַלע יידישע קהילות אויף דער גאַנצער וועלט און די וועלט-אָרגאַניזאַציע פון דעם היסטאָריש-אינטערנאַציאָנאַלן פאָלק. עס ווילט זיך ניט גלויבן, אז זשיטלאָווסקי האָט זיך מייאש געווען פון דעם גאַנצן אויטאָנאָמיזם און אז דאָ שטעקט זיין ,ביטערער אמת׳, וואָס נויט אים פאַרענדיקן זיין לעצטן פּראָגראַם מיט דעם פּונקט: ,אָן אייגן לאַנד!!׳ [מיט צוויי אויסרוף-צייכנס]!...״

ש. דובנאָוו פאַרענדיקט זיין יובל-אַרטיקל לכבוד ד״ר ח. זשיטלאָווסקין: „מיר וואַרטן אויף אַן ענטפער. מיר ווילן גלויבן, אז דער, וואָס האָט אין די פינצטערסטע יאָרן פון אַסימילאַציע ארויסגעשטעלט אונדזער נאַציאָנאַלע פאָן, וועט זי ברייטער פאַנאַנדערוויקלען נאָך דעם זיג פון דעם גרויסן וועלט-פּרינציפּ: ,רעכט פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן׳.״

אזוי טרעפן זיך יעדעס מאָל, אין פאַרשיידענע צייטן, די צוויי וויכטיקע דענקער, די געשיכטס-פילאָזאָפן ש. דובנאָוו און ד״ר ח. זשיטלאָווסקי. זיי באַגעגענען זיך אויף שיידוועגן און אויף קרייצוועגן, און באַמיען זיך יעדער איינער אויף זיין אופן צו זוכן דערגאַנצונג אין דעם אידייען-גאַנג פונעם אַנדערן. יעדער איינער וואָלט א בעלן געווען ארויספירן דעם צווייטן אויפן דרך הישר, אויספילן די בלויזן, און פאַרשטאַרקן די שוואַכע פּונקטן פון זיין קעגנער.

6

ווען מיר באַטראַכטן גענויער די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון שמעון דובנאָוו און ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, ווען מיר לייענען די אַרטיקלען, וואָס איינער האָט געשריבן וועגן דעם צווייטן אין פאַרשיידענע צייטן, און מיר הערן די טענות, וואָס איינער האָט געהאַט צום אַנדערן, ווען אין אמתן איז געווען צווישן זיי אַן אידייאישע נאָענטקייט און אידעאָלאָגישע קרובהשאַפט, קומט מען צום אויספיר אז אָפטמאָל באַשטרייטן און באַקעמפן זיי אין דער אמתן אויך אייגענע בלויזן, אייגענע שוואַכקייטן און וויניק-באַגרינדעטע מיינונגען און אויספירן.

ווי באַקאַנט, האָט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי געמאַכט אין זיין פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכן לעבן פאַרשיידענע איבערוואַנדלונגען. ער האָט דערנאָך איי-פּעריק און ליידנשאַפטלעך באַקעמפט זיין אייגענעם איינשטעל אין די עיקר-פּראָבלעמען פונעם יידישן פאָלק.

פון גרויס באַדײַטונג איז ד״ר ח. זשיטלאָווסקיס לענגערע סעריע אַרטיקלען אונטערן נאָמען „מאָדערנע יידישע פּראָבלעמען״, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין „צוקונפט״, אין 1932, וואו ער גיט אַ גרינטלעכע באַלויכטונג פון די אידייאישע גערענגלעניש אין דער יידישער וועלט און ער ברענגט אַרויס אויף זיין אייגנ-אַרטיקן אופן דעם געדאַנקען-גאַנג פון די וויכטיקסטע יידישע דענקער-קעמפער, סאָציאַל-פּאָליטישע פירער, ווי זיי האָבן אין משך פון אַ הונדערט און פופציק יאָר געזוכט וועגן ווי צו לייזן די הארבסטע פּראָבלעמען פונעם יידישן פאָלק. די וויכטיקע ד״ר זשיטלאָווסקי-אַרבעט באַשטייט פון פיר הויפּט-טיילן: רעליגיע אָדער נאַציע?; אַ רעליגיעזע נאַציע אָדער אַ וועלטלעכע?: אַן אייגן לאַנד, גלות-נאַציאָנאַליזם אָדער אַ „קולטור-צענטער?״; ציוניזם אָדער טעריטאָריאַ-ליזם? ד״ר ח. זשיטלאָווסקי גיט אַן אינטערעסאַנטן קווער-שניט, ווי ער זאָגט: „אַזאַ אַלגעמיינעם איבערבליק״ — „...מיר וועלן פּרוּוון אָנמערקן זייער היסטאָרישן אויפקום, אויפדעקן זייער אינעווייניקסטן לאָגישן צונויפבונד, אָנווייזן אויף וועלכן אופן זיי ווערן, — אַזוי אָדער אַנדערש, — פאַרענטפערט אין דעםווירקלעכן לעבן...״

אין די לעצטע צוויי צייטלעך פון דער אַרבעט, קומט ד״ר זשיטלאָווסקי צו דעם, אַז „אַרום יענער צייט — אין 1897 — איז שוין אין די וויכטיקסטע פונקטן פּאַרטיק געוואָרן דער ,חשבון׳ צווישן דעם סאָציאַליזם און דער נאַציאָנאַלער פראַגע״. ער ברענגט אַן אויסצוג פון זיינער אַן אַרבעט, וואו עס ווערט געזאָגט: „עס ליגט אין דעם אינטערעס פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, אַז עס זאָל אַנטדעקט ווערן די באַרעכטיקונג פון די נאַציאָנאַלע פאָרמען און אַז צו זייער שוץ זאָלן דורכגעפירט ווערן תקנות. גראָד ווייל יעדעס פאָלק שטעלט מיט זיך פאָר אַ קולטור-ספערע, האָט עס דאָס רעכט און די פליכט זיך אַרומצוריגלען מיט אַזעלכע שטאַטלעכע און פעלקער-רעכטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן אים געבן די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אַלע זיינע באַשאַפערישע פאָרמען און אָנצואווענדן זיי אויף דעם אינהאַלט פון דער אַלגעמיין-מענטשלעכער קולטור״ (ד״ר ח. זשיטלאָווסקי — „מיינע אני מאמינס״, ז״ז 243-395).

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי זאָגט ווייטער: „...אַזוי-אַרום איז אין דער ,אומ-לעגאַלער׳ יידיש-סאָציאַליסטישער עפנטלעכקייט לסוף פאַרענטפערט געוואָרן דאָס ערשטע פּראָבלעם פון דעם ,גלות-נאַציאָנאַליזם׳, די פראַגע ,פּריוויליקע פּאַראייניקונגען׳ אָדער ,נאַציאָנאַלע רעכט׳, מיט שטאַטס-רעכטלעכע גאַראַנטיעס און פּראָפּאַגאַטיוון״.

און ד״ר זשיטלאָווסקי זעצט-פאָר: „אין דער זעלבער צייט אָבער, אין 1898, איז אויך אין דעם ,לעגאַלן׳ טייל פון דער יידישער עפנטלעכקייט, אין דער רוסיש-יידישער פּרעסע, פאָרגעקומען אַ קאָלאָסאַלע ענדערונג. איינער פון אירע וויכטיקסטע וואָרט-פירער, שפּעטער דער באַרימטער יידישער היסטאָריקער ש. דובנאָוו, אַ געוועזענער אָנהענגער פון נאָר בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג און אַסימילאַציע, האָט זיך ראַדיקאַל באַפרייט פון זיין פריערדיקן אַסימילאַנטנטום

און האָט אין זיינע „בריוו וועגן אלטן און נייעם יידנטום" מיט גרויס טאלאנט, שוואונג און ליבע צו אונדזער פאָלק, אויפגעהייבן דעם קאמף אנטקעגן אסי-מילאציע און פאר די „נאציאָנאלע רעכט"...״

ד״ר זשיטלאָווסקי באטאָנט: „דובנאָווס פארדינסט פאר דעם ענטפער אויף אונדזער פראָבלעם באשטייט ניט נאָר דערין, וואָס ער האָט זיך געמיט אונ-טערצובויען אונטער אים א סאָלידן, געשיכטס-פילאָזאָפישן פונדאמענט, א באגרינדעטן מיט דער גאנצער געשיכטע פון אונדזער פאָלק [אין זיין באלייכטונג]. דער טעאָרעטישער אונטער-בוי איז ווי יעדע טעאָריע, א זאך פון סוביעקטיוון איינזען און סוביעקטיווער צושטימונג. פאר דעם אלגעמיינעם קאמף איז נאָך וויכטיקער געווען דער פאקט, וואָס דובנאָוו האָט אויסגעארבעט א סיסטעם פון קאָנקרעטע פאָדערונגען, א דעטאלירטן פראָגראם, ווי אזוי צו פארווירקלעכן די יידישע נאציאָנאלע רעכט, — א זאך, וואָס האָט אין די פריערדיקע ארבעטן וועגן דעם ענין לחלוטין געפעלט. אָט דער פראָגראם האָט שפעטער ארויסגערופן דערגאנצונגען און פארבעסערונגען מצד אנדערע קעמפער, און אדאנק אָט-דעם קאָנקרעטן איינשטעל, האָט דער „גלות-נאציאָנאליזם" באקומען זיין יורידישן און פּאָליטישן אויפקלער אין זיין באשטימטער פאָרם, ווי א קאמף פאר א יידישער נאציאָנאלער אויטאָנאָמיע. אין אָט-דעם זין פארדינט ש. דובנאָוו זיכער דעם זייער ערפולן נאָמען: „דער פאָטער פון דעם יידישן אויטאָנאָמיזם"...״ (ז' 395).

7

ווי מיר האָבן געזען, זיינען געווען פיל מער באריר-פונקטן און געמיינזאמע איינשטעלונגען ביי דובנאָוון און זשיטלאָווסקין, ווי מ'האָט זיך בכלל פאָר-געשטעלט, און ווי זיי גופא האָבן וועגן דעם געמיינט. זייער מעגלעך, אז עס זיינען גאָר געווען דירעקטע אָדער אומדירעקטע, השפעות ביי אָט-די צוויי שארפע קעמפער קעגן גלות-פארלייקענונג, ביי אָט-די צוויי טעאָרעטיקער און פריידיקער פון וועלטלעכקייט און אלוועלטלעכקייט פונעם יידישן פאָלק. מען באדארף עס נאָכזוכן, מען דארף ארויסברענגען די קרובהשע מאָמענטן פון די צוויי גרויסע אָריגינעלע יידישע דענקער.

אין זיין בוך „קניגא זשיזני" (באנד 3), וואו ער גיט איבער וועגן זיינע איבערלעבענישן אין יאָר 1926, ברענגט ש. דובנאָוו אן אויסצוג פון זיין טאָג-בוך: „...ווען איך טראכט וועגן מיין לעבן, ווער איך איבערצייגט, אז דער סאמע כאראקטעריסטישער שטריך זיינער איז, וואָס אלע מאָל, פון מיין פריער יוגנט אָן, בין איך געגאנגען מיט מיין אייגענעם וועג, און זיך ניט אָפגעקערט ניט אויף רעכטס, ניט אויף לינקס. איך האָב אלע מאָל אויסגעארבעט פאר זיך א באשטימטן אידעאל אָדער פּלאַן און שטרענג נאָכגעפאָלגט נאָך אים. איך בין אמאָל בא-גאנגען פעלערן, איך האָב זיי שפעטער פארריכט, אָבער ניט אונטער פרעמדן איינפלוס... איך האָב אליין געפורעמט מיין לעבן...״ (ז' 71).

דאָס זעלבע, מיט אנדערע ווערטער, האָט געזאָגט און איבערגעחזרט וועגן זיך ד״ר ח. זשיטלאָווסקי.

וועגן דער נאָענטקייט און בשותפותדיקייט פון זייערע וועלט-אַנשויאונגען רעדט, אגב, ד״ר רפאל מאהלער אין זיין לענגערן ארטיקל וועגן ש. דובנאָוו (אין „ספר שמעון דובנוב״, ירושלים, 1954). ער ווייזט אָן, אז אין אייניקע פונקטן פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע איז ד״ר ח. זשיטלאָווסקי אפילו געווען דער פאָרגייער פון ש. דובנאָוו. און נאָך מער, עס איז ניט אויסגעשלאָסן, מיינט ד״ר מאהלער, אז דובנאָוו איז באאיינפלוסט געוואָרן פון ד״ר זשיטלאָווסקיס ערשטן ביכל, וואָס ער האָט אמאָל אזוי שאַרף פאַראורטיילט. בכלל, מיינט ד״ר מאהלער, אז צווישן זשיטלאָווסקין און דובנאָוו איז געווען פיל מער געמיינזאמס ווי ווידערשפּרעכנדיקס. ביידע זיינען זיי באאיינפלוסט געוואָרן פון די גייסטיקע שטרעמונגען פון אייראָפּע, און באזונדערס פון רוסלאנד אין דער שווערער איבערבראָך-צייט פון די 80-ער יאָרן, מיט דעם אונטערשייד, וואָס זשיטלאָווסקי האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם סאָציאַליסטישן תוך פונעם רוסישן פּאָזיטיוויזם, און דאָס האָט אים געפירט צו סאָציאַליסטישער טעאָריע און טאַט, און דובנאָוו איז בעיקר באווירקט געוואָרן פון די ליבעראַלע כוחות וואָס ער איז זיי געבליבן טריי זיין גאַנץ לעבן. דאָס האָט געבראַכט דערצו, וואָס זייער ווייטערדיקער לעבנס-גאַנג איז געווען פאַרשיידן און אנדערש — איינער, זשיטלאָווסקי, איז געווען פאַרכאַפּט פון זיין אַלץ-וואַקסנדיקן פּאָליטישן טעמפּעראַמענט, און דער צווייטער, דובנאָוו, האָט זיך מער פאַרטיפט אין זיינע ריין-וויסנשאַפטלעכע, פאָרשערישע ארבעטן...

⁂

לאָמיר לסוף ברענגען א בריוו, וואָס שמעון דובנאָוו האָט געשריבן פון ריגע, דעם 18טן מערץ, 1936, (א 50 יאָר נאָך דעם, ווי ער האָט אזוי שאַרף אראָפּגעריסן דעם יונגן פאָרשער זשיטלאָווסקי) צו ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, קיין ניו-יאָרק. ש. דובנאָוו איז דאַן אלט געווען 76 יאָר. ער האָט געלעבט אין ריגע, וואו ער האָט געהאָפט זיך צו ראטעווען פון די דייטש-נאַצישע מערדער.

אָט איז דער פולער טעקסט פון דעם אינטערעסאנטן דובנאָוו-בריוו, וואָס ווערט איצט צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט אינגאַנצן.

„ה׳ ד״ר חיים זשיטלאָווסקי,

זייער געשעצטער פריינד!

איך האָב אייך ביז איצט ניט באדאנקט פאר אייער שיינער מתנה — דעם ערשטן באַנד פון אייערע ,זכרונות׳, ווייל איך האָב אים געוואָלט אינגאַנצן איבערלייענען. ערשט היינט האָב איך דערלייענט ביז צום סוף, און איך מוז אייך זאָגן, אז איך האָב שוין לאַנג אזא תענוג ניט געהאַט. ערשטנס, האָבן מיך זייער אינטערעסירט די פּרטים פון אונדזער אנסקיס לעבן, וואָס איר האָט אזוי לעבעדיק באשריבן. צווייטנס, איז מיר זייער נאָענט די סביבה, אייער וויטעבסקער קרייז, און די גאַנצע תקופה, וואָס איר מאָלט אויס מיט אזעלכע בילדער-פאַרבן, מיט א גוטן פּסיכאָלאָגישן פּירוש.

מיט עטלעכע יאָר פאַר אייך האָב איך דאָך אליין דורכגעמאַכט אזא אנטוויקלונגס-פּראָצעס אין מיין מאָהילעווער גובערניע, מיט דעם אונטערשייד,

וואָס מיך האָבן מער באַוועגט אינדיווידועלע, איידער סאָציאַלע פּראָבלעמען, מער וועלט-שמערץ איידער פאָלקס-שמערץ (די לעצטע מכה האָט מיך שפּעטער אויסגעהיילט פון דער ערשטער).

מיר וואַרטן אויף דעם המשך פון אייערע מעמואַרן, באַזונדערס וועגן אייער אויסלענדישער תקופה, ווייל דאָס לעבן פון אונדזער ראַדיקאַלער יוגנט אין דער עמיגראַציע אין יענע יאָרן איז אונדז ווייניקער באַקאַנט.

אפשר האָט איר געלייענט די קאַפּיטלעך פון מיין ערשטן באַנד מעמואַרן אין ‚צוקונפט‘ און אין ‚טאָג‘ אין די לעצטע עטלעכע יאָר? מיט אַ האַלב יאָר צוריק איז דערשינען דער צווייטער באַנד פון די מעמואַרן אין רוסיש [‚קניגא זשיזני‘] און אויב איר האָט אים ניט געלייענט, וועל איך אייך אים צושיקן, צוזאַמען מיטן ערשטן. ווייזט מיר נאָר אָן אייער ריכטיקן אַדרעס, וואָס איז מיר ניט באַקאַנט. היינטיקן בריוו שיק איך אייך דורך דער רעדאַקציע ‚צוקונפט‘.

נעמט-אָן מיין פאַרשפּעטיקטע ברכה צו אייער 70-יאָריקן יובל. זאָל אייך זיין באַשערט נאָך לאַנגע יאָרן רואיק צו אַרבעטן און פאַרענדיקן די ‚זכרונות‘. מיר דוכט, אַז דאָס בעסטע — ווייל אינטימסטע — ווערק פון יעדן דענקענדן שרייבער מוז זיין דער ‚ספר הזכרונות‘, אויב ער איז געשריבן מיט דער טיפקייט און אויפריכטיקייט פון אַ ווידוי.

אייער מיט פריינדלעכן גרוס,

ש. דובנאָוו.“

אָט אַזוי, אויף אַזאַ האַרציקן אופן, האָבן זיך פאַרענדיקט די באַציאונגען פון די צוויי גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן — ש. דובנאָוו און ד״ר ח. זשיטלאָווסקי. מיר ווייסן ניט, וואָס ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט געענטפערט ש. דובנאָוון אויף אָט-דעם רירנדיקן בריוו.

ש. דובנאָוו איז טראַגיש אומגעבראַכט געוואָרן אין ריגע, דעם 30טן נאָ-וועמבער 1941, און ד״ר ח. זשיטלאָווסקי איז געשטאָרבן אין קאַלגאַרי, דעם 6טן מאַי, 1943.

1960

## ראובן ברײנין און ד״ר חיים זשיטלאָװסקי

1

ראובן ברײנין און ד״ר חיים זשיטלאָװסקי — אין פֿלוג צװײ גאַנץ־אַנדערע פּערזענלעכקײטן, פֿאָרשטײער פֿון צװײ גאָר־באַזונדערע װעלטן, יעדער אײנער פֿון זײ איז זיך געגאַנגען זײַן באַזונדערן װעג, און פֿאַרקערפּערט אין זיך גאָר אַנדערע אידײען און אידעאַלן. און דערצו האָבן זײ דאָך פֿאַרמאָגט פֿאַרשײדנאַרטיקע כאַראַקטערן און אײגנשאַפֿטן. אָבער װי אַנדערש און פֿאַרשײדן זײ זײַנען ניט געװען, האָבן זײ געהאַט אין זײער גאַנג און װאוקס פֿיל נאָענטס און געמײנזאַמס. און סײ דאָס אַנדערשדיקע און סײ דאָס ענלעכע אין זײ איז אינטערעסאַנט און עס העלפֿט פֿיל בײַם ארױסברענגען זײ בײדן און יעדן אײנעם פֿון זײ װאָס־קלאָרער און פֿולער.

לאָמיר פּרואװן ציען פּאַראַלעלן, און מאַכן אַנאַלאָגיעס צװישן זײ, באַטאָנען די אַנדערשקײטן, די חילוקי־דעות אין זײ במשך פֿון פֿיל יאָרן, און אױך געפֿינען דאָס קרובהשע אין זײ.

קודם כל באַדאַרפֿן מיר זײ באַטראַכטן ניט נאָר װי יחידים, װי פּאַראײנצעלטע מענטשן, װאָס האָבן זיך געלעבט און געװאָקסן, זיך אַנטװיקלט, געװען באַװירקט און אױך געװירקט אין פֿאַרשײדענע סביבות און קרײזן און װעלכע האָבן אַדורכגעמאַכט כלערלײ איבערװאַנדלונגען. מיר מוזן יעדן אײנעם פֿון זײ און זײ בײדן אױפֿנעמען װי פּאָרטרעטער פֿון קרײזן און סביבות, לערעס און װעלט־אַנשױאונגען, װאָס האָבן געהערשט און באַװעלטיקט זײערע מיטצײַטלער און דערנאָך זײַנען זײ געװאָרן די אױסגעשפּראָכענע פֿאַרקערפּערער און לסוף — אַדורכפֿירער פֿון אָט־די אידײען.

װען מיר פֿאָלגן־נאָך זײערע זוכענישן, גערانגלענישן און שטרעבונגען, זעען מיר אין זײ אױך די גלגולים, די איבערװאַנדלונגען פֿון געװיסע שיכטן אין זײערע דורות און תקופֿות. און ס׳װערט קלאָר, אַז זײערע אינדיװידועלע בלאָנדזשענישן און געפֿינענישן זײַנען אײגנטלעך און אין תּוך די בלאָנדזשענישן און געפֿינענישן פֿון דער ײדישער אינטעליגענץ פֿון זײערע דורות און פֿון געװיסע צײַט־אָפּשניטן. מיר װעלן זען, אַז װי פֿאַרשײדן עס זײַנען ניט געװען די װעגן־אומװעגן פֿון יעדן אײנעם פֿון זײ, זײַנען דאָך געװען ענלעכע און אפֿילו בשותּפֿות־דיקע פֿאַרמעסטן בײַ זײ. און אװדאי זײַנען אָפּט געװען אײנע און די זעלביקע סיבות און פֿאַקטאָרן, װאָס האָבן געטריבן און געשטױסן זײ אױף אַנדערע װעגן, און זיכער זײַנען אױך געװען די זעלביקע השפּעות פֿון װעלט־אידײען, פֿון װעלט־לערעס אױף זײ בײדן, װאָס יעדער פֿון זײ האָט אַנדערש פֿאַרדײעט און איבערגעשטאַלטיקט.

זײ זײַנען געבױרן געװאָרן כמעט אין אײן צײַט, ראובן ברײנין — אין 1862, און חיים זשיטלאָװסקי — אין 1865, אײנגאַנצן מיט דרײַ יאָר שפּעטער. בײדע זײַנען געבױרן אין ײדישע שטעטלעך, אײנער — אין לאַדי, מאָהילעװער גוב., און דער צװײטער — אין אושאַטש, בײַ װיטעבסק. בײדע — אין ײדישע טראַ־

דיציאָנעלע משפחות, אָבער שוין ניט קיין שטרענג-רעליגיעזע און פאַנאַטישע. אין די ייִנגערע יאָרן האָבן ביידע זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון דער חב״דישער ליבאַוויטשער חסידות, איינגעזאַפּט אין זיך תורה, יידיש וויסן, און מיט דער צייט אויך געווען פאַרבלענדט פון דער השכלה-ליכט. אין די פּריע דער-וואַקסלינג-יאָרן האָבן זיי זיך געפונען, דירעקט און אומדירעקט, אונטער דער געבענטשטער השפּעה פון דער פּאָלקיסטיש-רעוואָלוציאָנערער און ראַדיקאַלער רוסישער ליטעראַטור פון סוף 70ער און אָנהייב 80-ער יאָרן. אַזוי ווי ראובן בריינין האָט ערשט צו זיין 16-טן לעבנס-יאָר אָנגעהייבן שטאַרקער זיך אינ-טערעסירן מיט דער העברעאישער ליטעראַטור און מיט די שאַפונגען פון דער רוסישער, און אויך דייטשישער ליטעראַטור, קומט אויס, אַז כמעט אין איין צייט האָבן זיך פאַר די צוויי יונגעלייט, אין זייערע באַזונדערע וועלטן, געעפנט די טויערן פון דעם וועלט-שאַפן.

אָבער אין דער צייט, וואָס ראובן, דער עלטערער פון די צוויי, איז מער פאַרכאַפּט געווען פון די בעלעטריסטישע ווערק פון טורגעניעוון, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי און פון די קריטיקער, וואָס האָבן זיי באַגלייט אויף זייערע וועגן, איז חיים (דאַן — האָט ער נאָך געהייסן יעפּים) שוין געווען מער אונטער דער השפּעה פון די סאָציאַלע דענקער, פון קאַרל מאַרקס, פערדינאַנד לאַסאַל און פון אַנדערע סאָציאַליסטישע לערער און וועגווייזער.

2

זיי ביידן ווערט ענג אין זייערע היימען און סביבות און זיי נעמען זיך רייסן אין אַנדערע פרייע וועלטן. בריינין פאַרלאָזט, סוף 1879, זיין שטעטל און פאָרט קיין האָרקע, אריינצוטרעטן דאָרטן אין דער באַרימטער אַגריקולטור-שולע, אָבער ניט קענענדיק זיך איינלעבן מיטן דאָרטיקן דירעקטאָר, דעם אַנטיסעמיט, קומט ער קיין סמאָלענסק, וואו ער פאַרברענגט אַ פּאָר יאָר. דאָרטן, ווי ער דערציילט אַליין, האָט ער „פלייסיק שטודירט די רוסישע ליטעראַטור, גאַנץ באַזונדערס די קריטיק פון בעלינסקי, פּיסאַרעוו און סקאַביטשעווסקי״. און דער יונגער חיים באַשליסט, צוזאַמען מיט זיין יוגנט-חבר שלמה זאַנוול (ש. אַנסקי), צו פאַרלאָזן דאָס „בורזשואזע הויז״, די גימנאַזיע אין וויטעבסק. ער אַנטלויפט פון דער היים, קומט קיין קאַלוגאַ, דערנאָך — קיין טולאַ, וואו ער באַטייליקט זיך אין די פּראָפּאַגאַנדע טעטיקייטן, וואָס די רוסישע פרייהייט-קעמפער האָבן געפירט צווישן דער רוסלענדישער יוגנט.

סמאָלענסק און טולאַ — צוויי טיף-רוסישע שטעט. און ביידע — ראובן און חיים — אין פאַרשיידענע סביבות, לערנען און שטודירן אין די פרעמדע רוסישע שטעט רוסיש, דייטש און פראַנצויזיש. עס פירט זיי אַרויס פון די ענגע ד׳ אמות, וואָס דאָס יידישע לעבן, די העברעאישע פּרעסע און ליטעראַטור, האָט פאַר זיי אַרומגעצוימט. זיי לאָזן זיך שוועבן אין נייע וועלטן, ווייט פון דער אַלטער היים, אָבער אייבער לאָזט זיך צו דער ניי-העברעאישער ליטעראַטור, קניפּט אָן באַציאונגען און פאַרבינדונגען מיטן „השחר״ און מיט די דעמאָלטיקע העברעאישע

משוררים און דערציילער, און דער צװייטער — װערט מיטגעריסן פון דעם װיכטיקן רעװאָלוציאָנערן רוסישן זשורנאַל „סאָװרעמעניק״ און מיט די אידעאַלן פון די ראַדיקאַלע רוסישע דענקער. יעדער איינער פון זיי האָט אויסצושטיין שװערע גײַסטיקע געראַנגלענישן, און דער רעזולטאַט ביי יעדן איינעם פון זיי איז אַן אַנדערער: ברייניז גייט אויפן װעג פון אַ העברעאישן פאַרשריטלעכן משכיל, װערט אַ מיטגליד פונעם נאַציאָנאַל-ציוניסטישן קרייז „בני-ציון״, הייבט אָן צו שרייבן העברעאיש אין „המליץ״, און װאָס-װייטער װערט ער אַלץ מער מיט לייב און לעבן אַרייגעצויגן אין דער העברעאישער שאַפונגס-װעלט. און אַנשטאָט פּושקין, נעקראַסאָװ — י.ל. גאָרדאָן, אַנשטאָט טורגעניעװ — קומט פּרץ סמאָלענסקין, אַנשטאָט פּיסאַרעװ — מ. ל. ליליענבלום. דער װייטערדיקער װעג איז שוין אַן אָנגעצייכנטער — דער װעג פון דערנער און רויזן פון אַ צו-זאָגנדיקן דערפּאָלגרייכן העברעאישן שרייבער.

אַנדערש איז דער װעג ביים יינגערן חיים זשיטלאָװסקי. די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, די געענדערטע שטימונגען ביי דער רוסיש-יידישער אינטעליגענץ, די פּאַלעסטינאָפּילישע באַװעגונגען, די ביל״וצעס רופן ביי אים אַרויס, אין 1882-1883, אַ שאַרפן אידייאישן איבערבראָך. ער װערט מיטגעריסן מיט די נאַציאָנאַלע שטימונגען, און ניט צופרידן מיט דער שטעלונג פון די „נאַראָדניקעס״ צו דער יידן-פראַגע, הייבט ער אָן צו זוכן אייגענע װעגן װי צו פאַרענטפערן די הארבע פּראָבלעמען, װאָס קומען אויף פאַרן יידישן פאָלק אויפן װעג פון זיין אויסלייזונג און װידעראויפלעבונג.

ראובן ברייניז גייט פעסט אויף דעם װעג, װאָס עס האָט אויסגעפּלאַסטערט פריער משה העס און (אין 1882) ד״ר לעאָן פּינסקער און די אַלע איבעריקע, װי ער דערציילט װעגן דעם מיט אַ באַזונדערער באַהאַרצטקייט אין זיין „לעבנס-בוך״ (ניו-יאָרק, 1946, — געשריבן אין 1923) אינעם קאַפּיטל „די סביבה פון בני-ציון אין מאָסקװע״. שוין דאַן װערט ער דער קעמפער פאַר העברעאיש, און װי ער שרייבט: „װען איך מאַך קיין טעות ניט, בין איך געװען דער ערשטער אין רוסלאַנד, װעלכער האָט אויפגעהייבן, סיי טעאָרעטיש און סיי פּראַקטיש, די באַװעגונג פאַר דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך אַלס אומגאַנג-שפּראַך אין די נאַציאָנאַלע קרייזן״ (ז׳ 260).

אין דער זעלביקער צייט (1885) ראַנגלט זיך דער 20-יאָריקער זשיטלאָװסקי אין אינערלעכע אידייען-שטרייטן. ער באַשליסט צו גרינדן אַן אומלעגאַלע יידישע אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „תשועת ישראל״ מיטן ציל צו באַקעמפן דעם חיבת-ציון-געדאַנק און צו פּראָפּאַגירן דעם פּראָגרעסיװ-יידישן נאַציאָנאַליזם אויף סאָציאַליסטישע יסודות מיט יידיש אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך... דערצו אָבער איז נייטיק געװען צו קריגן די צושטימונג פון דער רוסישער „נאַראָדנאַיאַ װאָליאַ״... ער פאָרט אַװעק קיין פּעטערבורג, פּונקט װי פריער, ברייניז, קיין מאָסקװע, אָבער מיט גאָר אַנדערע צילן — ער דאַרף דאָרט שטודירן אין דער ביבליאָטעק די יידישע געשיכטע און די נאַציאָנאַלע פראַגע אין פאַרבינדונג מיט

די אידעאַלן פון סאָציאַלן פּראָגרעס. ער באַקומט דאַן דעם אָפּזאָג פון „נאַר. וואַליא״ צו שאַפן אַ פאַרלאַג, ווייל מ׳זעט אַיין אין דעם „סעפּאַראַטיזם״, און דאָס מאַכט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק.

3

הכלל, צוויי טרוימער, צוויי קעמפער (אין העברעאיש — „חולמים ולוחמים״) — און יעדער איינער מיט זיין גאַנג, געשטויסן און געפירט פון דעם עקשנותדיקן ווילן צו געפינען אַ נייעם וועג. איינער — נאַציאָנאַליזם און העברעאיש, דער צווייטער — סאָציאַליזם און יידיש.

וואָס ווייטער ווערט די גייסטיקע דיסטאַנץ צווישן די צוויי שרייבער־קעמפער אַלץ גרעסער, און די חילוקי־דעות (מיינונגס־פאַרשיידנקייטן) — אַלץ שאַרפער. ווי אין יידישן לעבן גופא, קומט פאָר די שטאַרקע דיפערענצירונג פון די ווידערשפּרעכנדיקע ווירקנדיקע ריכטונגען און פון זייערע פירשפּרעכער.

אין 1888 פאַרעפנטלעכט ראובן בריינין אַן אַרטיקל „עוצו עצה״ (גיט אַן עצה) און באַלד אַ סקיצע „גסיסת הסופר״, — אינעם ערשטן באַדויערט ער די טרויעריקע לאַגע פון די טאַלאַנטפולע יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן ניט קיין פּאַסיקע מעגלעכקייטן ווי צו פאַרווענדן זייערע פייאיקייטן, און אינעם צווייטן שילדערט ער די לעצטע מינוטן פון פּרץ סמאָלענסקין, וואָס איז אים, דעם שרייבער־אָנפאַנגער, געווען באַזונדערס נאָענט, ליב און טייער. די צוויי אַרויס־טריטן האָבן אַרויסגערופן לויב־געזאַנגען פון דעם גרויסן י. ל. גאָרדאָן און באַוואונדערונג ביי די דעמאָלטיקע משכילים־שרייבער.

און חיים זשיטלאָווסקי פאַרנעמט זיך אויף אַ גאָר אַנדערן דרך, ער פאַרפאַסט אין רוסיש אַ ביכל (128 ז״ז): „געדאַנקען וועגן די געשיכטלעכע גורלות פונעם יידנטום״; ער האָט עס ניט וואו צו דרוקן, גיט ער עס אַרויס אויפן אייגענעם חשבון. עס רופט אַרויס פאַרשיידענע מיינונגען און צווישן אַנדערע — אַ שאַרפע קריטיק פון דעם יונגן ש. דובנאָוו, סוף 1887.

און אַזוי איז שוין אין אָנהייב פון זייערע קולטור־געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע טעטיקייטן געוואָרן קלאָר דער מהות, כאַראַקטער און אינטערעסן־קרייז פון די צוויי אומרואיקע, זוכנדיקע און שטרעבנדיקע יונגעלייט, און עס ווערן אָנגעצייכנט זייערע ווייטערדיקע וועגן. דער מער־פאַרמעגלעכער חיים זשיטלאָווסקי שטודירט אין ציריך, דערנאָך אין בערן, וואו ער ווערט אַריינ־געצויגן אין די העפטיקע פּאָליטישע שטרייטן, דאָרט באַקומט ער זיין דאָקטאָראַט. און דער עלטערער פון אים, ראובן בריינין, מוז זיך פאַרנעמען מיט העברעאישע „שטונדן״ און אַ צייט איז ער אויך דער סעקרעטאַר ביים מאָסקווער גביר, דעם נדבן, קלמן זאב וויסאָצקי, ביז ער ווערט פאַרבעטן, סוף 1889, קיין פּעטערבורג צו אַרבעטן אינעם העברעאישן „המליץ״.

און דערביי קומט פאָר אַ מערקווירדיקע זאַך: ראובן בריינין, וואָס לעבט און לעבט זיך אויס צווישן יידן און איז כולו פאַרטאָן אין דער גייסטיקער יידישער וועלט, רייסט זיך אין דער גרויסער וועלט, בענקט נאָך אוניווערסאַליזם, און חיים

זשיטלאָווסקין, וואָס איז אריינגעצויגן אין ניט-יידישע קרייזן, ציט צו יידישע, צו יידישקייט-פּראָבלעמען. ביי זיי ביידן, און ביי יעדן איינעם, אויף א באַזונדערן אופן און שטייגער, קומט פאַר דער אלטער, גוט-באַקאַנטער געראנגל, דער „ויתרוצצו", ווען די קינדער האָבן זיך געשטויסן אין דער מוטער רבקהס בויך, און דער רבונו של עולם האָט געזאָגט צו איר: „צוויי אומות זיינען אין דיין לייב, און צוויי פעלקער וועלן זיך פון דיין אינגעווייד צעשיידן".

דער „גויאישער" חיים זשיטלאָווסקי, ווען ער איז פארכאַפּט מיט פּראָבלעמען פון רוסישער אויסלייזונג ארבעט פאַר זיין דאָקטאָראַט אויף א טעמע „אברהם אבן דוד, ראב"ד הראשון, און דער אָנהייב פון אריסטאָטעלישן פּעריאָד אין דער יידישער רעליגיאָנס-פילאָסאָפיע". און ראובן ברייגין פארנעמט זיך מיט „חידושים אין דער העכערער מאטעמאטיק אויף דעם געביט פון דיפערענציאל רעכענונג". ער שיקט זיין ווערק צו ח. ז. סלאָנימסקי, וואָס „ראָט אים אלץ אָנצוואווענדן צו שטודירן מאטעמאטיק אין אן אייראָפּעאישן אוניווערסיטעט". ר. ברייגין דערציילט אין „פון מיין לעבנס-בוך": „ביים געזעגענען זיך, פאַר מיין אָפּרייזן קיין ווין, האָט מיר דער אלטער חיים זעליק סלאָנימסקי פּאַטערלעך פארזאָגט: ,פלייסיק און ערנסט צו שטודירן מאטעמאטיק און פיזיק, ארויסשלאָגן זיך פון קאָפּ די נאציאָנאליסטישע מעטאַפיזיק און די פּוסטע חלומות פון די בני-ציון'" (ז' 377).

4

און עס איז ניט מער ווי א צופאל: ביידע האָבן דעביוטירט אין יידיש אין איין צייט — אין 1891. ר. ברייגין האָט פארעפנטלעכט אן ארטיקל „איין ערנסט וואָרט — אן די חובבי ציון" (אינעם זאמלבוך „דאָס היילקע לאנד"), און חיים זשיטלאָווסקי דרוקט זיין ערשטע שאפונג אין יידיש, א פרייע איבערזעצונג פון ס. פריזדאַמס פּאָעמע „דער חלום פון א ליידיקגייער" און א יידיש-איבערזעצונג פון היינעס „דאָס שקלאַפן-שיף".

אָבער דאָס זיינען בלויז איינצעלנע אויפטריטן אין יידיש. ראובן ברייגין זעצט-פאָר זיין פּראָדוקטיוו שאפן אין העברעאיש, און חיים זשיטלאָווסקי פאר-נעמט זיך אויף אלץ-ברייטערע דרכים פון סאָציאַל-נאציאָנאלע און רעוואָלוציאָ-נערע קאמפן און שטרייטן. ער האלט אין פאָרשן און זוכן ענטפערס אויף די פראגן, וואָס מאטערן אים, דעם ייד צווישן ניט-יידן. אין 1892 פארעפנטלעכט ער אין רוסיש די בראָשור „א ייד צו יידן" (יעווריעי ק' יעווריעאם), וואו ער פארלאַנגט צו קעמפן ניט נאָר פאַר בירגערלעכער, נאָר אויך פאַר נאציאָנאלער גלייכבארעכטיקונג.

און ווידער ווערן זיי, די צוויי שרייבער, די טרוימער-קעמפער, צעשיידט. חיים זשיטלאָווסקי ווערט מיטרעדאַקטאָר פון די צייטשריפטן „רוסקי ראבאָטשי" (רוסישער ארבעטער) און „באַקאַנוניע" (ערב), וואו ער פארעפנטלעכט א צאָל טעאָרעטישע ארבעטן (אונטערן נאָמען ס. גריגאָראָוויטש), און ראובן ברייגין, לעבנדיק א צוויי יאָר אין מערב-אייראָפּע, לכתחילה אין ווין, און באַקענענדיק זיך מיט די וויכטיקסטע דענקער, גייסטיקע פירער פון אייראָפּע, זעט ער איין

די נייטוועגדיקייט צו פארברייטערן די גרענעצן און ארויספירן דעם יידישן געדאנק פון די ראמען, וואָס זיינען געשטעלט פאר אים. ער הייבט אָן ארויס-געבן א זשורנאל „ממזרח וממערב" (ווין, 1894-1896), וואו ער קעמפט פאר דעם, אז די העברעאישע ליטעראטור זאָל באפרידיקן די אלגעמיין-מענטשלעכע גייסטיקע באדערפעניש, ניט נאָר די ריין יידיש-נאציאָנאלע. ער גייט זיך פאנאנדער מיט די יידישע דענקער, וועלכע זיינען געווען קעגנער פון „הרחבת הגבולין" (אויסברייטערן די גרענעצן). ניט נאָר דארף מען עפענען א פענצטער קיין אייראָפּע, נאָר מ'דארף ברענגען אייראָפּע (דעם מערב) אין דער יידישער וועלט און ליטעראטור, אָבער אין די ראמען פון דער נאציאָנאל-ציוניסטישער און העברעאיסטישער באוועגונג. און אלץ וואָס ער נעמט-פאָר און פריידיקט, איז פאר די עקזיסטירנדיקע ציוניסטישע קרייזן פון אלערליי גרופירונגען און מיט העברעאיש אין צענטער.

ד"ר ח. זשיטלאָווסקי פארנעמט זיך אלע מאָל אויף נייע וועגן. אין 1896 גרינדעט ער א גרופּע יידישע סאָציאַליסטן אין אויסלאנד מיטן צוועק ארויס-צוגעבן סאָציאַליסטישע ליטעראטור אויף יידיש. ער האָט אפילו צוגעגרייט אן איבערזעצונג (אונטער זיין רעדאקציע) פון „קאָמוניסטישער מאניפעסט". ער שרייבט אויך אָן פאר י. בלאָשטיינס „מעשה מיט 4 ברידער" אן אריינפיר „פארוואָס דווקא יידיש ?", אָבער מען האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן די פאָררעדע (זי איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „פאָרווערטס" ערשט אין 1900), און ער העלפט גרינדן א יידישן פארלאַג „צייטגייסט".

און אָט קומט דער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באזעל, אין 1897 און ווי אנדערש יעדער איינער פון די צוויי נעמט-אויף אָט-די וויכטיקע געשעעניש אינעם יידישן לעבן. ראובן ברײנין ווערט דער טרובאדור פון דער ציוניסטישער באוועגונג און ער שרייבט שפּעטער א מאָנאָגראַפיע וועגן ט. הערצל („חיי הרצל", ניו-יאָרק, 1919). און ח. זשיטלאָווסקי נוצט אויס דעם קאָנגרעס צו באקענען די דעלעגאַטן און געסט מיטן פּראָגראַם פונעם ניי-געגרינדעטן יידישן פארלאַג. אויף דער פארזאמלונג טרעט ער ארויס מיט א שארפער רעדע, וואָס איז געווען דער תמצית פון זיינע שפּעטערדיקע יידישיסטישע ארויסטרעטונגען.

5

מיר האָבן ניט קיין מעגלעכקייט אין אונדזער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג צו גיין בהדרגה, טריט נאָך טריט און אָפּשטעלן זיך אויף זייערע ארויסטרעטונגען, אויף זייערע פארשיידענע פּרוּוון צו פּראָפּאַגירן זייערע אידייען און געדאנקען און אויף די אלערליי ווערק, וואָס זיי האָבן פארעפנטלעכט אין יענע און אין די שפּעטערדיקע יאָרן, — ווערק, וועלכע זיינען וועג-און קען-צייכנס פון זיי און פון זייערע מיטווירקער און מיטשאַפער.

לעבנדיק אין ווין, דערנאָך אין בערלין, האָט ראובן ברײנין פארעפנטלעכט כמעט אין אלע העברעאישע, און שפּעטער אויך אין די יידישע טאָגבלעטער, צייטשריפטן, זאמלביכער הונדערטער ארטיקלען, רייזע-באשרייבונגען, שילדע-

רונגען און איינדרוקן פון באגעגענישן מיט די פארשיידנסטע אייראָפעאישע, יידישע און ניט-יידישע שרייבער, פאָרשער, קינסטלער, דענקער, און וועגן די אלערליי ליטעראַרישע און קינסטלערישע געשעענישן. דערצו פארפאסט ער ביאָגראפיעס, מאָנאָגראפיעס וועגן העברעאישע שרייבער (פּרץ סמאָלענסקין, אברהם מאפו) און אלץ — מיטן ווילן ארייננצוברענגען אין די געצעלטן פון שם (באהלי שם) די שיינקייטן פון דער דרויסנדיקער וועלט (יפיפותו של יפת).

און ד״ר זשיטלאָווסקי גייט זיך עקשנותדיק אויף זיין אָנגעצייכנטן וועג — ער גרינדעט אין 1900 דעם „אקאדעמישן פארלאג פאר סאָציאלע וויסנשאפטן" אין דייטש, וואָס האָט איבערגענומען דעם זשורנאל „סאָציאליסטישע מאָ-נאטסהעפטע". ער איז דער איניציאטאָר און הויפּט-טוער פון דער „אגראר-סאָציאליסטישער ליגע" צו פארשפּרייטן סאָציאליזם צווישן די פּויערים און אויך מיטן ציל צו פאראייניקן אלע רוסישע „נאראָדניקעס" (פאָלקיסטן). און אָט פאָרט ער ארום איבער פארשיידענע שטעט און לענדער, האלט לעקציעס וועגן די פּראָבלעמען פון סאָציאליזם, און איינע פון זיי — „וועגן סינטעטישן מאָניזם", וואָס איז געוואָרן דער יסוד פאר דער פילאָזאָפישער אָנשויאונג פון דער רוסישער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פּארטיי. ער באטייליקט זיך אין די רוסישע ראדיקאלע זשורנאלן און אויך אין נ. מיכאילאָווסקיס באוואוסטן זשורנאל „רוסקאָיע באָגאטסטוואָ" (אן אָפּהאנדלונג „דער מאטעריאליזם און די דיאלעקטישע לאָגיק", — דערשינען אין בוכפאָרם, איבערגעזעצט אין יידיש, אין „דאָס נייע לעבן", 1913).

ראובן ברייני[ן] ווערט אלץ מער אריינגעצויגן אין דער קינסטלעריש-ליטעראַרישער וועלט. אין זיין טאָגבוך (העברעאיש, פון נאָוועמבער 1907) שרייבט ער טאקע, אז „קינסטלער און דיכטער זיינען שטענדיק מער אינטערעסאנט ווי וויסנשאפטלער. די ערשטע פארמאָגן זייער אייגענע וועלט. זיי קוקן אויף דער דרויסנדיקער וועלט מיט זייערע אייגענע אויגן און זיי גיבן אונדז שטענדיק א טייל פון זייערע אייגענע נשמות. אין דער צייט, וואָס די לעצטע, די וויסנ-שאפטלער, זיינען געצוואונגען, לויט דער נאטור פון זייער שאפן, צו זיין אָביעקטיוו און זיי אבסטראהירן זיך גופא. זיי גיבן אונדז ניט זייערע נשמה-טראכטענישן, ניט זייערע וויזיעס און טרוימען, נאָר פאקטן, ציפערן, געזעצן און אלגעמיינע אויסטייטשונגען... אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: „חכם עדיף מנביא" — א דענקער איז מער, בעסער ווי א נביא. און איך זאָג אייך: א נביא, א דיכטער, א קינסטלער איז בעסער, העכער פון א וויסנשאפטלער, פון א וויסנשאפטלעכן בעל-מלאכה"...

און ד״ר חיים זשיטלאָווסקי באווייזט (אין זיינע זכרונות) ווי דער פּובליציסט האָט ארויסגעשטויסן אין אים דעם פּאָעט. ער דערציילט, ווי ער האָט אמאָל געארבעט אויף א פּאָעמע, און ווי די ארבעט האָט אים ניט באפרידיקט. „מיינע געדאנקען זיינען שוין ווייט-ווייט פון דעם ענין און פון דער „פּאָעמע". זיי שטעקן ערגעץ-טיף אין א טעאָרעטישן פּראָבלעם און גראָבן זיך אין אים אלץ טיפער און טיפער..." און ווייטער: „...אָט טראכט איך וועגן איינדרוקן פון

לעבן, אָבער ניט ווי א קינסטלער, וואָס נעמט זיי ווי זיי זיינען, און וויל נאָר „רעטושירן זיי, כדי בולטער צו מאַכן זייער תּוך. איך טראַכט וועגן זיי, ווי א פּובליציסט". ד"ר זשיטלאָווסקי אין זיינע באַמיאונגען זיך אליין צו באַגרייפן, זאָגט: „אויך האָב איך באַמערקט, אַז אַרום קאָפּ פלעגט ווערן ווארעם ניט פון פּאָעטישע חזיונות [אילוזיעס], נאָר פון טעאָרעטישע רעיונות [געדאַנקען]. בין איך, הייסט עס, גאָרניט קיין פּאָעט, נאָר א פּובליציסט, מיט א שטאַרקער נטיה [נייגונג] צו אַן אייגענעם טעאָרעטישן שאַפן..."

6

גאָר באַזונדערס גייען זיך פאַנאַנדער זייערע וועגן, זייערע שטימונגען אין די יאָרן 1905-1906, ווען עס הייבן אָן האַסטיק צו וואַקסן די רעוואָלוציאָנערע כּוחות, ווען אויך אין דער יידישער וועלט הייבט זיך אָן א נייע אויפברויז-צייט, און די יידישע פאָלקס-מאַסן, און מיט זיי די יידישע שפּראַך, הייבן אָן צו פאַר-נעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אין לעבן. ד"ר ח. זשיטלאָווסקי זאָגט זייער טרעפלעך וועגן דער צייט, אַז ביז אַהער האָט ער געאַרבעט פאַר יידן, און איצט קומט שוין א צייט, וואָס ער אַרבעט צווישן יידן. ער קומט קיין אַמעריקע, וואו ער פירט אָן פיל-פאַרצווייגטע טעטיקייטן און אַגיטירט פאַר זיין נאַציאָנאַל-יידישער פּראָג-ראַם. ער פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען, אין צוגאָב צו זיינע דערפאָלגרייכע רעפעראַטן, וואו ער פאַרטיידיקט און פאָרמולירט זיינע אידייען וועגן סאָציאַליזם, נאַציאָ-נאַליזם א. אז. וו. נאָך א קורצער צייט פון פאַרברענגען אין אַמעריקע, קערט ער זיך אום צוריק קיין אייראָפּע, וואו ער אַרבעט פלייסיק פאַר די ס"ר און פאַר די „סיימיסטן". ער טרעט אַרויס מיט וויכטיקע קאַמף-אַרטיקלען, ווי „בריוו פון א יידישן סאָציאַליסט", „דער עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע", פּאָלעמיזירט מיט שמעון דובנאָוו („העד דובנאָווס גייסטיקער נאַציאָ-נאַליזם") א. אנ.

לחלוטין אַנדערש איז דער געמיט-צושטאַנד ביי ראובן ברייני. דאָס זעען מיר אין די גאַנץ-פּעסימיסטישע און פאַרצווייפלטע בלעטער פון זיין העבּרעאישן אינטימען טאָגבוך, פון די יאָרן 1906-1908. ער געפינט זיך אין א זייער שווערער לאַגע, האָט פיל שטרויכלונגען און קלעפּ, ער איז פול מיט זאָרגן, מאַטעריעלע און גייסטיקע, ער איז ווי אַרויסגעריסן פון זיין באָדן, עס הערשט אין זיינע קרייזן א כאַאָס, ער פילט זיך איינזאַם, אָפּגעריסן און דערווייטערט פון אַלץ לעבעדיקס, — הכלל, דער באָדן און מיט אים אַלע אויפגעבויטע נאַציאָנאַל-העבּרעאישע בנינים, שאָקלען זיך, טרייסלען זיך. הקיצור, יגון ואנחה — ווייעט פון ראובן ברייינס טאָגבוך — א טרויעריקער דאָקומענט, א טרויעריקע מגילה פון א זייער טרויעריקער צייט פאַר אים און זיינע אָנשויאונגען.

סאַר א שאַרפער אונטערשייד צווישן די צוויי וועלטן — אין וועלכע עס איז טעטיק איינער און עס לעבט — דער צווייטער!

און אָט ווידער א וויכטיקע קולטור-געזעלשאַפטלעכע געשעעניש אין דער יידישער וועלט, און ווי פאַרשיידן און אַנדערשדיק עס האָבן עס אויפגענומען און אויף דעם רעאַגירט די צוויי שרייבער, — דער העבּרעאישער ראובן ברייינין און

דער יידישער ד״ר חיים זשיטלאָווסקי. שוין אין דעם אליין זעט מען באשייפּערלעך די צוויי יידישע פּערזענלעכקייטן, זייער מהות און כאַראַקטער, זייער וועלט-באנעם און לעבנס-פילאָזאָפיע — מיר מיינען די יידישע שפּראַך-קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין טשערנאָוויץ — אין אויגוסט 1908.

אין יענער צייט, אָנהייב 1908, איז שוין ד״ר חיים זשיטלאָווסקי דער אויס-געשפּראָכענער, אויסגעהאַלטענער קעמפער פאַר יידיש. ער גרינדעט אין ניו-יאָרק דעם חודש-זשורנאַל „דאָס נייע לעבן״, און יוני 1908 גיט ער ארויס אַן אינ-טערעסאַנט העפט: „דאָס פּראָגראַם און די צילן פון דער מאַנאַטשריפט״, וואָס איז גלייכצייטיק אַ באַגרינדונג פון זיין וועלט-באנעם און זיין צוגאַנג צו פּראָבלעמען פונעם יידישן קולטור-שאפערישן לעבן און פון זיין אויפפאַסונג פון דער יידישער שפּראַך. „עס איז פאַר אונדז זיכער און קלאָר, אַז זי האָט אין זיך די קראַפט אויסצודריקן די טיפסטע און פאַרוויקלטסטע געדאַנקען פון וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע; אַז אין איר, ווי אין יעדער אַנדערער קולטור-שפּראַך, קענען אַריבערגעטראָגן ווערן אַלע, אפילו די שווערסטע ווערק פון דער אַלמענטשלעכער ליטעראַטור״. און ער באַטאָנט, אַז „ביי קיין פאָלק האָט ניט אַזוי אומפאַרשעמט לאַנג געדויערט דער צושטאַנד, ווי עס דויערט דאָס אומפאַרשעמטע שעמען זיך [צו רעדן און צו לייענען אין דעם ,פאָלקס-זשאַרגאָן׳] פון דער יידישער אינטעליגענץ״.

ד״ר זשיטלאָווסקי איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן פון דער שפּראַך-קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ און פון די אַלע ניו-יאָרקער איניציאַטאָרן איז ער — דער אייציקער — געפאָרן קיין טשערנאָוויץ, געווען איינער פון די וויכטיקע פירער-אָנפירער פון דער קאָנפערענץ, וואו ער האָט ליידנשאַפטלעך געקעמפט פאַר דער חשיבות פון יידיש און דערנאָך — און אַזוי אַלע יאָרן — ניט אויפ-געהערט און ניט מיד געוואָרן צו ווייזן די גרויסע און וויכטיקע ראָלע, וואָס „טשערנאָוויץ״ האָט געשפּילט אינעם יידישן קולטור-לעבן.

גאָר אַנדערש, פול מיט „עגמת-נפש און גייסטיקע יסורים״ האָט אויפגענומען די זעלביקע שפּראַך-קאָנפערענץ ראובן בריינין. ער פאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך, דעם 9-טן סעפּטעמבער 1908 (ער איז דאַן געווען אין מאַריענבאַד): „די ידיעות וואָס זיינען געווען אין די צייטונגען וועגן דער שפּראַך-קאָנפערענץ אין טשער-נאָוויץ און די פּריוואַטע בריוו, וואָס איך האָב באַקומען פון דאָרטן, האָבן דערדריקט מיין געמיט, מיין גייסט און אַריינגעוואָרפן אַ קאַלטע פאַרצווייפלונג אין מיין האַרצן״. און ווייטער: „די דאָזיקע קאָנפערענץ איז אַ גייסטיקע מפּלה פאַר אונדזער פאָלק, אַ גרויסע מאָראַלישע ירידה, און זי פאַרמאָגט אויך אַ ביטערע היסטאָרישע איראָניע״. ווייטער גיסט ער אויס זיין צעווייטיקט האַרץ אינעם טאָגבוך: „...ס׳איז געווען שווער פאַר מיר אָט דער טאָג, עס איז ווי אַ חורבן-טאָג פאַר אונדזער פאָלק, אַ גייסטיקער חורבן. אַ נייעם קאַלב האָבן די זשאַרגאָניסטן אָפּגעגאָסן און זיי האָבן געגרופן צו אונדזער פאָלק; אָט דאָס איז דיין גאָט, ישראל!... זאָל זיין וואָס עס זאָל זיין, — און איך וועל זיך פאַר דעם קאַלב [עגל] ניט בוקן!...״

עס וואָלט כדאַי געווען איבערצוזעצן אינגאַנצן די קינות פון ר. ברייַנין. (מיר שיקן אָפּ די, וואָס, אינטערעסירן זיך צום ב׳ 3 פון „כל כתבי ר. ברייַנין״, ניו-יאָרק, 1940, ז״ז 257-259). מיר וועלן אָבער ברענגען נאָך אַ פּאָר אויסצוגן, וואָס גיבן אַ באַגריף, ווי ר. ברייַנין איז געווען דערשיטערט פון די רעוואָלוציעס פון דער קאָנפערענץ: „צוליב אונדזערע זינד זייַנען מיר פאַרטריבן געוואָרן פון אונדזער לאַנד, און צוליב אונדזער אָפּגעלאָזנקייט וועט די העברעאישע שפּראַך, די שפּראַך פון אונדזערע נביאים, פאַרגעסן ווערן. מיט אונדזערע אייגענע הענט פאַרלעשן מיר דאָס לעצטע ליכט, מיט אונדזערע אייגענע הענט ווישן מיר אָפּ אונדזער ירושה, און מיר וועלן פאַרבלייַבן אָרעם, די טויזנט-יאָריקע קולטור ווערט אויסגעמעקט פון אונדזער נאַציאָנאַלן ווערק, און אָנשטאָט דעם — וועט זשאַרגאָן פאַרנעמען דאָס אָרט. און אונדזער תורה וועט זיך אָנהייבן ניט פון בראשית, נאָר פון די ,בבא-מעשיות׳...״ (ז״ז 258-259).

7

אָבער דאָס לעבן, די ווירקלעכקייט איז אַ גוטער רופא. אין די ווייטערדיקע יאָרן קומען פאַר נייַע געשעענישן, נייַע אַנטוויקלונגען, און ברייַנין ווערט אויס-געהיילט פון זייַן דערשיטערנדיקן געמיט-צושטאַנד.

אינעם אַרייַנפיר צו זייַן „לעבנס-בוך״, געשריבן אין 1923, זאָגט ר. ברייַנין: „...איך בין שטענדיק געווען הונגעריק און דורשטיק נאָך לעבעדיקע, דענקנדיקע מענטשן, צו וואָס פאַר אַ שול, אָדער צו וואָס פאַר אַ פּאַרטיי אָדער קרייַז זיי זאָלן ניט געהערן... און איך מוז צוגעבן, אַז איך האָב אויך פון מייַנע אידייען-קעגנער פיל געלערנט״... און מיר, פון אונדזער זייט, וועלן צוגעבן, אַז ער האָט אויך פיל געלערנט פונעם לעבן גופא.

אין 1910 קומט ראובן ברייַנין קיין אַמעריקע, קיין ניו-יאָרק. לכתחילה גיט ער אַרויס אַ העברעאיש וואָכנבלאַט „הדרור״, און ער פאָרט דערנאָך אַריבער קיין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, וואו ער דערנעענטערט זיך, דערווייל אפשר מעכאַניש, צו יידישע, צו יידישע קולטור-געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, און ער באַמערקט אַליין ניט, ווי ער ווערט איבערגעאַנדערשט, פאַרענדערט. אין זייַן טאָגבוך, וואָס איז פאַרעפנטלעכט, פעלן אויס בלעטלעך פון עטלעכע יאָר, — פון 1909 ביז 1914 — ווייסן מיר ניט גענוי די פּרטים פון זייַן איבערוואַנדלונג אין אָט-די יאָרן. צו זייַן 52טן געבוירנטאָג, פּורים, 1914, שרייַבט ער אַרייַן אינטערעסאַנטע שורות: „ס׳איז די נאַכט פון מייַן געבוירנטאָג. איך גיב זיך אָפּ אַן אייגענעם דין וחשבון. איך באַטראַכט מייַן לעבנס-גאַנג. איך פּרוביר אונטערצופירן אַ סך-הכל פון מייַנע אַרבעטן און פון מייַנע באַשטרעבונגען, איך פאַרגלייַך מייַן ווילן צו מייַנע מעגלעכקייטן. איך קוק אויף צוריק און איך דרינג אַרייַן אין דער צוקונפט, און איך געפין אויס, אַז עפּעס אַ געהיימע האַנט פירט אָן און געוועלטיקט איבער מייַן גורל״.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וואָס איז אים אויסגעקומען זיך אייַנצושפּאַנען אין אַ טעגלעכער צייטונג, וואו ער האָט באַדאַרפט שטעפּן הונדערטער שורות אַ טאָג, — דאָס האָט אים ניט געקענט באַפרידיקן. דאָן, אין 1914, האַלט ער נאָך אַלץ,

אַז ער שרייבט יידיש — „אַ שפּראַך, וואָס מיין נשמה איז ניט פאַרבונדן מיט איר״, — ער זעט אין דעם „אַ שטראָף פאַר באַגאַנגענע און ניט־באַגאַנגענע זינד״... אָבער ער גופא גיט צו, אַז „מיינע ארבעטס־פעיאיקייטן האָבן זיך זייער געמערט און געשטאַרקט״. מען דאַרף אויך נעמען אין באַטראַכט, אַז מיט אַ 50 יאָר צוריק איז מאָנטרעאָל געווען אַ פּראָווינץ־שטאָט, און בריינינען, דעם וועלט־ייד און וועלט־מענטש, איז דאָרט געווען זייער ענג. אָבער עס איז קיין ספק ניט, אַז דאָס טרעפן זיך פּנים אל פּנים מיט פאַרשיידענע יידישע מענטשן, מיט אַלערליי יידישע טאָג־טעגלעכע פראַגן האָט דאָך געהאַט אויך גוטע פּאָזיטיווע מאָמענטן. פיל פאַרעפנטלעכטע בלעטער (פונעם העברעאישן טאָגבוך, געשריבן אין מאָנטרעאָל) גיבן אונדז איבער אינטערעסאַנטע איינצלהייטן פון זיין דאָרטיקן לעבן.

אָנהייב 1917 טרעפן מיר אים שוין אין ניו־יאָרק, — און מיט אַן איבעררייס פון עטלעכע וואָכן (יוני 1910), — ווען ער מאַכט אַ רייזע קיין אייראָפּע, — איז בריינין ווידער אין ניו־יאָרק און ס׳הייבט זיך אָן פאַר אים אַן אינטערעסאַנט פאַרשיידנאַרטיק לעבן, מיט פאַרשיידענע פּאַסירונגען און געשעענישן, וואָס ציט זיך איבער 19 יאָר, — עס זיינען די ווייטערדיקע פּעריאָדן, טיילן פון זיין רוישיק, רייך לעבן, ווען ער האָט געהאַט באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן, אַלערליי איבערלעבענישן, צייטן, ווען ער געפינט זיך אין דעם סאַמע אויבנאַן פון דעם נאַציאָנאַל־העברעאישן קולטור־שאַפערישן לעבן, און דערנאָך, נאָך זיין באַזוך אין סאָוועטנפאַרבאַנד, און זיינע מינדלעכע און שריפטלעכע אַרויסטרעטונגען, — ווערט ער פון איין טייל יידישער געזעלשאַפט דערווייטערט און איזאָלירט און פון אַ צווייטער טייל — דערנענטערט, פאַרערט און טיף־און הויך־געשאַצט.

אינעם טאָגבוך, וואָס ראובן בריינין האָט געשריבן פאַר זיך און אין וועלכן ער האָט אַריינגעטאָן, ווי ער דריקט זיך אויס אַליין „בלויז די אייגענע הארץ און נשמה־ציטערן און וואַקלענישן״ און וואו „ער גיט אַ פולשטענדיקע פרייהייט פאַר זיינע טראַכטענישן, געפילן און איינדרוקן״, — אינעם טאָגבוך געפינען מיר אַ שליסל צו זיינע איבערוואַנדלונגען און אויך צום גייסטיקן איבערבראַך, וואָס איז פאָרגעקומען אין אים.

אָט לייענען מיר אַ פאַרצייכעניש, וואָס ער האָט געמאַכט אין ניו־יאָרק, דעם 8טן אַפּריל 1921, נאָך האַלבער נאַכט: „...איך בין געווען נעכטן און אויך היינט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און יעדעס מאָל, וואָס איך קום אַריין אַהין, ווער איך דערשיטערט ביזן גרונט. ניטאָ קיין יידישער גייסט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — מען האָט דאָרטן פיינט די יידן און באַזונדערס — די יידישע פאָלקס־מאַסן, און אויך די יידן, וועלכע האָבן נאָך ניט פאַרלוירן זייער יידישן גייסט, וועלכע האָבן נאָך ניט באַוויזן זיך אײַנגאַנצן צו אַמעריקאַניזירן, און אוודאי קענען זיי ניט פאַרליידן די יידן, וואָס רעדן זייער שפּראַך, יידיש אָדער העברעאיש. די אַמעריקאַנער ציוניסטן האָבן אויף זייער חשבון אויסגעהאָדעוועט און אויסגעכאָוועט באַאַמטע, וועלכע האָבן זיי פיינט און זייען זיי מבזה [מעוואַזע], באַאַמטע און באַדינער, וואָס דערנידעריקן און טויטן אָפּ דעם אמתן ציוניזם״ (ז׳ 397).

אויף מאָרגן, דעם 9-טן אַפּריל, שרייבט ר. ברייַנין אָן אַ לענגערע פאַר-צייכענונג פון עטלעכע זייטן, ווי ער וואָלט אַדורכגעמאַכט אַ האַסטיקן, דראַסטישן גייסטיקן (און אויך פיזישן) קריזיס, און „עס האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ ווילן, אַ דראַנג צו אַרבעט, און אויך צו קאַמף קעגן די פאַרדאַרבענער פון אונדזער אויפ-לעבונג". די דאָזיקע פאַרצייכענונג איז פון גרויס באַדייט. מיר קענען זי איצט ניט ברענגען, צוליב מאַנגל אין אָרט...

לאָמיר זיך אומקערן צו ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, פון די זעלביקע יאָרן, און בקיצור אָנמערקן זיין גאַנג, ווען ער איז געווען געוואַלדיק שאַפעריש-פּראָדוקטיוו סיי מינדלעך און סיי שריפטלעך. מיר האָבן די פאַרשטעלונג, ווי דורך טשער-נאָוויץ זיינען געעפנט געוואָרן ביי אים פאַרשיידענע באַהאַלטענע קוואַלן. סוף 1909 האָט אָנגעהייבן צו דערשיינען דער מאָנאַטלעכער זשורנאַל „דאָס נייע לעבן", וואָס איז אויך געווען דאָס נייע לעבן פון דעם רעדאַקטאָר און הויפּט-מיטאַרבעטער פונעם זשורנאַל. אין 1909 פאָרט ער אַרום איבער אַמעריקאַנער שטעט און האַלט פאַרטיפטע איבטערעסאַנטע לעקציעס, וואָס אַזעלכע האָט מען ביז אים דאָ ניט געהאַלטן. אין 1910 דערשיינט זיין בוך: „די פילאָסאָפיע, ווי זי איז און ווי זי האָט זיך אַנטוויקלט" (2 בענד, קנאַפּע 600 זייטן).

## 8

מיר האָבן ניט קיין מעגלעכקייט אויסצורעכענען אַלדאָס, וואָס ד"ר ח. זשיטלאָווסקי האָט באַוויזן אויפצוטאָן אין די אַלע ווייטערדיקע יאָרן. אין 1911 פאַרמעסט זיך ד"ר זשיטלאָווסקי אָנצושרייבן די „גייסטיקע געשיכטע פונעם יידישן פאָלק" (אין 6 בענד) צום 25טן יובל פון זיין ערשטער אַרבעט. ער גרייט שוין מאַטעריאַלן, נאָר דערנאָך האָט ער איבערגעריסן די אַרבעט. אין 1912 דערשיינען זיינע ערשטע 4 בענד „געזאַמלטע שריפטן". אין 1913 מאַכט ער אַ לעקציע-טור איבער די סטודענטישע קאָלאָניעס פון פראַנקרייך, בעלגיע, דייטש-לאַנד, עסטרייך און שווייץ. ער פאַרעפנטלעכט דאַן אין „יידישע וועלט" (ווילנע) זיין באַוואוסטן אַרטיקל: „ווען און ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ יידישיסט". אין 1914 באַזוכט ער ארץ-ישראל, מיט זייער פיל כוונות און דערוואַרטונגען, אָבער פאַרלאָזט גיך דאָס לאַנד צוליבן טעראָר פון די העברעאיסטן-פאַנאַטיקער, וועלכע האָבן ניט געלאָזט אים עפנטלעך אויפטרעטן אויף יידיש. ביים אויסברוך פונעם וועלט-קריג קומט ער צוריק קיין אַמעריקע. אין 1914 (נאָוועמבער) הייבט ער אָן מיטצואַרבעטן אין „טאָג". אין 1915 באַטייליקט ער זיך אין דער באַוועגונג פאַרן „אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס", ווערט נעענטער צו די פּועלי-ציון, און אַזוי כסדר. אין די אַלע יאָרן גייט ביי אים האַנט-אין-האַנט „מדרש" און „מעשה", טעאָרעטישע אויפקלערונגען און פּראַקטישע מעשים. ער פאַרעפנטלעכט פיל אָפּהאַנדלונגען, פילאָזאָפישע און געזעלשאַפטלעכע, אָפּהאַנדלונגען וועגן פאַר-שיידענע תקופות אין דער יידישער געשיכטע. אין 1922 באַנייט ער דעם זשורנאַל „דאָס נייע לעבן" (צוזאַמען מיט ש. ניגער). אין 1923-1924 באַזוכט ער די יידישע ישובים אין אייראָפּע און אומעטום קומט ער אין באַריר מיט אַ גרויסן עולם פאַרערער, חסידים און תלמידים.

עס זיינען אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש די צוויי יובל-פייערונגען פון ראובן ברייגין און ד״ר ח. זשיטלאָווסקי צו זייער אַלט ווערן 60 יאָר — דער ערשטער — אין 1922, דער צווייטער — אין 1925. די יובל-קאָמיטעטן, די יובל-זאמלונגען, די אָפּהאַנדלונגען לכבוד און וועגן די צוויי יובילאַרן — דאָס אַליין איז אַן ענין פון אַ באַזונדערער באַטראַכטונג און באַהאַנדלונג — עס איז ווי צוויי גאַנץ באַזונדערע גייסטיקע וועלטן ביי דעם איין יידישן פאָלק, וועלכע האָבן, אויסערלעך, ווייניק באַריר און געמיינזאַמע פונקטן.

אין די ווייטערדיקע יאָרן איז יעדער איינער פון די צוויי אויסגעשפּראָכענע שרייבער-דענקער, יעדער אויף זיין אופן און שטייגער, פאַרנומען מיט שמידן די רינגען פון זייערע אייגענע גאָלדענע קייטן. ראובן ברייגין, נאָכן פאַרלאָזן קאַנאַדע (סוף 1916), וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט הונדערטער אַרטיקלען, עסייען, הייבט אָן (אין 1919) מיטצואַרבעטן אין „יידישן טאַגעבלאַט״ און דערנאָך אין „טאָג״. אין די אַלע אַרטיקלען, זכרונות, באַגעגענישן מיט פאַרשיידענע גרויסע יידן און ניט-יידן האָבן מיר גלייכצייטיק אויך פיל וויכטיקע שטריכן און מאָמענטן פון ראובן ברייגין דעם מענטש און שרייבער. ער אַליין זאָגט וועגן זיינע זכרונות: „איך האָב ביי יעדער געלעגנהייט געזוכט צו האָבן אַ שאַרפן וויכוח מיט קעגנער פון מיינע אייגענע אָנזיכטן וועגן יידישע פּראָבלעמען, וועגן פאַרשיידענע ריכטונגען אין דער פילאָזאָפיע, ליטעראַטור און קונסט ווי וועגן אַלגעמיינע וועלט- און לעבנס-פּראָבלעמען. און איך מוז צוגעבן, — איך האָב אויך פון מיינע אידייען-קעגנער פיל געלערנט״ („פון מיין לעבנס-בוך״, ז׳ 28).

ראובן ברייגין אַליין באַטאָנט (אין 1936, אין דער הקדמה צום צווייטן באַנד פון זיינע העברעאישע שריפטן, ניו-יאָרק), אַז צוטרעטנדיק אַרויסצוגעבן זיינע ווערק אין העברעאיש, מוז ער „פריער זאָגן אָפענע און קלאָרע ווערטער וועגן דער ענדערונג, וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט אין משך פון יאָרן אין זיינע מיינונגען און אָנשויאונגען וועגן דער גרויסער וועלט בכלל און דער יידישער בפרט״. מיט דער אָפנהאַרציקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אים ווען ער רעדט וועגן זיך, שרייבט ער: „איך האָב ניט געקענט שטיין בלייבן די גאַנצע צייט אויף איין באַשטימטן און פאַרגליווערטן פונקט. איך האָב מיך אָוועקגערוקט פון מיין פּלאַץ — און לחלוטין נייע האָריזאָנטן האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר, אין דער צייט, וואָס מיינע נעכטיקע חברים, — דאָס רוב העברעאישע שרייבער, — זיינען פאַרבליבן שטעקן אויף זייערע ערטער, ווי זיי וואָלטן געווען צו-געקלאַפּט צו זייערע ערטער מיט טשוועקעס. און פאַרשטייט זיך, אַז עס איז געוואַקסן דער מהלך [דיסטאַנץ] צווישן אונדז. טיפע אָפּגרונטן טיילן אונדז פאַנאַנדער״.

און מיט אַנדערע ווערטער רעדט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי גופא וועגן די סתירות, וואָס ער פאַרמאָגט: „מיינע ווידערשפּרוכן — און אַזעלכע זיינען געוויס געווען — זיינען אַ פועל-יוצא פון פאַרשיידענע אומשטענדן און פאַרשיידענע צייטן. עס שטאַמט פון דעם ווילן צו כאַפּן דעם אמת, אַמאָל אין איין טייל, אַמאָל —

אין אן אנדער טייל. אָבער דאָס זיינען ווידערשפּרוכן אויבנאויפיקע, ווידער־שפּרוכן — איידער מ׳טראַכט זיך אין זיי אריין״.

ווען ראובן ברייגין איז אַלט געוואָרן 75 יאָר (1937) האָט ער געשריבן וועגן זיך: „די אינערלעכע וועלט פונעם שרייבער איז רייך און פילפאַרביק, ער איז פול מיט אינערלעכע ווידערשפּרוכן און מיט טיפע קעגנזאַצן... — — — יעדער ריכטיקער שרייבער און קינסטלער האַלט שטענדיק אין איין שטרעבן און בענקען נאָך העכערס און שענערס, אין איין האָפן און אַנטוישן זיך. צו גלייכער צייט שטויסט ער די מענטשן פאָראויס, און ער ווערט אַליין אויך געשטויסן״... („פון מיין לעבנס־בוך״, ז׳ 26).

9

און עס גייט אַזוי ביי די צוויי שרייבער דער ווייטערדיקער וועג, א זיג־זאַגישער, מיט רויזן און דערנער, מיט שטערונגען און שטרויכלונגען. זיי ווערן געטריבן פון אייגענעם אומרו, און זיי באַמיען זיך צושלאָגן צו א רואיקן ברעג. זיי בויען זייערע היימען, פאָרן פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד, און כסדר מיט א געוואַלדיקן דורשט און דראַנג צו טרעפן זיך מיט מענטשן, מיט פאַרטרעטער פון אידייען, פון גייסטיקע וועלטן. ראובן ברייגין אינעם „אריינפיר״ צו זיין לעבנס־געשיכטע (געשריבן אין 1923) זאָגט גאַנץ קלאָר. „איך האָב זיך קיינמאָל ניט געוואָלט, און אויך לויט מיין טעמפּעראַמענט און וועזן ניט געקענט, איינשליסן אין אַן ענגן קרייז... גראָד אין די קרייזן פון אידייען־קעגנער, אין קרייזן פון אַנטקעגנגעזעצטע ריכטונגען, האָב איך געשמידט און גערונדעט [גערונדיקט] מיינע נאַציאָנאַלע אָנזיכטן״... (ז׳ 27).

און מיט אַנדערע ווערטער האָט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי אין איינער א געזעגענונגס־רעדע, וואָס איך האָב אָפּגעשריבן אין וואַרשע אין 1928, געזאָגט וועגן זיך: „...איך האָב געוואָלט און געשטרעבט אריינצוטראָגן אין דער יידישער קולטור דעם גייסט פון פאַרשן, פון ניט־צופרידנקייט און דעם גייסט פון ווידערשפּרוכן, און אויך אויסצולערנען יעדן איינעם ווי צו באַקעמפן דעם קעגנער״.

✶

און א מערקווירדיקע זאַך, — און ווער וואָלט עס אַמאָל געקענט זיך פאָר־שטעלן, — אַז אָט־די צוויי גאַנץ־פאַרשיידענע דענקער־שרייבער וועלן אין די לעצטע יאָרן פון זייער לעבן, פון זייערע גוראַנגלעניש אין דער יידישער וועלט, — אַדורכמאַכן א געמיינזאַמען, בשותפותדיקן וועג און דערגיין כמעט צו איין פונקט, צו איין ציל.

עס שטייט געשריבן: „טורא בטורא לא פגע, אינש באינש פגע״, — א באַרג מיט א באַרג קען זיך ניט צונויפטרעפן, אָבער א מענטש מיט א מענטשן טרעפט זיך יאָ צונויף.

די לעצטע צען־צוועלף יאָר פון זייער לעבן האָבן די צוויי „דערווייטערטע״ זיך דערנעענטערט, די צוויי „פרעמדע״ האָבן זיך פאַראייניגט...

אַט-דער רײכער קאַפּיטל אין דער לעבנס-געשיכטע פון די צװײ גדולי-הדור איז אַ זײער אינטערעסאַנטער, קאָלירפולער, פול מיט איבעראַשנדיקע דראַמאַ-טישע, פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכע און קולטור-שאַפערישע פּאַסירונגען אין אונד-זער ייִדישער קולטור-געשיכטע.

דאָס לעבן בכלל און דאָס ייִדישע לעבן בפרט און די אַלע קאַטאַקליזמען און די אַלע ניט-געדאַכטע און ניט-געאַנטע געשעענישן אין דער װעלט האָבן געבראַכט און געפירט דערצו, אַז ראובן ברײנין און ד״ר חיים זשיטלאָװסקי, ניט צוליפּגערעדטערהײט, זײ, די אױסגעהאַלטענע קעמפער און די אומקאָמפּראָ-מיסלעכע טרעגער פון באַזונדערע אידײען און אידעאַלן, — זאָלן אין יענע יאָרן װערן פרײנד און פּאַרטײדיקער פון דעם ניט פּאָפּולערן, אין די רעכטע סאָציאַ-ליסטישע און בירגערלעכע קרײזן, סאָװעטנפאַרבאַנד. און זײ האָבן, װי באַװאוסט, דערפאַר באַצאָלט אַ גאַנץ-הױכן פּרײז... אָבער זײ האָבן זיך דערפאַר ניט דערשראָקן, און די אַלץ-װאַקסנדיקע ביטערע שנאה צו זײ האָט זײ ניט אָפּגעשראָקן...

## 10

ראובן ברײנין און ד״ר חיים זשיטלאָװסקי האָבן אױף זײערע עלטערע יאָרן זיך שװער, זײער שװער, „פאַרזינדיקט״. זײ האָבן אַרױסבאַװיזן טיפע סימפּאַטיע צום סאָװעטישן ייִדנטום און בשעתם געלײגט גרױסע האָפענונגען אױף דער לײזונג פון דער ייִדן-פראַגע אין ראַטנפאַרבאַנד.

דעם 2טן יוני, 1934, אױף דער פײערונג פון דער פּראָקלאַמירונג פון דער ייִדישער אױטאָנאָמיע אין ביראָבידזשאַן, האָט ר. ברײנין, װי פיל ייִדישע שרײבער און טוער, דערקלערט: „איך בין איבערצײגט אַלס מענטש און אַלס ייִד, װעלכער גלױבט אין דעם לעצטן נצחון פון דער סאָציאַליסטישער גערעכטיקײט אױף די יסודות, אױף װעלכע עס איז געגרינדעט דער ראַטנפאַרבאַנד, אַז די ביראָבידזשאַנער דעקלאַראַציע איז אַ װעלט-פּאַסירונג פון דער גרעסטער באַדײטונג״. אין דער זעלביקער דערקלערונג האָט ער צוגעגעבן: „װען איך האָב נאָך מײַן ערשטן באַזוך אין ראַטנפאַרבאַנד, מיט אַכט יאָר צוריק, זיך געװענדט צום װעלט-ייִדנטום מיט אַן ענערגישן רוף צו מיטאַרבעט אין דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין קרים און אין אוקראַינע, בין איך פון מײַנע נעכטיקע פרײנד, מיט װעלכע איך האָב געאַרבעט צענדליקער יאָרן, דערקלערט געװאָרן אַלס אַ פאַררעטער״.

און דאָס בעמלעכע איז, נאָך אין אַ פאַרגרעסערטער פאָרם, פּאַרגעקומען מיט ד״ר חיים זשיטלאָװסקי, װאָס זײַנע אַלטע פרײנד, חסידים, נאָכפאָלגער, פאַרערער האָבן אים דערקלערט, פאַר זײַן פּאַרטײדיקן, אין געװיסע פאַלן און אין געװיסע מאָמענטן, סאָװעטנפאַרבאַנד, פאַר אַ שונא פונעם ייִדישן פאָלק און מען האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, װי באַקאַנט, פאַר פעלשונגען און בלבולים צו דיסקרעדיטירן זײַן שװער-פאַרהאָרעװעטן נאָמען.

און נאָך אַ ניט-פאַרגעבלעכע „זינד״: זײ בײדע (און ד״ר ח. זשיטלאָװסקי

פיל מער און אקטיווער) זיינען דאָך געווען פריינד, סימפּאַטיקער און שטיצער פונעם איקוף. ר. בריינין, צוליב זיין שווערער קראַנקהייט און פריען טויט (סוף 1939) האָט שוין ניט געקענט זיין אקטיוו אין דעם איקוף. אָבער די פאַרבינדונג מיט זיינע ווערק און מיט זיין נאָמען ווערט פאַרגעזעצט. און ד״ר זשיטלאָווסקיס פאַרדינסטן פאַרן איקוף און זיין ראָלע אינעם וואוקס און אויס-געשטאַלטיקונג פון דער אָרגאַניזאַציע, איז דאָך אין לשער (ניט אָפּצומעסטן און ניט אָפּצואוועגן)...

און דאָס סאַמע טרויעריקסטע — די פאַרלוימדונגען און די אָנפאַלן אויף זיי בײדן האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט אויך נאָכן טויט פון די צוויי פאַרדינסטפולע שרייבער-דענקער, די טרוימער און קעמפער פונעם יידישן רענעסאַנס פאַר די לעצטע יאָרצענדליקער.

זיי זיינען געשטאָרבן כמעט אין איין עלטער, א צוויי יאָר איידער זיי האָבן דערגרייכט צו זייערע 80 יאָר, — ראובן בריינין — דעם 30טן נאָוועמבער 1939, און ד״ר חיים זשיטלאָווסקי — דעם 6-טן מאַי 1943.

1962

# י. ל. פרץ און ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

1

עס איז ניט מער ווי א צופאל, וואָס עס זיינען צונויפגעפאלן די צוויי דאטעס — דער 50-סטער יאָרצייט פון יצחק-לייבוש פרץ און דער 100-סטער געבוירנטאָג פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי — אין איין חודש אפריל, אין איין חודש ניסן. אין דער יידישער וועלט, בעיקר — אין דער יידיש-וועלטלעכער קולטור-וועלט, — ווערן ברייט אָפּגעמערקט און געפייערט די צוויי יובל-דאטעס, וועלכע זיינען פארבונדן מיט די צוויי גרויסע, פארדינסטפולע קינסטלער-דענקער, די צוויי פערזענלעכקייטן, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט אזוי פיל צוגעטראָגן צו דער יידישער שאפערישער וועלט פאר די לעצטע דריי-פערטל יאָרהונדערט.

אָבער אין דער אמתן זיינען דאָ צווישן אָט-די צוויי שרייבער-פערזענלעכקייטן פיל מער געמיינזאמס, בשותפותדיקס, טיף-אייגנס און אָרגאנישעס, ווי מיר שטעלן זיך אויבנאויפיק פאָר.

איינער, י. ל. פרץ, איז געבוירן אין 1851, אין פוילן. ער איז געווען דורכאויס א פראָדוקט פונעם פוילישן יידנטום, — דער צווייטער, ח. זשיטלאָווסקי, איז געבוירן מיט א 14 יאָר שפעטער, אין 1865, אין ווייסרוסלאנד, און לכתחילה אויפגעכאָוועט געוואָרן אין א משכיליש-חב״דישער שטוב. אָבער ביידע זיינען זיי דערנאָך געוואָקסן און אנטוויקלט זיך אין דער יידישער און אוניווערסאלער קולטור-אטמאָספער פון לעצטן פערטל פונעם 19-טן יאָרהונדערט, און אויף פארשיידענע אופנים געבראכט צום אויסדרוק אין זייערע גאָר-אנדערשדיקע ווערק און שאפונגען די זוכענישן, די גראַנגלעניש. די מאטעריעלע און גייס-טיקע שטרייטן און פראָצעסן, וועלכע זיינען פארגעקומען אין דעם יידישן און אלגעמיינעם לעבן אינעם צווייטן העלפט פונעם 19-טן יאָרהונדערט. זיי האָבן אויפגענומען די ראדיקאלע און רעוואָלוציאָנערע אויפברויזן, די אידייען און אידעאָלאָגיעס, ניט ווי פרעמדע, זייטיקע געשעענישן און אויפטרייסלונגען, נאָר אליין זיי איבערגעלעבט, אויסגעפיבערט, געווען געטריבן, ווי מענטשן און יידן, געזוכט לייזונג, באמיט זיך אָנקליידן די פריידן-ליידן, די פראגן און פראָבלעמען אין יידישע לבושים און ארויסגעבראכט אין אייגנאַרטיקע, לויט אינהאלט און פאָרם, ווערק, וועלכע זיינען געווען לחלוטין ניי אין יענער צייט, אין די 80-ער און 90-ער יאָרן פונעם 19-טן יאָרהונדערט.

ס׳איז ניט קיין צופאל, וואָס אין 1887-1888 האָבן די צוויי שרייבער-דענקער ארויסגערופן שטוינונג און פאַרוואונדערונג אין דער יידישער שרייבערישער וועלט — איינער, פרץ, מיט זיין „מאָניש״ און דער צווייטער, זשיטלאָווסקי, מיט זיין „געדאנקען וועגן די געשיכטלעכע גורלות פון יידנטום״, — ווייל ביידע האָבן ניט אָנגענומען דעם געוויינלעכן גאנג און וועג פון דעם יידישן סאָציאַלן און גייסטיקן לעבן, זיך געפילט ענג און שטיקנדיק אין די ד׳ אמות פון דער יידישער ווירקלעכקייט און פארלאנגט ענדערונג, אנדערשדיקייט, געקעמפט

קעגן אַנגענומענע הנחות, איינשטעלונגען און טראַכטעניש. ארויסבאַוויזן שטאַרקע אומצופרידנקייט מיט דעם איינגעשטעלטן און איינגעפונדעוועטן, און געווען „צוימען-ברעכער״, איינער אין דער יידישער קונסט און קולטור, און דער צווייטער — אין דער יידישער אידייאישער פּראָבלעמען-וועלט.

מיר זיינען בכלל געוואוינט אין דער יידישער קולטור-וועלט צו קרוינען מיט דער באַצייכענונג „קלאַסיקער״ בלויז די שאַפער פון „שיינער ליטעראַטור״, פון בעלעטריסטיק. אָבער קלאַסיקער מיינט דאָך יעדער אַלגעמיין-אָנגענומענער און אָנערקענטער ניט נאָר שרייבער-קינסטלער, נאָר אויך געלערנטער, דענקער, קאָמפּאָזיטאָר, מאָלער, וואָס זיין קונסט, זיין שאַפן, זיינע ווערק צייכענען זיך אויס מיט פולער רייפקייט, גאַנצקייט און שטעלן מיט זיך פאָר פאַרענדיקטע און שלימותדיקע שאַפונגען, וועלכע ברענגען אַמפולסטן דעם אויסדרוק פון זייער פאָלק, זייער עפּאָכע, פון זייער באַזונדערער קונסט. איז אויב די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור האָט ארויסגערוקט די דורך-אַלעמען אָנערקענטע און פאַרערטע שרייבער-קינסטלער — מענדעלע, פּרץ, שלום-עליכם, — טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר אויך ניט ארויסרוקן קיין דענקער, געלערנטע, פאָרשער אַלס קלאַסיקער, וועלכע האָבן אויף זייער געביט, אין זייערע קולטור-שאַפערישע און וויסנשאַפט-לעכע סביבות און צווייגן דערגרייכט שלימות אין זייערע מוסטערהאַפטע און פאַרגאַנצטע ווערק, וועלכע פאַרנעמען אַ וויכטיקן אָרט, האָבן אויסגעטראָטן נייע וועגן, און געווען גרונטלייגער פאַר נייע, פאַר ווייטערדיקע פאָרמעסטונגען און בויאונגען ?

ד״ר חיים זשיטלאָווסקיס פאַרדינסטן פאַר דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן געדאַנק, פאַר דער אויסברייטערונג פון דער יידישער קולטור-ספערע, פאַר דער באַרייכערונג פון דער יידישער סאָציאָלאָגישער און געשיכטלעך-פילאָזאָ-פישער וועלט, — זיינען אין לשער. מעגן מיר אים באַצייכענען מיט דער אָפּצייכענונג קלאַסיקער, ווייל דאָס, וואָס ער האָט אויף זיין געביט דערגרייכט, גייט אריין אין דעם אייזערנעם פאָנד פון דער יידישער קולטור אינעם פולסטן זינען פון דעם וואָרט.

2

עס זיינען פאַראַן פיל באַריר-פּונקטן און טיפע שייכותן צווישן די וועלט-אָנשויאונגען און די קאָנקרעטע און פּאַקטישע ארויסטרעטונגען פון פּרץ און זשיטלאָווסקי אין פאַרשיידענע צייטן, ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, אויף פאַרשיידענע אופנים וועגן יידישע און אוניווערסאַלע אָנגעלעגנהייטן, פּאַסירונגען און פּראָבלעמען. מען דאַרף און מען קען זיי אויסזוכן און ארויסברענגען. עס זיינען זיכער אויך געווען ביי זיי אומדירעקטע און צייטנווייז — דירעקטע השפעות און קעגנזייטיקע איינפלוסן. די פראַגע פון ייד און וועלט, פון יידן ווי אַ וועלט-פאָלק, דאָס פּראָבלעם פון גלות און ארץ-ישראל, די סאָציאַלע און מאַטעריעלע פּראָבלעמען, קאַמף פאַר רעכט און פאַר זעלבסטרעכט און די כסדרדיקע, דירעקטע און אומדירעקטע, השפעות פון וועלט-קינסטלער און וועלט-דענקער, וואָס ביידע האָבן אויפגענומען, פאַרדייעט און דערנאָך ארויס-

געבראַכט אין זייערע פאַרשיידנאַרטיקע ווערק. דאָס, וואָס טיילט-אויס פּרצן פון זיינע מיטצייטלער און אויך זשיטלאָווסקין פון זיינע בני-דור, — דאָס ווייזט, אַז די צוויי גרויסע פּערזענלעכקייטן האָבן פיל מער שייכות, נאָענטקייט און קרובהשאפט צווישן זיך, ווי מען איז געוואוינט צו טראַכטן.

מיר ווייסן ניט גענוי, — און מען דאַרף עס פעסטשטעלן — ווען אייגנטלעך האָט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי זיך אָנגעהייבן ענגער אינטערעסירן און אריינ-גענומען אין קרייז פון זיין גייסטיקער וועלט פּרצן און זיין שאפן? עס ווייזט אויס, אַז דאָס איז געווען נאָך אין סוף פון 19-טן יאָרהונדערט, ווען ער האָט גענומען זיך אַלץ מער אריינוואַקסן אין דער יידישער שאַפערישער וועלט, זיך איבערגעשמידט אויף נייע קאַמפן, שטרייטן אין דער יידישער קולטור-וועלט, ווען ער האָט געגרינדעט, אין 1896, די „גרופּע יידישע סאָציאַליסטן אין אויסלאַנד" מיטן צוועק ארויסצוגעבן סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אויף יידיש און אָנגעשריבן פאַר י. בלאָשטיינס א „מעשה מיט פיר ברידער" אַן אריינפיר: „פאַרוואָס דווקא יידיש?" און מען האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן זיין פאָררעדע. זיכער איז ד״ר ח. זשיטלאָווסקי געווען אונטער דער השפּעה פון פּרצן און זיינע „יום-טוב-בלעטלעך" פון 1894-1895. א סימן האָבן מיר און אויך אַן עדות-זאָגן פון ד״ר זשיטלאָווסקין גופא. אין זיין אַרטיקל „דער קינסטלער, דער פריידענקער, דער ייד" (דער נאָמען אליין איז כאראַקטעריסטיש), — דער ערשטער אַרטיקל זיינער וועגן י. ל. פּרץ, צוערשט געדרוקט אין 1905 אין דער ניו-יאָרקער צייטשריפט „דער צייטגייסט" (דער זעלביקער נאָמען ווי פון דעם געגרינדעטן יידישן פאַרלאַג „צייטגייסט" אין בערלין, אין 1896, צוזאַמען מיט דוד פּינסקי), — האָבן מיר באַשיינפּערלעכע באַווייזן, אויף וויפל פּרץ איז געווען איינגעבאַקן אין ד״ר זשיטלאָווסקיס האַרץ און מוח. מיר זעען, אויף וויפל ער איז געווען גוט באַהאַוונט אין פּרצעס ווערק און וואָס פאַר א הויכע מיינונג ער איז געווען וועגן פּרצן און וואָס פּרץ האָט פאַר אים באַדייט.

3

מיר ווילן מאַכן א שטיקל „קפיצת הדרך" און קומען צו דער יידישער שפּראַך-קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ פון 1908, וואו זיי ביידע, י. ל. פּרץ און ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, זיינען געקומען אהין דורך פאַרשיידענע וועגן פון פאַרשיידענע לענדער — איינער פון וואַרשע און דער צווייטער — פון ניו-יאָרק, און ניט צונויפגערעדטערהייט פאַרנומען דעם אויבנאָן, געווען די ראשי-המדברים און געשפּילט די וויכטיקסטע ראָלע אויף דער קאָנפערענץ, פאַר און נאָך דעם צונויפקום.

עס וואָלט פאַרנומען פיל אָרט, ווען מיר וואָלטן געפּרוווט, כאָטש בתכלית הקיצור, זיך אָפּשטעלן אויף די פּרטים פון פּרצעס און זשיטלאָווסקיס אויפטריטן, שטרייטן, קאַמפן אין און אַרום דער קאָנפערענץ. אַלגעמיינע באַריכטן זיינען פאַרעפנטלעכט אין בוך „די ערשטע יידישע שפּראַך-קאָנפערענץ" (באַריכטן, דאָקומענטן און אָפּקלאַנגען), ארויסגעגעבן דורכן ווילנער ייוואָ, 1931, וואו מיר

האָבן א גענוי בילד פון די צווי גרויסע שרייבער-דענקער, ווי זיי האָבן, ווי מען זאָגט, „געגנבעט די פאַרשטעלונג", ארויסבאוויזן זייערע ליידנשאַפטלעכע שטארקע כאראקטערן און ארויפגעלייגט זייער שטעמפל אויפן גאנג און אויסגאנג פון דער היסטאָרישער קאָנפערענץ.

ס'איז גוט באקאנט דאָס פאָטאָגראַפישע בילד פון די פינף שרייבער-אָנטיילנעמער פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערעץ, וועלכע זיצן ביי א טישל: י. ל. פּרץ און ד"ר ח. זשיטלאָווסקי אינמיטן — און ארום זיי — ה. ד. נאָמבערג, שלום אַש, אברהם רייזען. און אויך דאָס גרויסע פאָטאָגראַפישע בילד פון דעם סטודענטן-קלוב „יידישע קולטור" אין טשערנאָוויץ, וואָס האָט מיטגעהאָלפן דער אָרגאַניזירונג פון דער קאָנפערענץ, — וואו אויף דער רעכטער זייט זיצן י. ל. פּרץ מיט זיין פרוי, און ארום פרצן — ד"ר ח. זשיטלאָווסקי. אין לויף פון דער שטורמישער קאָנפערענץ, וואָס ניט איין מאָל האָט געהאַלטן, אַז זי וועט אויפגעריסן ווערן דורך די ברויזנדיקע כוואליעס און שאַרפע דיסקוסיעס-שלאַכטן, האָבן זיי ביידע, פּרץ און זשיטלאָווסקי ארויסגעראַטעוועט די קאָנפערענץ מיט זייער אויטאָריטעט און אחריות פאַר די הויכע הייליקע צילן, פאַר וועלכע די שפּראַך-קאָנפערענץ איז גערופן געוואָרן.

און דער עיקר — יעדער איינער פון זיי האָט דערנאָך פאַרגעזעצט מיט ברען און טרייקייט צו רעאַליזירן אייניקע וויכטיקע באַשלוסן און וואונטשן פון דער קאָנפערענץ. אין א רעפעראַט, וואָס פּרץ האָט געהאַלטן מיט א צוויי יאָר שפּעטער, אין 1910, האָט ער געזאָגט צווישן אנדערן: „איר ווייסט, אַז אין טשערנאָוויץ איז פאַרגעקומען א קאָנגרעס פון יידישע שרייבער. מ'האָט געשטעלט די פראַגע: וואָס איז יידיש — א נאַציאָנאַל אָדער א פאָלקס-שפּראַך? מען האָט געענטפערט: א נאַציאָנאַל-שפּראַך. נאָכגעבנדיק דער מערהייט, האָב איך אויך אונטערגעשריבן די רעזאָלוציע..." פּרץ האָט ניט נאָר באַווירקט און דערהייבן, מיט זיין בייזיין, די קאָנפערענץ, נאָר ער איז אויך באַאייַנפלוסט געוואָרן פון איר. ער האָט זיך ארומגעטראָגן מיט גרויסע פּלענער צו פאַראייניקן די יידישע קולטור-שאַפערישע כוחות איבער דער גאַרער וועלט, און, ניט געקוקט אויף די שווערע באדינגונגען און געלט-מאנגל און ניט האָבנדיק קיין פרייע צייט פון דער גמינע, וואו ער איז געווען לאַנגע יאָרן ממש פאַרשקלאַפט, האָט ער געפּלאַנט צו מאכן א רייזע קיין אמעריקע, געבויט פאַרשיידענע „שלעסער" און צווישן אנדערן — שאַפן א צענטראַלע יידישע טריבונע, א חודש-שריפט מיט דער באַטייליקונג פון די אָנגעזעענסטע קינסטלער-שרייבער פון דער יידישער וועלט, וואָס האָט געזאָלט זיין א דערגאַנצונג, א המשך פון טשערנאָוויץ.

אויף אַן אנדערן אופן און פאַרנעם האָט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי אין זיינע אַלע ווייטערדיקע קולטור-געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן באַמיט זיך, אין וואָרט און אין טאַט, אין שריפט און אין אָרגאַניזיר-ארבעט, צו רעאַליזירן און פאַר-ווירקלעכן די רעזאָלוציעס און באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ.

## 4

די פאַרגלייכן צווישן פּרץ און זשיטלאָווסקי קען מען פירן ווייטער און ווייטער, און אָנווייזן אויף פיל מאָמענטן, וועלכע דערנעענטערן זיי און מאכן זייערע וועלט-אָנשויאונגען, זייערע גרונט-אידייען, זייערע אני-מאמינס באַעגט און ענלעך. ביז די לעצטע יאָרן פון זייערע לעבנס האָבן זיי ביידע פאַרהיט פרישקייט פון געפיל, פון געדאַנק, פון גייסט, און זיי זיינען געווען אלעמאָל ווי באַנייטע, פאַריונגערטע, אין זייערע בליקן אויף דער יידישער געשיכטע, און זייער אויפפאַסונג פון עם ישראל און פון ארץ ישראל!

האָט פּרץ אייגנהאַנטיק אָנגעשריבן זיין „אני-מאמין״ און צווישן אנדערן געזאָגט: „אויב דאָס אויפלעבן פון יידישן פאָלק הייסט ביי אייך „ציוניזם״ — מה טוב! געהער איך דאַצו, האָב איך א טייל דערינען... דאָס גלות פאַרלייקן איך ניט. דאָס איז דאָס שלאַכט-פעלד, וואו מיר מוזן זיגן. ביי דער גאַנצער בענקשאַפט צו ארץ-ישראל [ניט צום „פּאַטערלאַנד׳ לויטן גויאישן באַגריף] גלויב איך פעסט אין יידישן וועלט-פאָלק, ווי דער פּראָפעט האָט עס געזען...״ (זע „בריוו און רעדעס״, ניו-יאָרק, 1944, ז׳ 352). און ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט מיט א 25 יאָר שפּעטער, אין 1938, אין אן אַרטיקל „מיט אייגענע כוחות״ געשריבן: „...אונדזער דרייפאַכיקע באַפרייאונג [נאַציאָנאַלע, קול-טורעלע און סאָציאַלע, — נ. מ.] טאָר ניט זיין פאַרבונדן נאָר מיט איין-און-אייניציקן אויסדערוויילטן לאַנד. מיר זיינען איצטער אן אַלוועלטלעך פאָלק. אין יעדן יידישן וואוינלאַנד מיט גרעסערע יידישע מאַסן, אָדער מיט דער אויסזיכט אויף א גרעסערער יידישער אימיגראַציע דאַרף פאַר אונדזער עפנטלעכער טעטיקייט לייכטן דער זעלביקער דרייפאַכיקער אידעאַל פון אונדזער ווידערגע-בורט״ („ייד און וועלט״, ז׳ 229).

אין זיין היסטאָרישער רעדע, וואָס ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן אויפן הזכרה-אָוונט אין ניו-יאָרק, צו פּרצעס „שלשים״, אַפּריל 1915, האָט ער צווישן אַנדערן געזאָגט: „...צו פּילזייטיק און פאַרשיידנאַרטיק איז פּרצעס שאַפן, מען זאָל עס קענען ארומנעמען מיט איין בליק. פּרצעס גייסט איז געווען א וואונדערבאַרער אָרגאַניזם מיט הונדערטער שפּיריקע נערוון, תמיד אָנגע-צויגענע, תמיד וויברירנדיקע, יעדער נערוו מיט זיין אייגענעם טאָן. וואָס יענע הונדערטער נערוון האָבן ארויסגעבראַכט פון זיך, איז א סימפאָניע פון טענער, פון וועלכע עס קלינגען אונדז אַנטקעגן: די אַלגעמיין-מענטשלעכע קאַמפן פון זיין צייט, דיליידן, האָפענונגען און דער נצחון-קאַמף פון זיין יידישן פאָלק, די בענקשאַפט פון זיין דור, די פּראָבלעמען פון זיין קונסט, די אייביקע סודות-פּולע שאלות פון דעם מענטשלעכן דענקען בכלל...״

און בכלל — אָט-די רעדע, ווי זיינע אַנדערע אָפּהאַנדלונגען, וואו ד״ר זשיטלאָווסקי האָט געוואָלט זיך דערגרונטעווען צו די עיקר-עלעמענטן און צו דעם מהות פון פּרצעס שאַפן-דענקען, — זיינען פאַר אונדז אינטערעסאַנט אויך דערמיט, וואָס זיי וואַרפן גלייכצייטיק א ליכט אויף זשיטלאָווסקיס קאָמפּליצירטער און קאַלירפולער געשטאַלט. ער האָט זיך איבערגערופן מער

און אַפּטער מיט פּרצן, ווייל ער האָט געפילט קרובהשאפט, נאָענטקייט אין זיינע ספּאָנטאַנע און אימפּולסיווע אויפרעגונגען-אַנרעגונגען, ווי אויך אין זיינע טראַכטעניש און דערגרייכענישן, וועלכע פּרץ האָט געבראַכט צום אויסדרוק אין זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען און אין אַלע אַנדערע ספּורי-מעשיות און עסייען, וועלכע האָבן פיל געמיינזאַמס מיט ד"ר זשיטלאָווסקיס געדאַנקען און ווירזיעס, וועלכע ער האָט אַנגעקליידט אין אַנדערע אייגנאַרטיקע לבושים.

אויסער פאַרשיידענע ערטער, שטעלן, וואָס זיינען געווידמעט פּרצן, וועלכע מען קען געפינען אין זשיטלאָווסקיס ווערק, האָבן מיר פיר גאַנצע אָפּהאַנדלונגען, וואָס ד"ר זשיטלאָווסקי האָט פאַרעפנטלעכט אין 1905, אין 1915 און די לעצטע — אין 1940. צוויי פון זיי — זיינען רעדעס, פייערלעכע רעדעס, מאַניפעסטאַציעס פון ד"ר ח. זשיטלאָווסקי לכבוד און אין אָנדענק פון פּרצן, זיין געשטאַלט און זיין וועלט-באַנעם. אין יעדער פון אָט-די אָפּהאַנדלונגען, געהאַלטן, ווי מיר זעען, אין א „צווישן" פון 35 יאָר (1905-1940) האָבן מיר ניט סתם א פּרואוו צו שילדערן און כאַראַקטעריזירן פּרצן דעם קינסטלער-דיכטער, נאָר בעיקר און קודם כל פּרצן דעם דענקער, מיט וועלכן ד"ר זשיטלאָווסקי איז געווען באַזונדערס, מיט לייב און לעבן, ענג און אָרגאַניש פאַרבונדן.

נאָך אין 1915, א פּאָר וואָכן נאָך פּרצעס טויט, האָט ד"ר זשיטלאָווסקי זיך בעיקר אָפּגעשטעלט און אַרויסגערוקט פּרצעס נאַציאָנאַלע באַדייטונג, געהאַט דעם ווילן וועגן דעם צו רעדן אויף אַן אָוונט, געווידמעט פּרצעס אָנדענק, צו די שלושים אין א גרויסן זאַל, ביים בייזיין פון א דריי טויזנט צוהערער. ווייל ער האָט געהאַלטן און געווען זיכער, אַז דאָס איז דער תוך, דער עיקר און דער תמצית פון דער פּרץ-געשטאַלט, פון דער פּרץ-פּערזענלעכקייט, פון פּרצעס גייסטיקן מהות.

„איך האָב דאָ אינזינען..." — האָט ד"ר זשיטלאָווסקי געזאָגט, — „איך מיין די באַדייטונג פּרצעס פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און אונדזער ווייטערדיקער פּרייער אַנטוויקלונג, זיין ראָלע אין דער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג פון אונדזער פאָלק... — — — איך האָב דאָ אין אויג אונדזער אינעווייניקסטן קאַמף, אונדזער ראַנגלען זיך מיט זיך אַליין, אונדזער אַנגעווייטיקטן דענקען מכוח דעם נאַציאָנאַל-יידישן **האַמלעט-פּראָבלעם**: זיין אָדער ניט זיין אויף דער וועלט, ווי א פאָלק".

5

און מיט פולע 25 יאָר שפּעטער, אין 1940, א צוויי-דריי יאָר פאַר זיין טויט, האָט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, שוין א 75-יאָריקער, א מיד-מידער, א פיזיש ניט-אינגאַנצן קיין געזונטער, האָט ער געהאַלטן א רעפעראַט אויף א פּרץ-פייערונג, אַראַנזשירט דורכן איקוף אין ניו-יאָרק, צו י. ל. פּרצעס 25-סטן יאָרצייט, וועלכע ער האָט אָנגעהייבן בזה הלשון: „אין א רעדע אויף דער ערשטער הזכרה נאָך פּרצעס אָפּלעבן האָב איך אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז מיר דאַרפן באַטראַכטן פּרצן ווי דעם פאָטער פון דער מאָדערנער

יידישער ליטעראַטור, ווייל נאָר מיט אים הערט די ליטעראַטור אויף צו זיין איינצעלנע עפּיזאָדן און זי ווערט א שטראָם, וואָס גיסט זיך פאַנאַנדער אין אַן אַלץ-ברייטערן פלוס... — — — פּרץ מוז באַטראַכט ווערן ווי דער פאָטער פון דער יידישער ליטעראַטור, ווייל אַלע קומענדיקע קינסטלער נאָך אים שטייען אונטער דער קלאָרער השפּעה פון זיין שאַפן, הגם יעדער איינער האָט זיך זיין אייגענעם דרך...״

אין זיין אינטערעסאַנטן רעפעראַט, וואָס ד״ר זשיטלאָווסקי האָט אָנגערופן „פּרץ, דער נביא פון קאַמף״, האָט ער זיך באַוואָרנט, אַז עס איז ניט זיין אויפגאַבע צו רעדן וועגן פּרצן בכלל, „צו קריטיקירן פּרצן דעם דענקער און דעם יידן, באַוואונדערנדיק אין אים זיין רייכע נשמה, זיין ריזן-גרויסע שאַפונגס-קראַפט, זיין אויסטערליש-אָריגינעלן טאַלאַנט. איך האָב נאָר געוואָלט קורץ סקיצירן וואָס עס האָט געבראַכט זיין גרויסע השפּעה אויף זיין דור און אויף די אויפקומענדיקע דורות פון יידישן ליטעראַרישן שאַפן, — אַזאַ השפּעה, אַז ער איז אַ לאַנגע צייט געווען די פולע פאַרקערפּערונג פון אונדזער יונגער ליטעראַטור״.

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט פאַרענדיקט די רעדע: „אין קורצן קען דאָס אויסגעדריקט ווערן אַזוי: אין סוף אַכציקער און אין די ניינציקער יאָרן פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט, איז ביי אַ גרויסן טייל פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און פון דער יידישער אינטעליגענציע דערוואַכט געוואָרן דער ווילן צו אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן און צו אַ קאַמף פאַר דער פאַר-ווירקלעכונג פון די העכסטע אידעאַלן סיי אין דעם אייגענעם יידישן לעבן, סיי אין דעם לעבן פון דער גאַנצער מענטשהייט. פּרצעס שאַפן איז געווען דער בעסטער אויסדרוק פון אָט-דעם אויפגעוואַכטן ווילן צו לעבן און צו קעמפן און ניט אונטערצוגעבן זיך, ווי עס זאָל זיך אַמאָל ניט דוכטן, אַז די ערד וויל אונדז איינשלינגען. קעמפן! שטרעבן צו טריאומף דורך די העכסטע קרבנות! — דאָס איז פּרצעס רוף; דערפון זיין ווירקונג. דאָס איז אויך זיין צוואה, צו די דורות״.

איז עס ניט אויך ד״ר חיים זשיטלאָווסקיס צוואה, זיין רוף צו אונדז, זיין רוף צו די דורות?

און צו דעם אַלעם, קומט-צו נאָך אַ פּרט: יעדער איינער האָט אויף די עלטערע יאָרן, — י. ל. פּרץ (אין 1913 — אַ צוויי יאָר פאַר זיין טויט) — און ד״ר ח. זשיטלאָווסקי (אין 1940 — אַ דריי יאָר פאַר זיין טויט), ווען זיי זיינען צוגעטראָטן צו שרייבן זייערע זכרונות, האָבן זיי כמעט אויפן זעלביקן אופן רעאַגירט אויף דעם, וואָס זיי קומט-אויס אונטערציִען אַן אונטערשטע שורה צו זייערע לעבנס. זיי זיינען ניט געגרן געווען צו מאַכן אַ סך-הכל, — ווייל זכרונות פאַרלאַנגט מען פון אַלטע און עלטערע, אָבער זיי פילן זיך כלל ניט אין דער לאַגע פון זקנים.

עס שרייבט פּרץ אין זיין אריינפיר צו די זכרונות:



אין טשערנאָוויץ : ה. ד. נאָמבערג, ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, שלום אש, י. ל. פּרץ
**אברהם רייזען.**



סטודענטן-קלוב „יידישע קולטור״ אין טשערנאָוויץ, מיט די איניציאטאָרן.
זיצן : י. ל. פּרץ און זיין פרוי, פאָרזיצער פון קלוב, און נתן בירנבוים און זיין
פרוי ; שטייען : ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, ה. ד. נאָמבערג (דער 4-טער), א. רייזען
שלום אש (דער לעצטער).

„איר פאַרלאַנגט פון מיר, איך זאָל אייך שרייבן וועגן זיך אַליין, איך טו אייך צוליב. אין דער איינלאַדונג, ווי שמייכלהאַפט זי זאָל ניט זיין, שטעקט אפילו א ביטערלעך קערנדל: נאָר פון עלטערע — אַלטע גלוסט זיך מיר ניט זאָגן, איך האָב אפילו ערגעץ מיין מעטריקע פאַרוואָרפן, — נאָר פון עלטערע לייט פאַרלאַנגט מען זכרונות. צו מיר, הייסט עס, זאָגט איר: האָסט אָנגעפילט א שייער, דערלאַנג דעם שליסל... — — — וועל איך שרייבן, איבערגעבן דעם שליסל שריפטלעך. וועט בלייבן צייט, וועל איך מיר א נייעם שייער בויען און אָנפילן, און וועט דער אַלטער שליסל ניט פּאַסן, און עס וועט נאָך בלייבן צייט, וועל איך געבן א נייעם...״

און מיט אַנדערע ווערטער, אָבער אין זעלבן כאַראַקטער און געמיט-צושטאַנד, שרייבט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי אינעם אריינפיר צום צווייטן באַנד פון די „זכרונות פון מיין לעבן״ (1940): „די ‚זכרונות פון א יידישן סאָציאַליסט׳ האָב איך אָנגעהייבן שרייבן ניט פון אן אינעווייניקסטן ‚נשמה-דראַנג׳. ניט קוקנדיק אויף מיין היפּש טיפער עלטער, האָב איך נאָך גאָר קיין ברעקל חשק ניט אָוועקצוזעצן זיך אויף דער ‚פריזבע׳ ווי דאָס טוען אויסגעדינטע סאָלדאַטן, וואַרעמען זיך אויף דער זון און דערביי דערציילן זייער לעבן פאַר אייניקלעך און גלאַט נייגעריקע... — — —איך באַטראַכט מיך נאָך פאַר א סאָלדאַט אין ‚אַקטיוון דינסט׳... די פאַרגאַנגענהייט מיט אירע עפּיזאָדן האָט גענומען אַריינשטורעמען אין מיין זכרון, אַפּשטופּנדיק אָן א זייט די דאגות פון ‚היינט׳. איך האָב ניט געוואָלט לעבן אין איר און מיט איר, ווי איך וויל דאָס אויך ניט איצט״ (ז׳ 7).

זיי ביידע, פּרץ און זשיטלאָווסקי, האָבן ניט געהאַלטן, אַז זייער שאַפונגס-גאַנג איז שוין פאַרענדיקט. אדרבא, זיי זיינען נאָך געווען פול מיט שטאַרקן ווילן אויף נייע פּאַרמעסטן... אין אָט-דעם גייסט באַדאַרפן מיר אָפּצייכענען און פייערן די צוויי גרויסע יובל-דאַטעס, וואָס פאַלן-אויס היי-יאָר אין איין צייט.

1965

# הויפּט-דאַטעס אין לעבן און שאַפן פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

1865: דעם 19טן אַפּריל (כ״ג ניסן), געבוירן אין אושאַטי, וויטעבסקער גוב.

1868: אַריבערגעפאָרן מיט די עלטערן קיין וויטעבסק. געלערנט אין חדר ביז 11 יאָר.

1877: זיך באַקענט מיט דער רוסישער ליטעראַטור, אויך מיט דער העברע־אישער. צו 12 יאָר אָנגעשריבן אויף העברעאיש אַ מעשה לויט ביטשער סטאָוס „פּעטער טאָמס שטיבל״, אויסגענוצט דערביי די יידישע באַאַרבעטונג פון א. מ. דיקס דערציילונג.

1878: צו דער בר־מצווה געהאַלטן אַ דרשה: „אויף וועלכער האַנט דאַרף אַ געלינקטער לייגן תפילין״. זיך באַקענט מיט שלמה זאַנוולען (ראַפּאָפּאָרט, שפּעטער — אַנסקי). אײנאײנעם מיט אים גיט חיים אַרויס אַ זשורנאַל אין יידיש „וויטעבסקער גלעקלעך״, וואו שלמה זאַנוול איז דער פּובליציסט און חיים — דער בעלעטריסט. זיי גייען גיך אַריבער צו רוסיש און צו דייטש.

1879: אַריינגעטראָטן אין וויטעבסקער רוסישער גימנאַזיע. אָנשטאָט חיים — רופט מען אים יעפים. באַקאַנט זיך מיט נייע חברים, און דורך זיי קומט ער צו סאָציאַליסטישע שריפטן, צו קאַרל מאַרקס און פ. לאַסאַל. באַשליסט מיט שלמה זאַנוול צו פאַרלאָזן די בורזשואזע הויז, די גימנאַזיע, און „גיין אין פאָלק״.

1881: אַנטלויפט פון דער היים, קומט קיין קאַלוגאַ, דערנאָך (אָנהויב 1882) קיין טולאַ.

1882: באַקענט זיך מיט די אידייען פון די רוסישע ראַדיקאַלע דענקער. ווערט אַריינגעצויגן אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און דערווייטערט פון יידיש.

1883: קומט מיט זיין מוטער אויף די זומער־חדשים צו איר ברודער קיין אושאַטי, וואו ער טרעפט דעם „המליץ״, „הצפירה״ און פאַראינטערעסירט זיך מיט די נאַציאָנאַלע שטימונגען און אידייען, מיט דער פּאַלעסטינאָפילישער באַוועגונג, מיט די „בילוצעס״, לייענט אויך יידיש. עס קומט פאָר ביי אים אַ קער צוריק צום יידישן פאָלק, צו יידישקייט. עס דערשיטערן אים די פּאָגראָמען אויף יידן אין רוסלאַנד. ניט צופרידן מיט דער שטעלונג פון די „נאַראָדאָוואָלצעס״, זוכט אייגענע וועגן צו פאַרענטפערן די יידן־פראַגע.

1884: טראָגט זיך אַרום מיט פּלענער צו גרינדן אַ פאַרלאַג און אַרויסגעבן אַ זשורנאַל צו פאַרשפּרייטן זיינע געדאַנקען.

1885: באַשליסט צו גרינדן אַן אומלעגאַלע יידישע אָרגאַניזאַציע „תשועת ישראל״. צו קעמפן קעגן חיבת־ציון און צו פּראָפּאַגירן דעם פּראָגרעסיוו־יידישן נאַציאָנאַליזם אויף סאָציאַליסטישע יסודות מיט יידיש אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך.

1886: פאָרט קיין פּעטערבורג צו שטודירן די יידישע געשיכטע און די נאַציאָנאַלע פראַגע אין פאַרבינדונג מיט די אידעאַלן פון סאָציאַלן פּראָגרעס.

1887: ער שרייבט אָן אין רוסיש א בוך: „מיסלי אָב איסטאָריטשעסקיך סודבאך יעווריעיסטוואַ״ (געדאנקען וועגן די געשיכטלעכע שיקזאלן פון יידנטום). גיט עס ארויס אין מאָסקווע (128 זייטן). צוריקגעקומען קיין וויטעבסק, וואו העקטאָגראַפירט און פאַרשפרייט אויסגאַבן פון די „נאַראָדאָוואָלצעס״ צווישן די יידישע מאסן. זיך געלערנט סטאָלעריי צו ווערן א בעל-מלאכה.

1888: פאָרט קיין בערלין. חתונה געהאט מיט ווערא לאַכאָוו. געמוזט פאַרלאָזן דייטשלאַנד. געקומען קיין צוריך, וואו שטודירט אין אוניווערסיטעט. צוזאמען מיטן סטודענטן-קרייז „חובבי-ציון״ געגרינדעט אן אומפּאַרטייאישע יידישע סטודענטן-אָרגאַניזאַציע „פעראיין פיר וויסענשאפט אונד לעבן דעס יודישן פאָלקעס״.

נעמט אָנטייל אין די שאַרפע דעבאַטן צווישן די „פאָלקס-פרייהייטלער״ מיט די מאַרקסיסטן. זיך באַפריינדט מיט חנן (שאַרל) ראַפּאָפּאָרט, געגרינדעט א „געזעלשאפט צו קעמפן מיטן הונגער״, פון וועלכן ס׳האָבן דאן געליטן די רוסישע פויערים. זיך דערנעענטערט צו לודוויג שטיין, דעם באַוואוסטן פּריוואַט-דאָצענט פון ציריכער אוניווערסיטעט.

1890: אריבערגעפאָרן קיין בערן, וואו ער זעצט פאָר זיין סאָציאַליסטיש-רעוואָלוציאָנער-יידישע פּראָפּאַגאַנדע. שטודירט פילאָזאָפיע. גרייט זיין דאָקטאָראַט-ארבעט (אין דייטש), א. ג. „אברהם אבן דוד [ראב״ד הראשון] און דער אָנהייב פון דעם אריסטאָטעלישן פּעריאָד אין דער יידישער רעליגי-אָנס-פילאָזאָפיע״. באַקומט דעם טיטל „דאָקטאָר-פילאָזאָף״.

1891: עס דערשיינט אין לאָנדאָנער „די פרייע וועלט״ זיין ערשטע שאפונג אין יידיש — א פרייע יידישע איבערזעצונג פון ס. פריודאָנס פּאָעמע „דער חלום פון א לײדיקגייער״ און זיין איבערזעצונג פון ה. היינע „דאָס שקלאַפן-שיף״.

ווייזט ארויס אן אקטיוון אינטערעס צום יידיש-געזעלשאפטלעכן לעבן.

1892: פאַרעפנטלעכט (אין רוסיש) א-פּ. י. כאַסין, זיין בראָשור „יעווריעי ק׳ יעווריעיאם״ (א ייד צו יידן), וואו פאַרלאַנגט צו קעמפן ניט נאָר פאַר ביר-גערלעכער, נאָר אויך פאַר נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג.

1893: צוזאמען מיט זיין פרוי, ווערא, חנן ראַפּאָפּאָרט, מענדל ראָזענבוים א. אנד. געגרינדעט דעם פאַרבאַנד פון די רוסישע סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן. אייגער פון די פירער פון דער רוסישער סאָצ. רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי.

1896: געגרינדעט א „גרופּע יידישע סאָציאַליסטן אין אויסלאַנד״, מיטן צוועק ארויסצוגעבן סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אויף יידיש. די גרופּע איז שפּעטער צוגעשטאַנען צום „בונד״. צוגעגרייט אן איבערזעצונג פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״. אָנגעשריבן פאַר י. בלאָשטיינס א „מעשה מיט 4 ברידער״ און ארייגפיר „פאַרוואָס דווקא יידיש?״ מען האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן די פאָררעדע.

ס׳איז געגרינדעט אין בערלין, מיט זש׳ס הילף, א פאַרלאַג (מיט דוד פּינסקי בראש) א. נ. „צייטגייסט״.

1897: בייגעווויינט דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. נאָכן קאָנ-גרעס אָרגאַניזירט אין באַזעל א פאַרזאַמלונג מיטן צוועק צו באַקענען די דעלעגאַטן מיטן פּראָגראַם פונעם געגרינדעטן יידישן פאַרלאַג „צייטגייסט״,

ארויסגעטראָטן מיט א שאַרפער רעדע, דער תמצית פון זיינע שפּעטערדיקע יידישיסטישע געדאַנקען-אַנשויאונגען.

1898: פאַרעפנטלעכט א״פ בן אהוד אין בונדישן אומלעגאַלן זשורנאַל „דער יידישער ארבעטער״ (נומ. 6) דעם שפּעטער בארימט-געוואָרענעם ארטיקל „ציוניזמוס אָדער סאָציאַליזמוס״. צום 5טן, לעצטן, קאַפּיטל, האָט די רעדאַק-ציע פון „דער יידישער ארבעטער״ צוגעגעבן א לענגערע באַמערקונג, אַז „דער ארטיקל [קאַפּיטל 5] דריקט אויס ניט אונדזער, נאָר דעם אויטאָרס מיינונג...״

איבערגעזעצט אין יידיש לידער פון היינע, הערוועג, פאַן סאַלעט פאַרן „יידישן ארבייטער״.

פאַרעפנטלעכט (אין רוסיש, א״פ ס. גריגאָראָוויטש) דאָס בוך „סאָצי-אַליזם אי באָרבא זא פּאָליטישעסקוי סוואָבאָדו״ (סאָציאַליזם און דער קאַמף פאַר פּאָליטישער פרייהייט), זשענעוו, 120 ז״ז.

1899: דערשינען אין א ביכל די אָפּהאַנדלונג „ציוניזמוס אָדער סאָציאַליזמוס״, ארויסגעגעבן דורך דער „רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער ארבעטער-פּאַרטיי, אַלגעמיינער יידישער ארבעטער בונד אין רוסלאַנד און פּוילן״ (לאָנדאָן, 32 ז״ז).

פאַרעפנטלעכט אין ווין (דייטש) „דער סאָציאַליזמוס און די נאַציאָנאַ-ליטעטן-פראַגע״, 40 ז״ז, אָפּדרוק פון „דייטשער וואַרטע״, 1899.

1900: געגרינדעט דעם „אַקאַדעמישן פאַרלאַג פאַר סאָציאַלע ווויסנשאַפטן״, אין דייטש, וואָס האָט איבערגענומען דעם זשורנאַל „סאָציאַליסטישע מאָ-נאַטסהעפטע״. איניציאַטאָר און הויפּט-טוער פון דער „אַגראַר-סאָציאַליס-טישער ליגע״ צו פאַרשפּרייטן סאָציאַליזם צווישן די פּויערים און צו פאַראייניקן אַלע רוסישע „פּאָלקיסטן״.

פאַרעפנטלעכט ארטיקלען אין „נאַקאַנוניע״, „נאַוואָיע סלאָוואָ״, „רוס-קאָיע באָגאַטסטוואָ״. אינעם לעצטן — זיין אָפּהאַנדלונג „דער מאַטעריאַליזם און די דיאַלעקטישע לאָגיק״ (דערשינען אין בוכפאָרם, איבערגעדרוקט אין יידיש אין 1913).

1902: געדרוקט ארטיקלען אין רוסיש-יידישן „וואָסכאָד״ וועגן אַריסטאָטעליזם אין דער יידישער רעליגיאָנס-פילאָזאָפיע, א. אנד.

1903: זיך צעשיידט מיט זיין פרוי ווערא.

1904: פאַרלאָזט בערן, זיך באַזעצט אין אַמסטערדאַם, וואו געזאָלט ווערן פּראָ-פעסאָר פונעם געפּלאַנטן פרייהייטלעכן אוניווערסיטעט.

זיך באַטייליקט אינעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס.

ווערט דעלעגירט דורך דער ס. ר. פּאַרטיי, צוזאַמען מיט דער „באַבושקא פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע״ ברעשקאָ-ברעשקאָווסקאַיאַ קיין אַמעריקע, צו פירן פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער פּאַרטיי, גלייכצייטיק אַגיטירט ער פאַר זיין נאַציאָנאַל-יידישער פּראָגראַם. ער הייבט אָן ארבעטן ניט נאָר „פאַר יידן״, נאָר אויך „צווישן יידן״. אויפגעטראָטן מיט רעפעראַטן אין רוסיש, אין יידיש, צווישן אַנדערן געגן א. ט. „ייד און מענטש״, „די צוקונפט פון פעלקער אין אַמעריקע״ א. אנ. עפנטלעכע דעבאַטן וועגן נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פראַגן מיט יעקב גאָרדין, ד״ר י. מעריסאָן. פאַרעפנטלעכט

אַרטיקלען אין „פֿאָרווערטס", „צוקונפֿט", „וואַרהייט" וואו פֿאָרמולירט זיינע אידייען וועגן אויטאָנאָמיזם, סאָציאַליזם, נאַציאָנאַליזם א. אז. וו.
צוזאַמען מיט ה. זאָלאָטאַראָוו און משה קאַטץ רעדאַקטירט דעם וועכנט-לעכן אָרגאַן פֿון די סאָצ. טערריטאָריאַליסטן „דאָס פֿאָלק".
מיטגעאַרבעט אינעם אומלעגאַלן אָרגאַן (אין רוסיש) פֿון די סיימיסטן „וואָזראָזשדעניע".

1906 : זיך צוריקגעקערט קיין אייראָפּע, געלעבט אין לעמבערג, וואו געאַרבעט פֿאַר די ס"ר און פֿאַר די סיימיסטן. אָנגעשריבן „בריוו פֿון א יידישן סאָציאַליסט" (פֿאַר דער „פֿאָלקסשטימע" — אין יידיש), „דער עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם און די נאַציאָנאַלע פֿראַגע" א. אנד. (אין רוסישן זאַמלבוך „סערפּ") א. אנ.
געקומען קיין וויטעבסק, וואו אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַלס קאַנדידאַט פֿון וויטעבסקער גוב. צו דער צווייטער גאָס. דומע.
זיך אויסבאַהאַלטן אין פּעטערבורג, מאָסקווע און אין פֿינלאַנד.
איניציאַטאָר פֿונעם קאָנגרעס פֿון די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָענט צו ס. ר.

1907 : זיך באַטייליקט, ווי א פֿאָרשטייער פֿון ס"ר און סיימיסטן, אין שטוטגאַרט אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס.
פֿאַרעפֿנטלעכט טעאָרעטישע אַרבעטן אין „פֿאָלקס-שטימע": „דאָס פּראָלעטאַריאַט און זיין סאָציאַל-פּאָליטישער שטאַנדפּונקט", „דער באַגינען פֿון דער יידישער ווידער-אויפֿלעבונג" א. אנד.

1908 : געקומען קיין אַמעריקע אין שליחות פֿון ס"ר און סיימיסטן און זיך באַזעצט אין לאַנד.
אייבער פֿון די איניציאַטאָרן פֿון דער טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפֿערענץ. זיך אַקטיוו באַטייליקט אין איר. געשפּילט אַן אָנפֿירנדיקע ראָלע.
אָנטייל גענומען אינעם לאָנדאָנער קאָנגרעס פֿון די סיימיסטן, און אין דער זיצונג פֿון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ.
אויפֿגעטראָטן מיט לעקציעס אין פֿאַרשיידענע שטעט. צוריקגעקומען קיין אַמעריקע. דערשינען אין ניו-יאָרק, אין דעצעמבער, ערשטער נומער פֿונעם מאָנאַטלעכן זשורנאַל „דאָס נייע לעבן", וואו פֿאַרעפֿנטלעכט אין די קומענדיקע יאָרן וויכטיקע אָפּהאַנדלונגען.

1909 : אַרומגעפֿאָרן איבער אַמעריקאַנער שטעט און געהאַלטן פּאַרטיפּטע לעקציעס.

1910 : דערשינען זיין בוך „די פֿילאָזאָפֿיע, ווי זי איז און ווי זי האָט זיך אַנטוויקלט" (אַריינפֿיר און דאָס שטודיום פֿון פֿילאָזאָפֿישע פּראָבלעמען; די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג פֿונעם פֿילאָזאָפֿישן געדאַנק). ניו-יאָרק, 2 בענד, 586 זייטן).

1911 : געפּלאַנט און געאַרבעט אויף א 6 בענדיקער „גייסטיקע געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק", וואָס געוואָלט אָנהייבן צו דערשיינען אין 1912, צום 25טן יובל. דערנאָך איבערגעריסן די אַרבעט.

1912 : געפֿייערט געוואָרן דער 25טער יובליי פֿון זיין ליטעראַרישער טע-טיקייט.

דערשינען די ערשטע 4 בענד „געזאמלטע שריפטן" פון דער „יובי-לייאום-אויסגאבע".

1913 : א לעקציע-טור איבער די סטודענטישע קאָלאָניעס אין פראנקרייך, בעלגיע, דייטשלאנד, עסטרייך און שווייץ.

1914 : באזוכט ארץ-ישראל, פארלאָזט דאָס לאנד צוליבן טעראָר פון די פאנאטיקער-העברעער, וואָס האָבן אים ניט געלאָזט עפנטלעך אויפטרעטן אין יידיש.

ביים אויסברוך פונעם וועלט-קריג געקומען צוריק קיין אמעריקע. געוואָרן מיטארבעטער אין „טאָג", זינט נאָוועמבער 1914. צייטווייליק מיטגעארבעט אין דער טעגלעכער צייטונג „צייט", אָרגאַן פון פוע"צ. געווען אקטיוו אין דער באוועגונג פארן „אמעריקאנער יידישן קאָנגרעס".

דערשינען זיינע ביכער: „ייד און מענטש", „איוב", טאָלסטאָי, ניטשע און קארל מארקס", „די מאכט פון אמת", „מעטערלינקס בלויער פייגל".

1916 : אריינגעטראָטן אין דער פועלי-ציוניסטישער פארטיי. דערשינען זיין בראָשור „דער סאָציאליזם און די סאָצ-רעוואָלוציאָנערן". מיטגעארבעט אין „יידישן קעמפער", „יידישן קאָנגרעס" א. אנד.

1917 : דערשינען דער 5טער באנד פון זיינע „געזאמלטע שריפטן", „אין קאמף פאר פאָלק און שפּראך".

1918 : ארויסגעגעבן א ביכל: „ארץ ישראל און די יידישע ארבעטערשאפט, טענות אנטקעגן ארץ-ישראל", אנגעהייבן מיטארבעטן אין „צוקונפט", וואו פארעפנטלעכט גרינטלעכע אָפּהאנדלונגען.

1919 : דערשינען אין זיין איבערזעצונג „פרידריך ניצטשע — אזוי האָט גערעדט זאראטוסטרא" (א בוך פאר אלע און קיינעם ניט), 2 בענד, 466 ז"ז. ארויסגעגעבן אין פועלי-ציון פארלאג, ניו-יאָרק, א ביכל: „פון אסימילאציע ביז פועלי-ציון".

1920 : ארויסגעגעבן א ביכל: „פרידריך ניצטשע און זיין פילאָזאָפישער אנט-וויקלונגס-גאנג".

1922 : באנייט דעם זשורנאל „דאָס נייע לעבן", מיטרעדאקטאָר — ש. ניגער.

1923 : געמאכט א רייזע קיין אייראָפּע.

1924 : סוף יאָר, אין 1925, באזוכט פוילן, ליטע, לעטלאנד, אויפגעטראָטן מיט לעקציעס, געצויגן א גרויסן עולם.

1925 : נאָוועמבער — דעצעמבער, געפייערט געוואָרן זיין 60סטער געבוירנטאָג. ס'זיינען געשאפן געוואָרן יובל-קאָמיטעטן, אין וועלכע פארטראָטן פאר-שטייער פון אלע קרייזן און שיכטן.

1929 : דערשינען א גרויסער זשיטלאָווסקי-זאמלבוך אין ווארשע, 480 ז"ז. באזוכט מיט רעפעראטן א צאָל שטעט איבער אייראָפּע.

1930 : צוריקגעקערט זיך קיין אמעריקע מיט זיין נייער משפּחה, פרוי נאַרע, און 3 קינדער. געהאלטן רעפעראטן איבער די שטאטן און קאנאדע. אין קאָוונע דערשינען זיין ביכל „אונדזער שפראכן-פראגע".

1931: געהאָלפן גרינדן די יידישע קולטור-געזעלשאַפט און דעם זשורנאַל „יידיש״.

ארויסגעגעבן זיינע לעקציעס: „וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע, רעליגיע״, פּאַרעפנטלעכט אין „טאָג״, „צוקונפט״ גרעסערע ווערק, ווי „דער זין פון מענטשלעכן לעבן״, „מיינע אני מאמינס״, „מאָדערנע יידישע פּראָבלעמען״ א. אַ. אנגעהייבן שרייבן זכרונות פון זיין לעבן.

1935: דערשינען דער ערשטער באנד „זכרונות פון מיין לעבן״, 288 ז״ז.

עס ווערט געפייערט זיין 70טער געבוירנטאָג, מיט ספּעציעלע יובל-אויסגאַבעס.

1937: זיך באַטייליקט אין די צוגרייטונגען צום אלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס, געווען פאָרזיצער פונעם אמעריקאַנער קאָמיטעט. פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען לטובת דעם קאָנגרעס. צוליבן שוואַכן געזונט-צושטאַנד ניט געקענט פאָרן קיין פּאַריז. זיין רעפעראַט איז געלייענט געוואָרן דורך ז. וויינפּער.

1938: ווי דער פּרעזידענט פונעם איקוף באַטייליקט ער זיך אין דער אָרגאַניזאַציע, טרעט-אויף אויף פאַרזאַמלונגען, קומט צו זיצונגען, איז אין דער רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „יידישע קולטור״, וואָס הייבט אָן צו דערשיינען נאָוועמבער 1938.

דערשינען זיין בוך „סאָציאַליזם און מאָראַל״, 208 ז״ז.

1939: דערשינען זיין בוך „יידן און יידישקייט״, 280 ז״ז.

ארויסגעגעבן א ביכל „דער ייווו״אָ און זיינע אויפטועַן״. (אָפּדרוק פון „יידישע קולטור״).

1940: עס דערשיינט דער צווייטער און דריטער באַנד פון „זכרונות פון מיין לעבן״, 228 ז״ז, 224 ז״ז.

1941: עס איז דערשינען זיין בראָשור „אונדזער נייער קולטור-ווילן״, וואָס וויל דער איקוף? ארויסגעגעבן אין שיקאַגע זיין ביכל „די בית-שמאַי און די בית-הלל״ (א צוטראָג צו דעם גייסטיקן קאַמף פון דעם יידישן פאָלק פאַר זיין עקזיסטענץ), 48 ז״ז.

זיך אַקטיוו באַטייליקט אין שאַפן דעם „קאָמיטעט פון יידישע שרייבער און קינסטלער״, געווען פאָרזיצער. פאַרעפנטלעכט ארבעטן אין זיין אָרגאַן „איינִיקייט״.

1942: דערשינען דאָס ערשטע ביכל „אָן ענטפער מיינע קריטיקער״, 16 ז״ז.

1943: דערשינען די וויטערדיקע צוויי ביכלעך: „אָן ענטפער דוד פּינסקין״, 16 ז״ז; „אָן ענטפער שלום אַש און ה. לייוויקן״, 24 ז״ז. דערשינען א ביכל „די יידן און דער סאָוועטנפאַרבאַנד״, 32 ז״ז.

אין אַפּריל ארויסגעפאָרן אויף א טור קיין קליוולאַנד, דעטראָיט, שיקאַגע, וויניפּעג, וואו אויפגעטראָטן מיט גרויס דערפאָלג מיט לעקציעס. אין קאַלגאַרי, קאַנאַדע, געהאַלטן דעם דריטן רעפעראַט, קראַנק געוואָרן און דעם 6טן מאַי, פאַרנאַכט, געשטאָרבן אין עלטער פון 78 יאָר.

די לוויה איז פאָרגעקומען דעם 12טן מאַי, אין ניו-יאָרק.

1944 : געשאפן געוואָרן א קאָמיטעט ארויסצוגעבן זשיטלאָווסקיס ווערק. צוליב די שארפע אָנפאלן אויף ד״ר ח. זשיטלאָווסקין אין „פאָרווערטס״ פון חיים ליבערמאן, הלל ראָגאָף און אב. קאהאן — איז דערשינען א ביכל : „קעגן די אָנפאלער אויף ד״ר ח. זשיטלאָווסקי״.

1945 : דערשינען אין איקוף-פארלאג צוויי בענד פון „געזאמלטע שריפטן : „ייד און וועלט״ 320 ז״ז, און „דער זין פון מענטשלעכן לעבן״, 320 ז״ז.

**1951 : דערשינען : „ווייזיע און געדאנק״, 352 ז״ז, און א ביכל „י. ל. פרץ״,** 64 ז״ז. [1905, 1915, 1940].

1953 : צום 10טן יאָרצייט דערשינען זיין בוך „מיינע אני מאמינס״, 416 ז״ז.

1961 : עטאבלירט דורך די פריינד פון פראָגרעסיוו-וועלטלעכער דערציאונג א ד״ר חיים זשיטלאָווסקי-פאָנד פאר יידיש-וועלטלעכער דערציאונג, און דעם 19טן פעברואר אויסגעטיילט די ערשטע זשיטלאָווסקי-פרעמיעס.

דערשינען אין ישראל זיינע „כתבים,״ (אין העברעאיש), אינעם „ספרית פועלים״ צוזאמען מיטן וויינפער-מאָרגנשטערן-פאָנד, מיט א פאָררעדע פון ד״ר רפאל מאהלער, 484 זייטן.

1965 : ס׳ווערט אָפּגעמערקט חיים זשיטלאָווסקיס 100-סטער געבוירנטאג.


Dr. Ch. Zhitlowsky
Mount Airy Road
Croton-on-Hudson, N.Y.

דעם 23-טען סעפטעמבער 1942

מיין ליבער נ. מייזל: —

א בריוו פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי צו נחמן מייזיל

## דערשינען אין פארלאג „חיפה״

### ביי דעם יידישן שרייבער־פאראיין אין חיפה:

| | |
|---|---|
| מ. קראַשניץ און ד. ראַדין (רעד.) | „חיפה״ נומער 1 |
| מרדכי קראַשניץ | **אייגנס** |
| רבקה קוויאטקאָווסקי־פּנחסיק | **בידיים נאמנות (העברעאיש)** |
| דוד ראַדין | **דער שמעטערלינג** |
| מרדכי קראַשניץ | **נאטור און מענטש** |
| מ. קראשניץ און ד. ראַדין (רעד.) | „חיפה״ נומער 3—2 |
| רבקה קוויאטקאָווסקי־פּנחסיק | **אין זיבערע הענט** |
| נחמן מייזיל | **ד״ר חיים זשיטלאָווסקי 1965—1865** |